STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06657

BLUMEN UN DERNER

Judah Guze-Rivkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גוז-ריזוקין
(י. ל. בערדיטשעווסקי)

בלומען און דערנער

דערציילונגען, בילדער,
שטימונגען און לידער.

ליטעראַרישער פאַרלאַג
ניו יאָרק — 1924.

Copyright by
J. GUZE-RIVKIN
1924.

עהרען ליסט פון סובסקרייבער
אין צווייטען בוך.

ו. גאָלד-רויווקין.

(ו. ל. ברעפּיסעווסקי.)

דער שרייבער פון דעמדאָזיגען בוך האָט פאַרעפענט־ליכט זיינע זאַכען אין פאָלגענדע ציימונגען און צייט־שריפטען:

„דער טאגעבלאט", „די נייע וועלט", דער „פאָרווערטס". „דער מאָרגען־זשורנאל", „דער אמעריקאנער", פילאדעל־פיער אידישע וועלט", „די פרייהייט", „דער טאָג", „די פרייע ארבייטער שטימע", „דער וועקער", „דער קונדס" און אנדערע.

(מיין מאַמען א מתנה)

ס׳איז ווייט דער וועג...

ס׳איז ווייט דער וועג. א ברייטער ים.
די שיף — מ׳מוז באַצאָלען...
און שומרים שטייען ביי דער זייט
פון דורכגאַנג זייער שמאָלען...

אוועק אַ יאָר. שוין צען אַוועק.
פאַרטריבען פון מיין מאמען...
און וועל איך קענען קומען שוין, —
צי וועל איך ניט פארזאמען?...

ס׳איז ווייט דער וועג. אַ טיפער ים.
א טיפער תהום פון לעבען...
„מיין ביכעל" וועט א הייסען קוש,
אַ גרוס דיר איבערגעבען!!...

י. גוז־ריזוקין.

אינהאלט:

I. דערציילונגען, בילדער און שטימונגען

	זייט
אין וואלד	11
איינער	17
צוויי ברידער	21
דער הינט־שלעגער	25
ס׳אַמעריקע	28
אַ רוף	32
דער פעדלער	35
פרנסה	38
דער פעלדשער	42
שלעכטע צייטען	47
אומגעריכט	52
יאנקעל דער שוסטער	58
דאָס קווערטעלע יאָדערען	62
די ראַבע קו	67
געזעץ	71
סאָני	76
צוליב ערד	81
בעני	81
בעני	86
אויפ׳ן גאָרטען	90
די קאַפּאָטע	96
ציגיינער	101
בלומען	105
אין קעמפּ	109
אין סיגאר־פאבריק	118
אַרבייטסלאָזע	126
אַ קליין מענטשעלע	130
דאָס ניגערעל	133
דער קליינער ברויט־געבער	137
שטיוועל־פוצער	140
אַן אויפשריפט	144
דער לאקיי	148
דער אויל־קלאָט	150
נאָך סקול	153
שאָטענס	157
אוי, די קינדער	160
ווינטער אויף די בערג	163
פאַרנאַכטיגע שטריכען	166
אין פעלד	169
פארנאַכט אין פּאַרק	171
פאַרנאַכט אויף די בערג	173

	זייט
ביינאכט	175
קלאנגען	177
די בוימער רעדען	180
אַ ווינטעלע וויינט	181

II. הומארעסקען און פעליטאָנען

יאנקעל־עלי	189
אַן אָפּטער גאסט	193
ווי די רייכע	198
מזל	201
הילף	204
אַ שפּיל פון א „פופציגער"	207
אַ גוט הארץ	210
אַ טרוקענע טובה	213
א מיליאָנער	216
א גוטע שכנה	219
ביים דאָקטאר	222
די שפּראכען קענערין	225
שפּילען	228
זי דיינקט	231
אנאטאָמיע	235
געטרייע עלטערן	239
„ברודערשאפט"	242
גרונם דער דיכטער	224
אַ נודניק	246
מ'ריכט זיך	247
שרעק	251
גרויסע מענטשען	254
אַ לעבען פון טויטע	257
מלחמה	260
אוי, דער קלימאט	263

III. לידער

אין א שפּעטער שעה פון נאכט	269
וואוהין?	273
אוקראינע	274
ברכה מילאכאָוויטש	275
מיין טאַטע	277
אין דער פאַרנאכטיגער שעה	279
פאַרנאַכט	279
גלויבען	280
נאַריש	281
נאַכט	282
דעמערונג	283
עס וויינט די נאכט	283
א וואָלקענדעל	284
וואָלקענדלאך	285
רעגענדעל	286

	זייט
שניִיעלאך	286
בלומען	287
ס'איז עמיצער שולדיג	288
אַ וויג־ליד	289
די טויב	289
איך האָב ליב	291
בלימעלאך	292
גרינט אַ בוימעלע	293
אויבען און אונטען	293
שטילקייט	294
דאָס הינטעל	295
קלאַנגען	296
די לידעלאך דיינע	296
שפּילט די זון זיך	297
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט	298
קום צו מיר	299
צום פּראָלעטאריער	300
איך האָב א מיטעל	302
אַ ווינטעלע רעדט	303
קינדער	304

דערציילונגען, בילדער
און שטימונגען.

אין וואלד.

מאטוויי האט געדינט ביים פריץ גראזיצקי. ער האט נאך געקענט דעם פריץ אלס קליין אינגעלע און דערפאר האט דער פריץ מאטוויי'ען ליב געהאט און אים געגעבן א גרינגע שטעלע אלס אויבער־וועכטער אין וואלד.

אלע זיינע יארען האט מאטוויי פארבראכט אין וואלד צווישען בוים און בלום, פויגלען און לויטער־שטילען וואלד־געמורמעל...

א קליין שטיבעלע איז געשטאנען ביים וועג און האט אויס־געזען אזוי פאנטאסטיש, שטיל, ליב און רואיג. און אינווייניג האט מאטוויי פארבראכט זיינע יארען.

ער האט ניט ליב געהאט די שטאט מיט'ן טומעל, מיט'ן געלויף. וואלד איז געווען זיין לעבען, בוים איז געווען זיין שפראך, פויגעל־געזאנג — זיין בעסטע מוזיק, וואס ער האט געהערט...

און זייענדיג א וואלד־מענטש איז ער כמעט געווארען א טייל פונ'ם וואלד: ער האט פארמאגט א געזונטען קערפער, רואיגען גייסט און א ברייטע, ווי דער וואלד, טיפע נשמה...

אלע האבען אים ליב געהאט און זיין נאמען איז געווען באַ־וואוסט ווייט, ווייט אוועק אין דערפער און אין אנדערע וועלדער.

הינטער אים זיינען געווען א גרויסע צאל וואלד־וועכטער און האבען אלץ געטאן, ווי ער האט געהייסען.

„דיעדושקא מאטוויי" האבען זיי אים אלע גערופען און גע־קוואלען פון זיינע וויציגע מעשה'לאך, וואס ער האט ליב געהאט דערציילען.

און ער איז געווען א מייסטער צו פלעכטען מעשה'לאך פאנ־טאסטישע און אבערגלויביש־געשאפענע.

א ווינטער־נאכט. אין דרויסען גרימערט דער פראסט, א ווינט ווייעט און שמועסט מיט די סאסנע־בוימער און זיי ענט־

פערען אים מיט אזא תחנונים־קול, גלייך זיי וואלטען עפעס בעטען ביי אים, דעם ווינט, ער זאל מיטלייד האבען און ניט ארויס־טרייסלען זייערע נשמות, געפילען, און גיי לאזען שטיין רואיגע, געלאסענע, און טרוימען א שטילע ווינטער־אילוזיע...

עטלאבע וועכטער זיצען לעבען קאלד־אויוועלע (ליזשאנקע) און הערען זיך צו צום דיערושקא מאטיי. — — —

— שוין לאנג אין דעם, בלאפצי (קינדער), איך בין געווען יונג, קרעפטיג, געהאט א ווייב מיט צוויי קינדער און געדינט, אלס וועכטער, ביים אלטען פריץ, א ליכטיגען גן־עדן זאל ער האבען! געווען א טייערער מענטש. מיט הארץ און מיט געפיל. ער האט מיר איינמאל אליין געזאגט, אז די וועלט איז ניט קיין ריכטיגע. מענטשען וואלטען געדארפט זיין אלע גלייך און געניסען פונ'ם לעבען, אבער ס'זיינען דא „גרויסע" ערגעץ אין דער גובערניע (שטאט), וואס דערלאזען ניט: ווילען נאר פאר זיך און האלטען דעם נאראד (עולם) אין דער פינסטער. א וואוילער מענטש גע־ווען, קינדער, גאר א וואוילער!...

— האב איך, איינמאל אין א זומער־נאכט, אזוי געהיט דעם וואלד־טייל, וואו איך בין אנגעשטעלט געווארען, פארוויכערט די ליולקע און שפאציר מיר אזוי מיט'ן ביקס אויף די פלייצעס און דעם גראבען שטעקען אין האנט.

— אוי, איז דעמאלט געווען א נאכט, קינדער, א גאטס־גע־שאנק! איך בין דאך אלע מיינע יארען א וואלד־מענטש, אבער יענע נאכט וועל איך קיינמאל ניט פארגעסען! די בוימער האבען גערעדט, אבער ניט אויף קאטאוועס: די בוימער האבען גערעדט! אזא שפראך האב איך נאך אויף מיין לעבען ניט געהערט און וועל שוין ניט הערען. איך האב זיך צוגעהערט צו זייער געשפרעך: איין בוים האט דערציילט דעם צווייטען, אז די וועלט איז א פינסטערע, ס'קומען פאר אומגליקען, רויבערייען, מ'שטראבט פאר הונגער, מלחמות קומען פאר, און אלע בוימער האבען אזוי גע־וויינט, געקלאגט, אז ס'האט מיך ארומגעכאפט א טויט־שרעק און איך האב אנגעהויבען וויינען!

— ס'האט זיך מיר געוויינט, אזוי זיך, ווי פון א קוואל

שלאגט וואסער... איך האב זיך גוט אויסגעוויינט, אויסגעוואשט די אויגען און זיך אוועקגעזעצט אויף א „פיען", אויסרוען אביסעלע. ווידער אנגעלייגט די ליולקע מיט „טוטין" און רויכער מיר אזוי.

— אגו, זע איך ניט ווי עמיצער קאראבקעט זיך אויף א בוים ? ! דאס הארץ טוט א ציטער, אין די שלייפען האמערט. אבער איך כאפ ארונטער מיין ביקס און צילעווע זיך גלייך אויפ'ן בוים.

— קטא טאם ? (ווער איז דארט) — פרעג איך בייז. — מ'ענטפערט ניט.

— סטריעליאיו ! (איך שים). ענטפערט !

— א מענטש ! — האב איך דערהערט א קול.

— קום ארונטער צו מיר ! האב קיין מורא ניט, איך בין אויך א מענטש, — און דאס הארץ מיינס זעצט, ווי א האמער...

ס'האט גענומען א צוויי־דריי מינוט און א יונגערמאן איז געשטאנען לעבען מיר.

— ווער ביזטו ? — פרעג איך אים שטריינג.

— אט, פארבלאנדזשעט אין וואלד ! — ענטפערט ער.

— איך האב אים געגעבען פאררויכערען, בארואיגט, און גע־געבען א פייף. צוויי וועכטער זיינען באלד געווען לעבער מיר און איך האב זיי באפוילען אויפפאסען אויף מיין טייל וואלד, ווייל איך גיי צו זיך אין שטיבעל עפעס געבען עסען א פרעמדען מענטשען. (איך בין דעמאלט אויך געווען א שטיקעל עלטסטער.)

— איך האב דעם גאסט גענומען צו זיך, געגעבען עסען און ער האט מיר דערציילט, אז ער קומט פון א וויטער גובערניע, איז א זון פון רייכע פריצים, א סטודענט, אבער ער וויל אויסבעסערען די וועלט: זי געפעלט אים ניט, ווייל מ'דריקט צופיל דעם נאראד. (עולם). ער האט גערעדט אקוראט ווי דער אלטער פריץ, א ליכ־טיגען גן־עדן זאל ער האבען. געווען א טייערער מענטש, געווען !

— זאג מיר, גוטער מענטש, וואס האסטו געוויינט, זיצענדיג אויפ'ן פיען ? — האט ער מיך א פרעג געטאן.

— איך האב זיך אביסעל פארשעמט און אנגעגעבען א תירוץ,

אבער ער האט אלץ געבעטען איך זאל דערציילען. האב איך דערציילט:

— אויפ'ן הארצען, פריינט, אנגעשוואומען א שווערקייט און די בוימער האבען אזוי שיין געדערט, זיך געבעטען, געוויינט: בוימער קענען אויךליידען און וויינען! האב איך אויך מיטגע־וויינט. וואס, ס'לעבט זיך דען אזוי גוט אונזערען א ברודער אויף דער וועלט?...

— איז ער מיר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז און אזוי גע־וויינט, געוויינט און מיך געקושט. און מיר האבען ביידע גע־וויינט... און די בוימער האבען געוויינט, דער הימעל האט אזוי ערנסט אויסגעזען דעמאלט אין יענער שיינער, פאנטאסטישער נאכט!...

— מ'זוכט מיך, חבר, און איך מוז זיך באהאלטען, ווייל אויב מ'כאפט מיך, איז גלייך די „פעטליע" ! פארשטייסט?

— איידער ס'איז טאג געווארען איז ער אוועק און מיר האבען זיך הארציג געזעגענט. א ליבער מענטש געווען, קינדערלאך, א דימענט! זיך מקריב געווען פאר'ן פאלק און אליין א זון פון סאמע גראפען! א גאלדענער מענטש, א מענטש מיט נשמה, און א סך פון זיי האבען אוועקגעגעבען זייער לעבען פאר'ן גרויסען אידעאל צו באפרייען די מענטשהייט פון שקלאפעריי און ליידען!

די וועכטער זיינען געזעסען פארגאפטע מיט די ליולקעס אין מויל און געשלונגען דעם דיעדושקאס ווערטער. האבען געוואלט ער זאל קיינמאל ניט אויפהערען דערציילען פון יענע מעשה'לאך, וואס האבען אזוי געוועקט גלויבען אין א שיינער, ריינער וועלט...

פלוצים, מ'פייפט און א שיסעריי פאלגט גלייך.

אלע האבען א כאפ געטאן די ביקסען און ארויס פונ'ם שטיבעל. א טרעוואגע אין וואלד. דער וואלד זשומעט און די בוימער קענען ניט איינשטיין אויף אן ארט...

מ'האט געכאפט גנבים, וואס האבען גע'גנב'עט האלץ.

די וועכטער האבען געשלאגען די ארימע גוי'אים, און ווען יענע האבען זיך געשטעלט אנטקעגען, האבען זיי אנגעהויבען

שיסען: זיי איבערשרעקען, און אויב זיי וועלען זיך ניט האלטען רואיג, וועלען זיי שיסען אויף זיי...

מאטוויי איז אנגעקומען מיט די עטלאכע וועכטער און ס'איז געווארען שטיל: ער וועט שוין לאדען!

די גוי'אים זיינען געווען צעבלוטיגט און קוים וואס זיי האבען זיך געהאלטען אויף די פיס...

— ווער האט זיי אזוי צעשלאגען? — האט מאטוויי מיט רוגזה א פרעג געטאן.

— דיעמיאן! — האבען איניגע וועכטער געענטפערט.

מאטוויי האט לאנג ניט געטראכט און ארונטערגעלאזט דיעמיאנ'ען אזא פאטש אין פנים, אז יענעם איז פינסטער גע־ווארען אין די אויגען...

— שלאגען האסטו קיין רעכט ניט, מערדער דו, היצעל איינער! מ'ברייננגט זיי צו מיר און איך וועל שוין אליין לאדען!

אלע וועכטער האבען געשוויגען און די ארימע, צע'ממית'טע, צעבלוטיגטע גוי'אים האבען ניט פארשטאנען וואס דא קומט פאר?...

— נעמט יעדער איינער אביסעלע האלץ און פארט אהיים. אבער ווייטער, אויב איר דארפט האלץ, קומט צו מיר און איך וועל אייך שוין פארקויפען ביליג. איר דארפט ניט גנב'ענען, ס'איז פאסקודנע פאר ארענטלאכע מענטשען, ווי מיר זיינען, צו גנב'ע־נען!...

— ספאסיבא, ספאסיבא (א דאנק), גוטער מענטש! — און די צעבלוטיגטע, גליקלאכע גוי'אים זיינען אוועקגעפארען.

אין א וואך ארום האט דער פריץ גראזיצקי גערופען צו זיך מאטוויי'ען און אים אויפמערקזאם געמאכט אויפ'ן טאט, למאי ער גיט אוועק האלץ אומזיסט. (מ'האט אים פאר'מסור'ט צום פריץ.)

— ליבער פריץ, איך קען ניט שלאגען אן ארימען גוי, וואז ער דארף אביסעל האלץ צו דערווארעמען זיין כאלופקע!... די ביבעל הייסט לערנען, אבער ניט שלאגען! איך גיב זיי האלץ פאר בילינער, אבי זיי זאלען ניט גנב'ענען, ווייל דער וואלד, די ערד און די מענטשען באלאנגען צו גאט, און גאט הייסט אזוי צו זיין!...

— אי, מאטוויי, מאטוויי! ביזט א גאנץ וואוילער מענטש, אבער עפעס ביזטו ניט מיט אלעמען! ס'איז דאך מיין אייגענטום און דו גיסט עס אוועק אומזיסט צו גנבים!...

— זיי זיינען ניט קיין גנבים, פריץ, זיי זיינען ארימע מענטשען, און אויב מ'גיט ניט פרייווילינ, דארפען זיי גנב'ענען!...

— און וועסט ווייטער אויך אזוי האנדלען, מאטוויי?

— וויפיל איך וועל לעבען, פריץ!...

— דאן וועל איך דיך מאכען פאר אוים וועכטער איבער אלע און וועסט זיין א „שטיקעל מענטש ביי מיינע פערד אין שטאל!...

מאטוויי האט גארניט געענטפערט, נאר אפגעווישט א טרער פון זיינע אויגען...

לאנג האט ער אבער קיין „שטיקעל" מענטש אין שטאל ביי די פערד ניט געקענט זיין, ווייל ער איז געווען א גאנץ „גרויסער" מענטש און דערצו האט ער זייער ליב געהאט דעם וואלד מיט זיין ברייטקייט און טיפקייט... ער האט זיך אליין אפגעזאגט פונ'ם שטיקעל ברויט, וואס ער האט פארדינט אין שטאל, און איז אוועק צוריק אין וואלד אריין...

אלע וועכטער האבען אים געקענט, די גוי'אים פון די ארומיגע דערפער, — און זיי האבען שוין געזען ער זאל פון הונגער ניט שטארבען...

און טאג און נאכט איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן וואלד צווישען די וועכטער, זיי דערציילט מעשה'לאך, געלערנט ווי צו באהאנדלען א מיטמענטשען און איז — — — געשטארבען אין וואלד...

ביז היינטיגען טאג נאך טראגען זיך ארום לעגענדעס, אז מאטוויי שפאצירט ארום איבער'ן וואלד און די וועכטער דערמאנען זיין נאמען מיט אכטונג און יראת הכבוד...

— — — — — — — — — —

געוויס. דער אלטער מאטוויי לעבט נאך טאקע און שפאצירט ארום איבער'ן וואלד: זיין גייסט, זיין לערע, זיינע טאטען, זיין אידעאל לעבען, און וועכטער, גוי'אים דערמאנען אזוי אפט דעם אלטען מאטוויי'ען, דעם גרויסען מענטשען, וואס האט געלעבט און לעבט נאך היינט אויך — — — — אין וואלד...

איינער.

זונטאג גאנץ פרי, ווען ס'איז נאך געווען גרוי אין דרויסען, פלעגט שוין פייוועלע גיין מיט א זעקעל אויף די פלייצעס. אין וועלכען ס'איז געלעגען א גרויסע שער, עטלאכע קלעצלאך בייוועל, דער טלית און תפילין, א ברויט, עטלאכע ציבעלעס, אביסעלע זאלץ אין א פושקעלע פון שוואוואקס, איינגעוויקעלט די זאלץ אין א פאפירעל...

אט אזוי פלעגט ער גיין פון איין דארף צום צווייטען און אר־בייטען ביי שניידעריי. קיין גרויסער מומחה אין שניידעריי איז ער, ווייזט אוים, ניט געווען. גוי'אישע פעלצען אדער סווימקעס האט ער געניית, אויך ביי איינינגע האלבע פריצים פלעגט ער אר־בייטען. זיי האבען אים אלע ליב געהאט פאר זיין שטילקייט, עניות און ארענטלאכקייט.

— טא־טא טשעסטני זשידאק! — פלעגען אלע זאגען אויף אים. קיינמאל ניט צוגענומען ביי יענעם וואס ס'איז ווערט א גראשען.

— וואס דארף איך עס? — פלעגט ער אליין זאגען. — איך בין צופרידען מיט דעם וואס גאט גיט.

און טאקע אין דער אמת'ען איז ער געווען איינער צווישען פילע...

— איך מאך מיר א שטיקעלע לעבען! — איז א גרויסען דאנק גאט!...

יעדען פלעגט ער דעם גוט־מארגען אונטערטראגען ממש אונ־טער דער נאז... זעלטען ווען ער האט זיך געבייזערט. א גוטמוטיג שמייכעלע פון א העכסט גוטען מענטשען האט זיך שטענדיג צעגאַ־סען אויף זיין רוהיגען, טיפיש־אידישען פנים.

אז ער איז עלטער געווארען, שוואכער, האט שוין געהאט קינדער און קינד'ס קינדער, האט ער אויפגעהערט גיין איבער די דערפער און איז געבליבען אין שטאט.

ער האט ערגעץ אפגעקויפט אן אלטע מאשינקע, פונקט אזוי אלט, ווי ער איז אליין געווען און האט זיך געארבייט שטילער־קערהייט אויף איר.

אז איך פלעג דורכגיין צופעליג און באמערקען ווי דער אל־טיטשקער ר׳ פייוועלע זיצט זומער ביי אן אפענעם פענסטער, מיט דער אפגעריבענער יארמעלקע אויפ׳ן קאפ און ארבייט אזוי פלייסיג אויף דער אלטער מאשינקע, צוזינגענדיג א אידיש מלוה מלכה ניגונ׳דעל, פלעג איך זיך אפשטעלען און לאנג באטראכטען אט דעם שטילען, גוטען, רואיגען מענטשעלע, מיט אזא פעסטען און שטארקען גלויבען אין גאט... און אזוי וויניג פארלאנגען פון דער זינדיגער, תאוה׳דיגער וועלט...

איך מוז מיך מודה זיין, אז איך האב שטארק מקנא געווען אט דעם מענטשעלע!...

א רוהיג, שטיל הארץ אהן ברויזענדע כוואליעס, מיט בטחון אז אזוי דארף זיין, און אזוי מוז זיין!...

פלעגט ער מיך דערזען פון ווייטען שטיין, האט ער זיך א הויב געטאן פון מאשין, און מיט א שמייכעלע, וואס איז זיסער ווי האניג, מיר א זאג געטאן א ברייטען גוט מארגען.

איך פלעג שוין צוקומען נעהענטער און מיט איהם אביסעלע פארברייגגען.

אז אמת׳ן יראת הכבוד האב איך געהאט צו דעם אלטיטשקען.

— ווען אלע מענטשען זאלען אזוי זיין! — פלעג איך ניט איינמאל א טראכט טאן. — אך, ווי גוט, ווי פריי ס׳וואלט געווען אויף אונזער זינדיג וועלטעל!... ס׳וואלט געהערשט שלום, רוה, ליבשאפט, און איבערגעבענהייט...

איך פלעג מיך פילען קליין קעגען אט דעם נאאיווען, טייערען ר׳ פייוועלע.

ער האט אפגעארבייט א פאר שטונדען און זיך אוועקגעגאנגען צום רב פון שטעטעל הערען א אידיש ווארט... טרינקען א גלעזעל טיי און מיט עפעס משמש זיין דעם רב...

דער רב האט פון אים שטארק געהאלטען, מעגלאך, אז ער האט שטילערהייט אין אים געזען א ל״ו׳ניק...

אין דער אמת׳ן איז טאקע נישט אנדערש געווען, אז ר׳ פייוועלע איז א נסתר... צו פיין, צו גוט פאר א געוויינלאכען בשר ודם...

דער רב האט מיר איינמאל אזאג געטאן:

— איך זאג אייך דעם אמת, איך האב נאך אזא טייערען מענטשען ניט געזען!

און שטעלט אייך פאר, אז דער רב אליין איז אויך געווען פון די אויסנאם לייטישע רבנים.

איינמאל אבער האב איך געזען אזא בילדעל מיט אט דעם ר' פייוועלען אז איך האב ממש געשטוינט.

גאנץ פארשטענדלאך אז פאר רייכע בעלי בתים האט ר' פייוועלע ניט גענייט... ער פלעגט פאריכטען אלטע זאכען פאר ארימע בעלי מלאכות אדער אזוי קבצנים פון שטעטעל, וועלכע זיינען גראדע געווען נישט ווייניג ביי אונז.

וויפיל דארף אין גאנצען איין מענטש האבען? ווער שמועסט אזא ווי ר' פייוועלע (זיין אידענע איז אים געהאט אפגעשטארבען), א פאר גולדען א וואך און ס'איז די והותר...

גיי איך מיר אזוי פארביי דעם פענסטער וואו ער פלעגט ארבייטען. וואס איז דאס? איך הער עפעס ניט זיין זיסען געזאנג. איך הער גאר עפעס א פרעמדע שטים און אויך א געלעכטער.

—נו, — טראכט איך מיר, עפעס מוז שוין זיין!

איך בין צו צום פענסטער און זע ווי ר' פייוועלע האלט אין האנט אן אלטע קאפאטע און משה דער לאטאזשניק (א שוסטער) שמייכעלט.

— וואס איז געשען! — פרעג איך.

דערציילט מיר משה אזא געשיכטע:

זיין שבת'דיגע קאפאטע איז שוין אזוי צעריסען, אז ער קען זי מער ניט אנטאן צו גיין אין שול אריין. קויפען א נייע האט ער קיין געלט ניט, (א קבצן אין זיבען פאלעס, און א מטופל מיט א קארגען צענדליג קליינווארג...) האט ער זיך באדעכענט, ער וועט זי אוועקטראגען צו ר' פייוועלען פאריכטען, און דא צעלאכט ער זיך אויף א קול.

— וואס־שע לאכט איר? — פרעג איך אים.

— טרעפט וויפיל ר' פייוועלע הייסט זיך געבען?

דא האב איך זיך ממש דערשראקען:

— סטייטש, סטייטש? זאל עס דער פרומער, גאטספארכ־

טיגער ר׳ פייוועלע וועלען באַרייסען אַ קבצן, אַז אָרימע אידען? ביי וואָס? ביי אַ צעריסענער קאַפּאָטע, וואָס מיט איר גייט ער אַלע שבת אין שול אַריין?

עס האָט זיך אין האַרצען ביי מיר ווי עפּעס אָפּגעריסען!

— סטייטש, סטייטש!... איך האָב געוואָלט אַז צווישען אַזוי פיל מענטשען זאָל כאָטש זיין איינער אַ ריכטיגער, מיט אַ ריין גוט האַרץ און איידעלע געפילען.

און דאָ, אוי ווי!... ר׳ פייוועלע?!... אָט דער נאָבעלער מענטש? און כ׳טו ווידער אַ פרעג:

— מיט וואָס זשע זיינט איהר זיך צעגאַנגען?

— וואָס צעגאַנגען, ווער צעגאַנגען! — שרייט משה מיט די גרויסע לאַפּעטע ציין פון פאַרענט...

— ער וויל, ער וויל!... און שטשירעט אַלע די ציין.

— וואָס וויל ער? — לאָמיך שוין הערען!... — האָב איך אומגעדולדיג אויסגעשריגען.

—ער וויל צוואַנציג קאָפּיקעס! — זאָגט משה זיך אַרויס געלאַסען.

— נו, און וויפיל ווילט איר אים געבען? — טו איך אַ פרעג און קוק בשעת מעשה אויף דער צעריסענער קאַפּאָטע, ווי זי איז הוילע לעכער...

— וואָס הייסט וויפיל איך וויל? — לאַכט אַלץ משה.

— איך וויל אים געבען דרייסיג קאָפּיקעס!...

— און ער וויל ניט הערען דערפון: ס׳איז מער ניט ווערט — זאָגט ער.

גלייך אַ שטיין וואָלט זיך מיר אַראָפּגעקייקעלט פונ׳ם האַרצען און ס׳איז געוואָרען אַזוי גרינג, גוט און מחיה׳דיג...

ר׳ פייוועלע האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, נאָר זיינע געדיכטע, גרויע ברעמען האָבען זיך געוואָרפען און זיינע גוטע אויגען האָבען געפינקעלט ווי צוויי שטערען אין הימעל...

איך בין נאָך געשטאַנען אַ ווייל און זאָגענדיג אַ וואַרעמען זיי געזונט צום אָרענטלאָכען ר׳ פייוועלען, בין איך אַוועק מיין וועג.

זייענדיג אליין האב איך ערשט דערפילט דאס גרויסקייט פונ'ם אלטינקען ר' פייוועלע און די ווערטער פונ'ם רב האבען גע־פונען א תיקון ביי מיר אין דער נשמה:

— אט דאס הייסט א נסתר! א ל־ו'ניק!...

——<>——

צוויי ברידער.

בעריל און חיים זיינען געווען לייבלאכע ברידער. אויסערלאך זיינען זיי געווען געראטען איינער אין צווייטען, אבער אינערלאך זיינען זיי געווען פארשידען.

בעריל איז געווען א לערנער, א בן תורה מיט וועלטלאכע מא־ניערען און א אויסגעארבייטען בליק און מיינונגען אויפ'ן לעבען.

חיים איז געווען א גאנץ איינפאכער מענטשעל, אהן תורה, געוויינלאכע מאניערען און זיינע בליקען אויפ'ן לעבען זיינען גע־ווען אט אזוי זיך, ווי ביי פיעל מענטשען פון פאלק...

געוויסע מאטעריעלע אומשטענדען האבען פאראורזאכט, אז בעריל זאל ווערען א גרויסער למדן, א קענער און חיים זאל פאר־בלייבען א פראסטער, איינפאכער מענטש.

און אזוי ווי לעבען דארף מען, האט יעדער פון זיי זיך גענו־מען צו אן עובדא, וועלכע האט פאר אים געפאסט.

בעריל איז געווארען א סוחר פון וואלד, א מעקלער, און חיים האט געמוזט ווערען א טרעגער.

נאטירלאך, האט בעריל זיך מער אנגעזען אין שטאט ווי חיים.

ווער אינטערעסירט זיך עם מיט א מענטש — א טרעגער?...

א סוחר איז שוין עפעס אנדערש און דערצו נאך א איך א למדן...

זיינען זיך יארען אזוי געלאפען און די צוויי לייבלאכע ברידער האבען געלעבט יעדערער אין זיין ספערע, אין זיינע ראמען.

זיי האבען זיך אפט באגעגענט און געשמועסט פון אזוינע זא־כען וואס צוויי לייבלאכע ברידער קענען שמועסען. ניט קוקענדיג דארויף וואס זיי זיינען געווען צוויי פארשידענע טיפען. מ'איז דאך אבער ברידער און דאס לעבען איז אזוי, אז צוויי מענטשען.

זוי ווייט זיי זאָלען ניט זיין איינער פונ׳ם צווייטען, אויב זיי ווי־לען נאָר, קענען זיי זיך צוזאַמענריידען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די צייט און בעריל האָט גע־דאַרפט חתונה מאַכען אַ טאָכטער. ער האָט אַ שידוך געטאָן איז אַ רייך הויז און מ׳האָט געפּראַוועט „אַ חתונה" גאָר געהויבען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ אידען אַ למדן ווי בעריל, און זיין מחותן אויך אַ איד אַ למדן און דערצו נאָך אַן עושר...

האָט מען זיך געגרייט און געגרייט. איינציגע וואָכען פריהער האָט מען שוין אָנגעהויבען טאַראַראַמען וועגען דער חתונה.

און, ווי דער שטייגער איז, האָט מען צעשיקט „בילעטען" — איינלאַדונגען צו די געסט און נאָענטע, זיי זאָלען קומען צו דער חתונה.

דער טאָג פון דער חתונה איז געקומען: כמעט די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען ווי אויף רעדלאַך, מ׳איז געלאָפען, געפלויגען, ממש, און די קלעזמער לאָזען זיך שוין הערען.

ס׳זיינען זיך שוין צוזאַמען געפאָרען אַלע מחותנים, געסט און פריינד, נאָר איין קרוב איז ניט געקומען און דאָס איז געווען דער לייבלאָכער ברודער — חיים דער טרעגער...

ער איז ניט געקומען, ווייל מ׳האָט אים ניט גערופען. און ווירקלאַך, וועր אינטערעסירט זיך מיט אַ ברודער, וואָס איז ניט קיין „למדן" און נאָך דערצו אַ טרעגער?....

האָט מען זיך משמח געווען אָהן דעם ברודער. מ׳איז געקומען פון דער חופּה, און אַלע געסט האָבען זיך אויסגעזעצט אַרום די רייך־סערווירטע טישען עסען די „חופּה־וועטשערע".

חתן־כלה זיצען אויבען אָן פאַרפּוצט אין עסיג און אין האָניג, די נאָענטע פריינדינעס — מיידלאַך (די דרוזשקעס) זיצען ווי „אַ לייב־גוואַרדיע" אַרום זיי און די קלעזמער שפּילען אַן אומעדיגען מאַרש וואָס דערמאָנט אָן קליינקייט, ניט לאַנג געדויערנדעס, שטיל אומבאַמערקט פאַרגייענדעס...

אין גרויסען זאָל איז שטיל... שאַ!

די קלאַנגען פון פידעלע ווייגען, כליפּען און דערציילען פון וועלטען, וואו אַלעס איז גלייך, ניטאָ קיין אונטערשייד פון מענטש

צו מענטש, פון למדן צום טרעגער — פון רייך צו ארים — אלע גלייך...

אלע געסט זיצען פארגאפט און אויף זייערע געזיכטער מערקט זיך עפעס א טיפער געדאנק פון באנג און צווייפעל, טרויער און שרעק...

און דאס פידעלע וויינט, וויינט, דערציילט אויף קלאנגען־שפראך פון אזוינע זאכען, וואס מענטשען רעדען זעלטען אין געוויינלאכען לויף פונ׳ם לעבען...

זעליג דער קלעזמער זידעלט, דורך זיין פידעלע, די מענטשען פאר זייערע גראבע האנדלונגען, פאר באליידיגען א ווייטען, א נאענטען, און ווייזט זיי אן זייער קליינקייט, נישטיקייט און דערמאנט זיי, אז באלד, באלד און דער חלום — דאס מענטשלאכע לעבען איז צו ענדע...

די פרויען וויינען, די מענער זיצען ערנסט און חתן־כלה זיינען פארטראכט...

אנטשוויגען געווארען איז דאס צארטע פידעלע, די לעצטע טענער זיינען ווי אפגעשטארבען און זעליג דער קינסטלער־קלעזמער האט אויפגעעפענט זיינע אויגען : ער האט שטענדיג געהאלטען זיינע אויגען צוגעמאכט ווען ער האט געשפילט, געוואלט אביסעל ווי טאן מענטשען..

אט אין יענעם מאמענט פון שטימונג האט זיך פלוצלינג באוויזען חיים דער טרעגער אנגעטאן אין זיין אלט פעלצעל, גרויסע שטיוועל און א שטריק ארומגעבונדען ארום אים.

אלע געסט זיינען געבליבען ווי געפלעפט. וואס איז דאס עפעס פאר א מענטש ?...

בעריל — זיין ברודער האט אים דערזען און זיין בלוט איז אים אריין אין גאנצען פנים : — אזא בזיון, ער האט אים דאך נים איינגעלאדען...

חיים איז אבער צוגעגאנגען גלייך צו חתן־כלה, זיי געדריקט די הענט און געזאגט אזוי :

— הערט קינדער, איך בין א נאענטער מחותן דא, ווייל איך בין בעריל׳ס א ברודער. מ׳האט מיך נים איינגעלאדען צו דער שמחה, ווייל איך בין אן ארימער ברודער, נים קיין לערנער און נאר

דערצו א טרעגער, אבער איך האב געפילט, אז מיין הארץ איז אזוי ריין און פילענד ווי ביי די מענטשען למדנים, וועלכע זיינען רייך און פארגיטיגט. אצינד בין איך געקומען אייך, טייערע קינדער, חתן־כלה, ווינשען גליק און פרייד אין אייער לעבען און איר זאלט אלע מאל געדיינקען דעם פאל, ווי מ'האט אן אייגענעם ברודער אזוי פארשעמט און ניט איינגעלאדען צו אזא שמחה. איך קען פיליכט ניט די רעדען פון תורה, פון וואלד, ווייל איך בין א פראס־טער, איינפאכער טרעגער, אבער צו ווינשעווען גליק און זיך פרייען קען איך פונקט ווי א למדן און א וואלד־סוחר...

איך וואלט פיליכט, ניט געווען געקומען היינט צו אייך, ווען מיין ברודער בעריל וואלט מיך געווען איינגעלאדען גלייך מיט אלע־מען. איך וואלט געווען פארשטאנען זיינע געפילען און געזעסען אין דער היים, אבער ווען א ברודער האט געקענט זיינעם אן איי־גענעם ברודער, וועלכער איז געלעגען אונטער איין מוטער־הארץ מיט אים, נאר צוליב שלעכטע אומשטענדען, ניט געקענט ווערען א למדן, א וואלד־סוחר, אזוי פארשעמען, באליידיגען און ניט רו־פען מיך צו דער שמחה, האב איך אים געוואלט ווייז טאן און פארשעמען, ער זאל אין זיין שמחה האבען אביסעל עגמת נפש.

חיים האט פארענדיגט זיינע ווערטער, אנגעבויגען דעם קאפ, און אפגעווישט א טרער פון זיינע אויגען.

אין זאל איז געווען שטיל. מ'האט ממש געקאנט הערען ווי די הערצער קלאפען ביי אלעמען און חיים איז געשטאנען אין מיטען אנגעטאן אין בגדי־טרעגער און די „שטריק" האט זיך גע־רייצט מיט'ן רייכען למדנות'דיגען ברודער בערלען און אים פון ווייטענס געווארנען, געווארגען און געלערענט ווי אזוי איין ברודער דארף באהאנדלען א צווייטען ברודער, אויב ער איז אפילו אן ארי־מער, איינפאכער טרעגער...

בעריל האט געוואלט צולויפען צו זיין ברודער חיים'ן, אים פאלען אויפ'ן האלז, וויינען, בעטען ביי אים פארגעבונג, אבער ער האט זיך דאך פונ'ם ארט ניט גערירט און נאר געקוקט אויף חיים'ן. ווי ער שטייט מיט זיינע טרעגער־קליידער און געפילט אז די שטריק וואס האט ארומגעוויקעלט חיים'ס קערפער, האט אים גענומען ווארגען, שטיקען, און די זעלבע שטריק איז געווען פאר חיים'ן א

קרוין, א כבוד, ווייל חיים דער טרעגער האט געהאנדעלט פיל שע־נער און גרויסמוטיגער ווי בעריל דער למדן. דער קענער, דער וואלד סוחר...

חיים איז אוועק! ! !

איינינע געסט האבען פרייער אפגעאטעמט. די קלעזמער האבען ווידער געשפילט, פארלאך האבען זיך געלאזט טאנצען, אבער בעריל איז געווען א צעבראכענער, א באליידיגטער. זיין ברודער חיים האט אים אויפגעוועקט פון לעטארגישען שלאף...

זיין ברודער חיים! זיין ברודער חיים מיט וועמען ער האט זיינע קינדער יארען פארבראכט!...

און די שטריק האט אים געהאלטען אין איין ווארגען.

דעם ברודער'ס שטריק! דעם טרעגער'ס!

און דאס פידעלע האט געוויינט, געקלאגט...

——<>——

דער הינט־שלעגער.

אין א שיינעם זומער טאג האבען זיך אין שטעטעל באוויזען הינט־שלעגער.

יעדען זומער פלעגען זיי קומען און אויס'הרג'ענען די גרויסע צאל הינט וואס האבען זיך ארומגעדרייט אין די גאסען, אויף די פעלדער און לעבען די יאטקעס.

א בהלה איז געווארען צווישען די הינט, און מ'האט געקענט באמערקען, ווי אזוי זיי זיינען צערודערט און לויפען ווילד פון איין ארט צום צווייטען...

דער הינטישער חוש האט זיי שוין אונטערגעזאגט, אז מחבלים זיינען דא, און ס'וועט זיין א ביטערער סוף.

און האט איין הונט באגעגענט א צווייטען ערגעץ אויפ'ן פעלד, האט ער אים אויף „שטום" דערציילט פונ'ם געפאר, וואס לאקערט אויפ'ן הינטישען מין און ער זאל זיך אויסהיטען פון דער גרויזאמער „פעטליע". און די הינט־שלעגער זיינען ארומגעלאפען בייזע, צערייצטע, און געכאפט די אומשולדיגע הינט, ארייננע־

ווארפען זיי אין א גרויסען וואגען־קאסטען, און שפעטער זיי צו־רעכט געמאכט ערגעץ הינטער'ן שטאט.

אט פירט איין הינט־שלעגער אויף דער פעטליע א הונט, און דער קרבן ווארפט זיך, רייסט זיך, און וויל אנטלויפען צוריק צו די פרייע פעלדער, וואו דאס לעבען איז אזוי גוט און אנגענעם, כאטש עס איז הינטיש...

בלוט גיסט זיך פונ'ם מויל און ער קוקט מיט אזוינע בעטענדע אויגען אויפ'ן רוצח — דעם הינט־שלעגער. אבער יענער שלעפט און פארציט אים אלץ שטארקער און שטארקער, ביז ער מוז זיך אונטערגעבען און גיין צו זיינע אומגליקלאכע חברים...

אבער אפילו צווישען הינט־שלעגער איז אויך פאראן א אונ־טערשיד. ס'זיינען דא גוטע און שלעכטע.

איז טאקע צווישען יענע הינט־שלעגער געווען א מענטש מיט א „מענטשלאכען" כאראקטער: ער האט געטאן זיין ארבייט ניט מיט אזוי פיל אפעטיט גייציגקייט ווי זיינע חברים. מ'האט געזען, אז ער פילט ווי אפלאזען צוריק אויף דער פריי אלע הינט. אבער פרנסה. — און ער איז געשיקט פון דער רעגירונג...

דער וואגען־קאסטען איז געווארען פול, און מ'האט זיי אוועקגע־פירט הינטער'ן שטאט צו דער הריגה...

חברה קונדסים זיינען נאכגעגאנגען און געוואלט זען, ווי אזוי מ'וועט די הינט טויטען און אראפציען פון זיי די פעל...

מ'איז אנגעקומען הינטער'ן שטאט אין א וועלדעל און מ'האט זיך גענומען צו דער ארבייט.

דער ערשטער קרבן איז געווען א גרויסער, געלער הונט, און ס'איז די דריי הינט־שלעגער קוים געלונגען ארויסצושלעפען אים פונ'ם וואגען.

ער האט זיך געראנגעלט מיט אלע כחות, געוואלט לעבען און געניסען פונ'ם לעבען, אבער א שווערע בולעווע האט אים דער־לאנגט אין קאפ און אים צעטומעלט.

מיט פארוואורף האט ער געקוקט אויף זיינע פייניגער און געקוקט אין דער זייט, וואו די אינגלאך זיינען געשטאנען מיט א געבעט־אויסדרוק, אבער די בולעווע פאלט אלץ שטארקער און אפ־טער, ביז ער איז געטויט געווארען.

אזוי איין הונט נאכ׳ן אנדערען, ביז ס׳איז שוין כמעט גאר ניט פארבליבען אין וואזע.

און ווען ס׳איז געקומען צו א קליין, ווייס הינטעלע, וואס האט אויך געדארפט דורכמאכען דאס זעלבע, וואס די גרויסע, אלטע הינט, איז צווישען די אינגלאך געווארען א גערודער: עט־לאכע פון זיי האבען געוואלט ראטעווען דאס לעבען פונ׳ם קליינינ־קען אומשולדיגען הינטעלע און זיי האבען פארגעלייגט אויסלייז־געלט.

זיי האבען אבער ניט געהאט גענוג, צו קענען ראטעווען דאס לעבען פון דאס ווייסינקע באשעפענישל, ס׳האט זיי געפעלט דריי קאפיקעס. מ׳האט געוואלט גאנצע צען קאפיקעס פאר׳ן הינטעלס נשמה׳לע...

צווישען די הינט־שלעגער איז געווארען א קריגעריי: צוויי האבען געוואלט טויטען דאס הינטעלע און איינער האט געזאגט, אז מ׳דארף עס אוועקגעבען צו די אינגלאך, ווייל ס׳איז נאך אזוי יונג, ס׳האט נאך גאר ניט געלעבט...

דער „גוטער״ הינט־שלעגער האט זיך פריער געבעטען און צו־לעצט האט ער מיט בייזקייט צו זיי גערעט:

— הינטישע זין וואס איר זיינט, קענט איר ניט שיינקען דאס לעבען פון אזא קליין הינטעלע, וויניג בלוט האט איר היינט פאר־גאסען? זע נאר ווי דער גזלן רעדט אין זיי, און זיי ווילען נאר טויטען! שוין גאנץ גענוג, אז מ׳מוז טאן אזא זאך, ווייל מ׳קען ניט ערלויבען צופיל „הינט״ זיך ארומדרייען, אבער וואס קאן אזא הינטעל שאדען דער וועלט?... און ער האט עס איבערגעגעבען צו די אינגלאך און אפילו קיין געלט ניט געוואלט נעמען ביי זיי...

— גייט קינדערלאך, גייט אהיים, און גיט דעם הינטעלע עפעס עסען, ווייל ס׳איז נעבאך הונגעריג. גאט׳ס באשעפענישען, און מ׳הייסט זיי אזוי מערדערלאך טויטען און א סך אמת׳ע רויבער דרייען זיך ארום פראנק און פריי און גאר ניט...

אזוי האט דער הינט־שלעגער־גערעדט, און מיט קנאה אין זיין בליק, נאכגעקוקט די פרייע אינגלאך וועלכע זיינען מיט פרייד גע־לאפען אין שטאט אריין.

די זון האט זיך אנגעהויבען זעצען. דאס וועלדעל האט זיך אנ־

נעצינדעז אין א העליש פייער, שאטענס האבען געשפריים נעצען איבער'ן גאנצען פעלד און געשטיקט אין זיך עפעס א געהיימנים; דער הימעל האט זיך געהוידעט א באלאדענער מיט ווייסע, גרינגע װאלקענדלאך; די טויטע הינט זיינען געלעגען אויסגעלייגט און מיט פארגלאנצטע אויגען, מיט'ן זעלבינגען אויסדרוק, וואס זיי האבען געקוקט אויף די היצעלים, האבען זיי געקוקט אין דער ווייטער וועלט, און ס'האט זיך אויסגעוויזען, אז זיי האבען געטראכט און נאכגעדיינקט...

די דריי הינט־שלעגער האבען צעלייגט א פייער אין וועלדעל און עפעס צוגעשטעלט קאכען אויף אווענט־ברויט.

שטיל ארום. די טרוקענע שטיקלאך האלץ טראסקען, ווערענדיג פארצוקט פון די פייערצונגען, די נאכט קוקט מיט איר סודות־פולען בליק און דער „גוטער" הינט־שלעגער זיצט פארטיפט אין געדאנקען.

ארימער הינט־שלעגער! ער איז אריינגעשלעפט געווארען אין א זומפ פון לעבען און קען נים ארוים. אבער טיף אין זיין נשמה איז ער ריין און גוט, מיט א ווייך, פילענד הארץ, וואס ווערט אנטציקט פון א קליין הינטעלע'ס פרייהייט אפילו...

וועט עמיצער א „גוטער" קומען און איהם אויך באפרייען מיט אזא גליקלאך הארץ, ווי ער האט דאס הינטעלע באפרייט, אדער זיין מזל איז פונקט אזוי גרויזאם צו אים, ווי צו די אלטע, פעטע הינט?...

און די שטילע, פאנטאסטישע זומער־נאכט האט געשוויגען, געשוויגען...

— קום עסען, דו לידאק דו! — האבען אים יענע צוויי הינט־שלעגער גערופען — וואס ווילסטו דארט באטראכטען, פילאזאף, דאס לעבען? נעם אביסעל בראנפען און פארטרינק אלעס! נא זדראוויע, בראט!... (לחיים!!..)

———<>———

ס'אמעריקע.

ווען בארים איז אנגעקומען קיין אמעריקע, האט ער באלד דערפילט, אז דא איז נים ווי אין דער אלטער היים.

עפעס מערקט זיך ניט דער „גייסט“ וואס האט אפגעטיילט איין מענטשען פון צווייטען. אלע זיינען גלייך.

אים איז דאס געפעלען געווארען, ווייל ער האט שטענדיג גע־האט א ווידערגעפיל צו מענטשען, וועלכע האבען פון זיך צופיל געבלאזען...

האט ער זיך באגעגענט מיט אלע לאנדסלייט זיינע און גע־לעבט אויפ׳ן אמעריקאנישען שטייגער.

ווען ער איז אבער אפגעוועזן אביסעל לענגער, האט ער זיך איבערצייגט, אז אויך אמעריקא איז א לאנד וואו מענטשען זיינען פארשידען און קוקען ניט מיט די זעלבע אויגען אויפ׳ן לעבען און אלעם ארום.

זיינע לאנדסלייט וועלכע זיינען אין דער היים געשטארבען דריי מאל א טאג פאר הונגער, זיינען אין אמעריקע געווארען רייך.

די ערשטע צייט האבען זיי נאך געדיינקט די הונגעריגע טעג פון יענער זייט ים, אבער גאר אין גיכען האבען זיי פארגעסען אין אלעם און אנגעהויבען לעבען רייך און נאר פאר זיך.

און צו אלע צרות נאך האבען זיי אנגעהויבען בלאזען פון זיך מעשה גביר.

בארים האט עס באמערקט, אבער נישט געמאכט דערפון קיין צימעס, ווייל ער האט גוט געוואוסט ווי ווייט זייער חכמה און איי־דעלקייט דערגרייכט.

זיי, ווידער, האבען אויך צו בארים׳ען ניט ארויסגעוויזען קיין גדלות, ווייל זיי האבען גוט געוואוסט, אז בארים רעכענט זיך ניט מיט זיי צופיל.

זייער קאפיטאל איז אבער געוואקסען, און מיט אים דער פוס־טער גדלות.

זיי ריידען שוין גאנץ אנדערש, און צייטענווייז מישען זיי זיך שוין אריין אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען, וואס זיי הויבען ניט אן צו פארשטיין.

אזוי גאר? זיי הויבען שוין גאר אן זאגען א דעה אין שול, אין סאסייעטי און אויך אין פריוואטען לעבען?

איינמאל, ווען בארים איז א שטיקעל צייט ארומגעגאנגען לייי־דיג, האט אים באגעגענט איינער פון זיינע רייכע לאנדסלייט.

זיי האבען זיך באגריסט און אנגעהויבען רעדען פון געוויסע זאכען.

דער לאנדסמאן האט ארויסגעזאגט מיינונגען וואס האבען זיך געקלעפט ווי אן ארבעס צום וואנט...

באריס האט אים ערקלערט די זאך גענויער און געמאכט א באמערקונג, אז ניט אלע מאל קען מען אויסטייטשען די זאך אזוי, ווייל געוויסע אומשטענדען זיינען אפט אן אורזאכע פון האנדלונגען.

דער רייכער לאנדסמאן האט זיך געפילט אביסעל באליידיגט פון באריס'עס באמערקונג און קורץ און שארף אים געענטפערט: אז דא איז ניט ווי אין דער היים, ס'אמעריקע!...

באריס האט אים דארויף געענטפערט, אז אין אמעריקע איז פונקט ווי איבעראל, א מענטש איז א מענטש און א גראביאן בלייבט א גראביאן!

דעם לאנדסמאן האט ניט געשמעקט אזא קלארער ענטפער, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז ער איז א ריכטיגער גראבער יונג און א חוץ די „דאלארס" איז ער ניט ווערט וואס די אמעריקאנער ערד טראגט אים ארום...

זיי האבען זיך צוזעגענט און אוועק יעדער זיין וועג.

אין א צייט ארום איז באריס'ן אויסגעקומען זיין צו א מיטינג, צווישען זיינע לאנדסלייט, ארימע און רייכע.

די רייכע האבען זיך געהאלטען שרייענד, גרויס און זיך ניט געדעבענט מיט קיינעם — דער דאלאר רעדט!

די ארימע זיינען געזעסען שטיל, רוהיג און געשמועסט פון ארבייט, פארדינען, געפילען און פון נאך פראגען, וועלכע אינטערעסירען נאר ארימע...

פלוצלינג האט באריס באמערקט זיין לאנדסמאן, מיט וועלכען ער האט זיך באגעגענט מיט א צייט צוריק, זיצען אין א ווינקעל שטיל ווי א סטאטיקעל...

ער האט גלייך דערפילט די סיבה דערפון!!.. פונדעסטוועגען האט ער א פרעג געטאן ביי איינעם, וואס האט גוט געקענט זיין לאנדסמאן די אורזאכע פון זיין שטיל שווייגען.

יענער האט אים דערציילט, אז ער האט פארלוירען זיין גאנצען פארמעגען און איז איצט אויף געהאקטע צרות...

באריס'ן האט עס הנאה געטאן: זאל ער וויסען דער „שוטה" וואס פאר א לאנד אמעריקע איז!

דערוויל האט מען גענומען פארהאנדלען א געוויסע פראגע און דער עולם האט זיך גענומען אמפערען: דער זאגט אזוי און דער — אזוי!

דער לאנדסמאן, דער יורד האט אויך געזאגט עפעס אין באַצוג צו דער פראגע און גראדע געזאגט נים שלעכט, אבער א צווייטער לאנדסמאן, נים קיין יורד, האט איהם אפגעהאקט אין מיטען און כמעט באפוילען צו טאן ווי ער הייסט, ווייל ער איז דער גאנצער קנאקער, און פאלגט מען אים נים האט מען חרטה...

אלע לאנדסלייט האבען גאר נים געזאגט, ווייל ווי וואגט מען עס צו זאגען א שלעכט ווארט אזא פארשוינדעל, וואס איז דער גאנצער געלט שידוך...

דער „געפאלענער" לאנדסמאן איז געזעסען בלייך ווי די וואנט און געווארפען מיט די אויגען, ווי איינער וואס טרינקט זיך...

אז ערנכטער מאמענט: געלט איז אין וועג און קיינער ערלויבט זיך נים שטעלען אנטקעגען!

מיט אמאל האט זיך באריס א הויב געטאן און אנגעהויבען רעדען, אבער רעדען!

אלע פארזאמעלטע האבען געוואוסט, אז באריס איז אינטעליגענט און קען זאגען זייער אינטערעסאנטעס.

ער האט לאנג גערעדט און איבערצייגט אלעמען אז דער לאנדסמאן (דער יורד) איז אבסאלוט גערעכט און לאגיש און מען זאל אננעמען זיין פארשלאג.

עס איז געווארען א גערודער, א זשומעריי. דער רייכער לאנדסמאן האט געוואלט אנטלויפען, כאטש אין זיך האט ער גוט געוואוסט, אז וואס באריס זאגט, איז אמת.

זעענדיג אבער, אז דער עולם איז אויף באריס'עס זייט, איז ער ווייכער געווארען און מען האט דורכגעפירט די זאך ווי דער „געפאלענער" לאנדסמאן האט גע'עצה'ט...

נאָב׳ן מיטינג איז דער לאַנדסמאַן (דער יורד) צוגעגאַנגען צו באַריס׳ן און אים געדריקט די האַנט.

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען באַריס׳ן, אָבער די ווערטער זיינען פאַרגליווערט געוואָרען אויף זיינע ליפּען...

באַריס האָט אים פאַרשטאַנען און אַרויפליינענדיג זיין האַנט אויפ׳ן לאַנדסמאַנס אַקסעל א זאָג געטאָן גוטמוטיג: „יאָ, גוטער ברודער, ס׳אַמעריקע!“

———<>———

אַ רוף.

משה איז נאָך אַלס קינד געווען אַ פאַרטראַכטער און פאַר־דיינקטער.

ער שפּילט זיך, דאַכט זיך, מיט זיינע חברים אין קינדער־שפּילען, איז לוסטיג און פריילאַך, אָבער פּלוצים באַפאַלט אים אַן אומעט, אַ דריקעניש, און ער בלייבט שטיין פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט און קוקט אין דער טיפער ווייטקייט...

און האָט עמיצער פון זיינע חברים אין חדר געוויינט, האָט משה מיטגעוויינט, מיטגעליטען און געטראָגען אי יענעמס פּעקעל אי זיין איינען פּעקעל, וואָס האָט אים גענוג געדריקט און גע־שטיקט, אַלס אַרימער אינגעל.

די מערסטע חברים זיינע האָבען אים ניט פאַרשטאַנען און זיי האָבען אים גערופען צעקוועטשטע פּאווע...

ער האָט שרעקלאַך געליטען דערפון, אָבער העלפען האָט ער ניט געקענט, ווייל ס׳איז געווען אין זיין בלוט, אין זיין יעדען אבר.

זיין רבי, אַ גאַנץ געוויינלאַכער איד, האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף פון משה׳ס כאַראַקטער, ווייל וועמען גייט עס אָן צו פאַרשטיין אַ קינדס כאַראַקטער, ווען מ׳איז שטענדיג פאַרנומען מיט דאגות פרנסה און שלאָגען מיט׳ן קאַנטשיק די חברה קונדסים וואָס ווילען ניט לערנען און פאָלגען דעם רבי׳ן...

איינמאָל, פאַר שבועות, ווען מ׳האָט געלערנט מיט די קינדער **„רות“ און דער רבי האָט זיי אַרויסגעהאָלפען מיט אַ טרויעריגען**

ניגון, וואס האט ממש געשניטען דאס הארץ, האט זיך משה פלוצים צעוויינט.

נעמי׳ס געזעגענען זיך מיט אירע שניר האט אזוי שלעכט גע־ווירקט אויף די צארטע געפילען פונ׳ם דיינקענדען משה, אז ער האט אויסגעבראכען אין א געוויין...

דער רבי איז געבליבען פארגאפט, ווייל ער אליין איז פון זיין אייגענעם ניגון אריין אין התפעלות און געפילט אז עפעס דריקט אים ביים הארצען.

משה האט זיך גוט און געשמאק אויסגעוויינט, און ווען ער האט זיך בארוהיגט, האט אים דער רבי מיט א גוטמוטיגען שמייכעל א פרעג געטאן, ווארום ער האט געוויינט: ס׳האט אים דאך קיינער ניט געשלאגען...

משה האט גארניט געענטפערט, נאר ער האט זיך נאך שטארקער צעוויינט.

אזוי איז משה געוואקסען און צוזאמען מיט אים זיין ווייך, פילענד הארץ.

ווען ער איז געווארען אביסעל גרעסער און האט אנגעהויבען לייענען ביכער: רוסישע און העברייאישע, האט ער פונדאסניי אנגעהויבען ליידען: די לידער פון דיכטער און געפילפולע דערציילונגען פון שרייבער האבען גאר אויף אן אנדער אופן אויפגעעפענט זיין הארץ.

פאעזיע האט ער ליב געהאט ביז צום שטארבען! און ווען ער האט איבערגעלייענט פושקינ׳ס, ליערמאנטאוו׳ס, ביאליק׳ס אדער אן אנדערען דיכטערס א ליד, האט ער געפילט, אז זיין הארץ צאנקט, גייט אוים פון ווייז און בייגקשאפט...

זיינע לערער האבען געוואוסט, אז ער איז משוגע פאר פאעזיע און האבען אים טאקע געגעבען אויסלערנען די בעסטע לידער פון די באוואוסטע פאעטען.

ער פלעגט אזוי פיל נשמה ארייגלייגען אין די לידער, אז די לערער האבען ממש געגאפט: ער לעבט אויף די לידער.

אין א צייט ארום איז משה אליין געווארען א לערער און גע־געבען זיינע תלמידים אויסצולערנען אויף אויסווייניג די לידער פון זיינע באליבטע דיכטער.

טרערן אין די אויגן פלעגן זיך אים שטעלן, ווער ער האט איבערגעלייענט פאר זיינע אוטשעניקעס די לידער. זיי פלעגן באטראכטן זייער לערער מיט אזא וואונדער און ניט וויסן פאר־וואס ער וויינט...

ער פלעגט זיך אביסעלע פארשעמען פאר די קינדער, ווייל זיי האבן אים ארייננעקוקט אין די אויגן מיט אזא מילדקייט, גלייך זיי וואלטן אים פרעגן:

„וואס וויינסטו, טייערער לערער? איז דען דאס לעבן אזוי שווער און ערנסט ווי די דיכטער באזינגען און באוויינען עס?"

און די צייט איז זיך דערווייל געגאנגען און איינגעזאפט די שטילע טרערן פונ'ם געפילפולען משה'ן און אויך פון פיל אנ־דערע מענטשען־קינדער, וועלכע האבן געהאט גענוג אורזאכען צו פארגיסען טרערן...

משה איז געווארען א דערוואקסענער מענש און איז ממש גע־שוואומען אין א „אקעאן" פון געפילען...

איינמאל איז משה ארומגעגאנגען אליין אויפ'ן פעלד. ס'איז געווען פארנאכט צו. די זון האט זיך ארונטערגעלאזט צום ראנד פון וואלד און באשפריצט מיט גאלד די בוימער און די ערד לע־בען וואלד; שאטענס האבן אנגעהויבן שפרינגען און אנווארפען זיג־זאג בילדער אויף פעלד און וואלד; דער הימעל איז געווען איינגעהילט אין א וויסלאך־בלויער שאל און זיך געטוליט צום וואלד, ווי א געליבטע צו איר אויסדערוויילטען; די זשאבעס האבן זיך צעזונגען אויף זייער קווא־קווא שפראך און זייער קוואקען איז געווען ווי אן אקאמפאנימענט צו דער נאטורס מוזיק; פון וויים, העט וויים, אין א דארף, האט זיך דערטראגען א געזאנג פון א געזונטער מענער שטימע: דאס האט א פארליבטער שייגעץ אויסגעזונגען א פאלקס־ליד און אונטערגעהאלטען צום טאקט מיט א גארמאשקע...

משה איז געבליבען שטיין און זיך ניט געקענט רירען...

— איז דאס ניט געטלאך? — האט אן אינערלאכע שטימע אין אים גערעדט.

די קלאנגען, די נאטור, די שטילע שטילקייט, וואס האט גע־רעדט מיט טויזענטער מיילער און דאך האט מען גארניט געהערט.

אחוץ דאס קלינגען פון מוזיק און די קרעפטיגע שטימע פונ'ם שיי־
געץ, האבען אים אוועקגעטראגען אין א גאנץ אנדער וועלט...

משה האט זיך צעוויינט!...

לאנג איז ער אזוי געשטאנען אויפ'ן פעלד און געשוואומען
אין א ים פון געטלאכע שטראמען און כוואליעס...

שטיל... שא! די נאטור איז אזוי רייך און הערלאך אין פאר־
נאכטיגע זומער־אידיליעס!...

ווען אייביגקייט איז זיך מתחתן מיט נאטור: דערקלערט זיך
איר אין ליבע...

עפעס האט זיך ארייגגעגאסען אין משה'ס הארץ, אין זיין
נשמה, אין זיין יעדען אבר און ער האט דערהערט א רוף:

„משה! גיי ווער א דיכטער!... זינג!... קלאג!... רוף און
דערציייל די שיינקייט און די סודות פון דער נאטור צו אלע מענ־
טשען!...

און... משה האט דערהערט דעם געטלאכען „רוף", איינגע־
זאפט אין זיך אלע „סאקען" פון קלאנג, פעלד און הימעל און גע־
שאפען דאס ערשטע ליד!...

——<>——

דער פעדלער

כמארנע. אט הויבט אן רעגענען און ס'הערט אויף; אלעס
זעט אויס ווי אונטער א שווערער דעק; די הייזער, די טראטוארען,
די מענטשען, די פערד מאכען אן איינדרוק ווי ניט אויסגעשלאפענע
און ווארפען אן א בייזע מרה שחורה, קאלופען, ריזען, ציפען, קיצ־
לען און רייצען זיך מיט'ן שטיקעל געפיל, וואס טליעט נאך טיף,
טיף אין די פארבארגענע ווינקעלאך פון דער האלב פארשלאפענער
נשמה...

לעאן האט פויל, ווי אבי אזוי זיך, א זאג געטאן דעם „גוטען
טאג" צו זיין פרוי, א קוש געטאן זיין קליין אינגעלע, געכאפט דאס
„פרנסה־קעסטעל" און אוועק זוכען ברויט צווישען מענטשען.

אויפ'ן הארצען איז אים שווער, קאלעמוטנע, געדאנקען שלא־
גען זיך אן איינער אין צווייטען, דערמאנען אין בעסערע צייטען,

שיינע מאמענטען, ווען ער איז נאך געווען אין רוסלאנד אלס לע־רער, טרוימער, געזונט און פול מיט עפעס „א גלויבען“ אין גוטס און שיינעס.

אט שוועבט פאר אים ארוים א בילד, ווי ער פלעגט ליגען אין די טרוימענד־פארגאפטע זומער־טעג אויפ'ן פעלד, ארייניציען די ריינע, געזונטע לופט פול מיט אראמאט און זיסקייט, דאס טייבעלע האט אונטערגעמורמעלט א צארטע מעלאדיע פון גלויבען און פאר־שפרעכען, דער וואלד איז געשטאנען ניט ווייט און דערציילט אויף אן ערנסטער וואלדען־שפראך פון אזוינס, וואס מ'קען כמעט ניט ארויסברייינגען אויף פאפיר: א שטילע, ריינע, קלארע בוימער שפראך, וואס היילט יעדער ווייטאגעל און פארשאפט נייע ווייר־טאגען פון ביינקשאפט און ערגעץ־ציענדעס...

אט שוועבט פאר זיינע אויגען ארוים א בילד, ווי ער פארט אויף א שיפעל איבער'ן קליינעם טייכעלע „סלוטש“ און ס'גליטשט זיך איבער'ן שטילען וואסער, גליטשט זיך און טראגט אים אוועק ערגעץ ווייט־ווייט, וואו יוגענד־פאנטאזיע קען נאר גרייכען...

טייערע בילדער פון עראינערונג, פון יוגענד־אימפולס, פון א געזונטען ערוואַרטען און א פעסטען פילען צו עפעס נייעס, דער־קוויקענדעס זעט לעאן אין זיינע געדאנקען, אבער די גרויע ווירק־לאכקייט רייסט זיי גלייך איבער, ווי די בילדער אויפ'ן לייווענט: אט זעט מען אלעס און א געהיימער דריי און זיי זיינען פאר־שוואונדען...

לעאן קלאפט אן אין א טיר. מ'עפענט אויף און א יונגע ווייבעל אין קיך־טואלעט טוט אים א פרעג וואס ער וויל.

— איך פארקויף פארשידענע זאכען און וואלט וועלען איר זאלט אויך עפעס קויפען! — זאגט לעאן ארוים נערוועז...

— ניין! איך דארף קיין זאך ניט, מיסטער, און מיין מאן אר־בייט שוין ניט פון א צייט! — ענטפערט דאס ווייבעל האלב פאר־שעמט.

לעאן שטייט נאך א ווייל, שאקעלט מיט'ן קאפ און קוקט איר אריין אין פנים מיט געפיל און פארדרוס.

זי מאכט פאמעלאכען צו די טיר און לעאן דערפילט, ווי עפעס וואלט אים א שארפען שטאך געטאן...

ער שטייט נאך אליין און שמייכעלט האלב־אידיאטיש, האלב־ערנסט.

ער בייט איבער זיין „סעטשעל" פון דער רעכטער האנט אין דער לינקער און לאזט זיך ווייטער גיין.

און א רעגענדעל טריפט אונטער פויל און קריכעדיג, ווי דאס גאנצע לעבען אין אזא כמארנעם טאג.

לעאן שלעפט זיך פון איין הויז צום צווייטען, מיידט אויס צו קוקען מענטשען אין פנים אריין: אים דוכט זיך, אז זיי לייענען וואס ביי אים אויפ'ן הארצען און אין דער נשמה טוט זיך.

ער פארלירט דעם חשק צו קלאפען אין יעדער טיר, ווייל ער ווייסט, אז די צייט איז שלעכט און מ'האט ניט פארוואס צו קויפען.

ער דערמאנט זיך אבער אין זיין פאמיליע און קריגט קוראזש, ווערט מונטערער, באוועגלאכער און קלאפט אן אין א טיר.

מ'עפענט אויף און א פריינדלאכער פנים בעט אים אריינגיין.

ער רוקט זיך אריין, שטעלט אוועק דאס קעסטעל מיט די חפצים, טוט אויס דאס היטעל, ווישט אפ דעם שוויים און קוקט אין אלע זייטען.

די בעל־הבית'טע באטראכט אים און פרעגט אין א פריינדלאכען טאן וואס ער האט צו פארקויפען.

ער ווייזט איר די סחורה און זי נעמט עטלאכע זאכען, כאטש לעאן פארשטייט, אז זי דארף זיי אבסאלוט ניט האבען...

זי צערעדט זיך מיט אים און זי זעט, אז ער איז אחוץ „פעדלער" אויך א „מענטש"...

מ'באמערקט א נערוועזיטעט אין איר האלטונג: זי פארשטייט, אז נויט צווינגט צו פארדינען אויף א שטיקעל ברויט...

לעאן טוט צוריק אן דאס היטעל, מאכט צורעכט דאס פרנסה־קעסטעל און וויל אוועקגיין, אבער זי האלט אים אפ: ס'רעגענט זאגט זי און וואו קען מען גיין אין אזא וועטער?...

דערווייל איז אנגעקומען דער מאן אירער עסען מיטאג און אויך ער האט פריינדלאך אויפגענומען דעם פרעמדען „פעדלער". וועלכער זעט אויס אזוי אינטעליגענט און רעדט אזוי שכל'דיג...

און נאך מער: ער האט זיך ממש צוגעטשעפעט דער פרעמ־דער גאסט זאל גיין מיט אים עסען מיטאג...

לעאן האט באדאנקט און זיך אפגעזאגט, אנגעבענדיג א תירוץ, אז ער האט נאר וואס געגעסען, כאטש ער איז געווען הונ־געריג, ווי א הונט, אבער ווי זיינען עס מענטשען געוואוינט „מיר ניט דיר ניט" זיך אוועקזעצען און עסען אין א פרעמד הויז ביי ווילד־פרעמדע מענטשען?...

לעאן האט געפילט צו זיי א נאענטקייט און דאנקבארקייט פאר ארייגלאזען אין הויז, ניט ווי אנדערע, וועלכע גיבען א זעץ מיט דער טיר און ווילען אפילו ניט אויסהערען וואס מ'וויל...

צולעצט האט זיך לעאן מיט געוואלד ממש אפגעזעגענט מיט די „גוטע מענטשען" און אוועק.

ער האט געזען ווי זיי האבען ארויסגעקוקט דורך די פענסטער און אויף זייערע געזיכטער איז געלעגען אזא מין מיטגעפיל, גלייך א לייבלאכער פריינד זייערער וואלט געגאנגען אין שלאכט אריין...

און איז דען דאס טאג־טעגלאכע לעבען ניט קיין שלאכט־פעלד?...

און דער הימעל גיסט שוין אויף אן אמת גאנצע עמער־ווייז און די וועלט זעט אוים אזוי שפל'דיג, ברודיג, קליינלאך, נישטיג, אז אפילו ים'ען וואסער וועלען זי ניט קענען ריינוואשען, שענער מאכען, גרעסער מאכען, סיידען א „מבול" וואס זאל אלעם פאר־טרינקען, פארניכטען און א נייע וועלט זאל קומען!...

———<>———

פרנסה.

חנה אוןביילע זיינען ביידע געווען פארקויפערינס. חנה האט געהאנדעלט מיט עפעל און ביילע מיט יאדערען.

און זיי האבען געלעבט בשלום צווישען זיך און קיינמאל מיט קיין ווארט איינע די אנדערע ניט פארטשעפעט.

חנה האט געמאכט פיל בעסערע געשעפטען און האט טאקע אויסגעזען זייער גוט און שיין. ביילע האט קוים געצויגען איר

חיונה פון די יאדערען און האט טאקע אויסגעזען צרה׳דיג און פאר׳חושד׳ט....

זייערע שטעלען האבען זיי געהאט אין מיטען מארק און מען האט זיי שטענדיג געזען זיצען איינע לעבען דער אנדערער און רעדען.

און רעדען האבען זיי געהאט פון וואס: ווייבער, דערציילט מען פון די טעפלאך, פון דער געראטענער חלה, קיכלאך; מען בארעדט אביסעל פרעמדע און דערמיט זיינען זייערע טעג אוועק, אחוץ, נאטירלאך, וואס זיי האבען גערעדט צו קונים.

ביילע׳ן איז אבער געגאנגען אזוי שלעכט אין אירע געשעפ־טען מיט די יארערען, אז זי האט געמוזט אנהויבען צו האנדלען מיט עפעל אויך....

איינמאל, אין א שיינעם פרימארגען, ווען חנה איז ארויסגע־קומען אין מארק אריין האנדלען, האט זי, צו איר גרויס איבערא־שונג, דערזען אין חנה׳ס מולטער עפעל...

דאס גאנצע בלוט איז איר אריין אין פנים און מיט פאר־שטשעמיטע ציין האט זי ביילע׳ן ארויסגעווארטשעט דעם גוט מאר־גען.

ביילע האט זיך געפילט שולדיג געגען חנה׳ן, כאטש דירעקט קיין בייזעס האט זי איר ניט געטאן און דערצו איז נאך חנה רייך געווען און האט ניט קיין קינדער....

— איר ווייסט, חנה׳לע סערדצע, ווארום איך האב אנגע־הויבען האנדלען אויך מיט עפעל, ווייל איך דארף חתונה מאכען א קינד — ציפקעלע׳ן און קיין געלט, ווייסט איר דאך, אז איך האב ניט!...

חנה האט איר גאר ניט געענטפערט דערויף.

ביילע׳ן האט עס אביסעל פארדראסען: זי האט געדיינקט אז חנה וועט איר צואווינשען גליק און צום סוף בלאזט זי זיך ווי א אינדיק, וואס? ווייניג פרנסה דא ביי גאט?...

אזוי איז די אלטע פריינטשאפט ביי די צוויי חבר׳טעס כמעט ווי איבערגעריסען געווארען...

זיי האבען ניט גערעדט ווי אלע מאל און אחוץ „א גוט מאר־גען", וואס קען הייסען, אויך מיר א גוט מארגען, האבען זיי גע־

שווינגען און יעדע האט איר פעקעלע געטראָגען שטילערהייט באַהאַלטען: חנה האט געטראָגען איר פעקעלע „געלט“ און געביינקט נאָך א קינד און ביילע האט געטראָגען איר פעקעלע „צרות“ און געביינקט נאָך געלט...

די פרנסה ביי ביילע׳ן האט זיך אבער דאָך פאַרבעסערט, ווייל עפּעל איז אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל און יאַדערען ניט אַזוי שטאַרק. פון עפּעל מיט יאַדערען אבער איז שוין געווען גאט צו דאַנקען!

חנה האט געזען ווי ביילע׳ס לאַגע פאַרבעסערט זיך און זי האט אנגעהייבען טראָגען שנאה אויף איר, למאי זי האט צוגענומען איר פרנסה...

און יעדעס מאָל, ווען ביילע האט עפּעס געלייזט פאַר עפּעל, האט חנה עס אויסגעטייטשט, אַז ביילע האט עס ביי איר צוגענומען...

די בעסערע צייט האט זיך אנגעהויבען מערקען אויף ביילע׳ן. זי בריינגט שוין גאַנץ געשמאַקע טעפּעלאַך מיט „געקעכטס“, אַזוי יוי חנה און די מאָגערע ביילע האט אנגעהויבען ווערען פעט אַזוי ווי איר מיטזיצערקע — „חנה“...

חנה ווידער איז געוואָרען אַ גאַנץ אנדער מענטש, זינט ביילע האט אנגעהויבען האַנדלען מיט עפּעל: עס איז פאַרשוואונדען געוואָרען איר פריילאַכקייט און איר קלינגענדער געלעכטער, וועלכער פלעגט זיך צעגיסען איבער׳ן מאַרק ווי אַ גלאָק, איז געוואָרען ווי דומפּ, ביז עס האט געפּלאַצט. אין אַ שיינעם זומער־טאָג, ווען די זון האט געלויכטען און געוואָרפען מיט גאַנצע סנאָפּעס שטראַלען, האָבען זיך די צוויי מאַרק־אידענעס צעקריגט און, איידער מען האט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומקוקען, זיינען שוין מולטערס געווען איבערגעקערט, די טשיפּעקעס מיט די פּאַטשיילעס אַרונטערגעריסען און די צוויי קאָנקורענטקעס האָבען זיך געדראַפּעט די פּנים׳ער, מאַכענדיג דערביי שרעקלאַכע געשרייען...

קוים מיט צרות איז געלונגען זיי צונעמען און באַרואיגען זייערע צערייצטע נערוון. באַזונדערס איז חנה געווען אויפגעבראַכט. זי האט אַליץ געוואָלט ביילע׳ן שלאָגען. אַ וועלט מיט כעס האט זיך געמערקט אויף איר געזיכט און זי האט געשריגען:

„מיין פרנסה וועט זי צונעמען און איך וועל איר שווייגען?

אויב זי וויל חתונה מאַכען איר ציפּקע׳לען, וועלכע שאַליאַיעט זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט׳ן שערער־יונג, בין איך מחויב צו ליידען? וואָרט, וואַרט וועסט נאָך זען אַז דיין ציפּקעלע וועט דיר ברייננען אַ ממזר!״

— אָבער אַ קדחת האָסטו קינדער, האַ? — האָטביילע זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און חנה׳ן אויפגעוואָרפען דאָס. וואָס עס האָט חנה׳ן טאַקע באמת געקריינקט און זי איז אַנטשוויגען געוואָרען: איר פרויען און מאַמע־אינסטינקט האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן.

די צוויי מאַרק־אידענעס האָבען צונויפגענומען די עפּעל, די יאַדערען, צורעכט געמאַכט זייערע פּאַרוקען און זיך אָװעקגעזעצט איינע לעבען דער אַנדערער, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט אוןביידע פרויען זיינען זיך געווען די ערגסטע שונאים. שטילערהייט האָבען זיי איינער דער צווייטער געוואונשען דאָס ערגסטע, אָבער קריגען זיך האָבען זיי זיך שוין מער ניט.

דערוויי׳ל האָבען זיך אונטערגערוקט די ימים־נוראים און מיט זיי די ערנסטע אלול־שטימונג... די ווייבער האָבען עפּעס אָנגעהויבען פילען אַ דריקעניש, ווייל עס גייט דאָך צו יום־כפור און מען מוז פאַרגעבען יענעם די זינד און בעטען פאַרגעבונג...

דערצו נאָך האָט ביילע אָפּגעלייגט די חתונה אויף נאָך ימים־טובים און זי האָט ניט געוואָלט זיין מער ברוגז מיט חנה׳ן און אַ טאָג פאַר יום־כפור איז ביילע צוגעגאַנגען צו חנה׳ן און ביי איר געבעטען פאַרגעבונג:

„חנה׳לע, טייערע! מאָרגען איז דאָך יום־כפור, לאָמיר גיין אין שו׳ל אַריין מיט ריינע הערצער!...״

„ווער וויל זיך דען ניט איבערבעטען, נאַרעלע. וואָס, איר האָט מיר ווער ווייסט וואָס געטאָן! פּרנסה איז ביי גאָט דאָ גענוג און די קינדער וואָס איך האָב?״ און חנה האָט זיך צעוויינט...

אויף איר קוקענדיג האָט שוין ביילע אויך פאַרלאָרען אַ טרער און ביידע מאַרק־אידענעס זיינען צוריק געוואָרען באַפריינדעט...

אין שו׳ל האָבען זיי געהאַט זייערע פּלעצער איינע לעבען דער אַנדערער און זיי האָבען ביידע געשמאַק געוויינט און איינ־

געלייגט וועלטען, בעטענדיג ביים האר פון אלע וועלטען יערערע וואס עס האט איר געפעלט.

און אויף מארגען זיינען זיי ווידער געזעסען איינע לעבען דער אנדערער ביי די מולטערם און דאס ווערימעל פון קנאה האט אויף דאס ניי אנגעהויבען נאגען די הערצער פון די צוויי פרויען, אויב איינע האט געהאט א בעסערען טאג לייזונג!...

פרנסה!!!

———<>———

דער פעלדשער

זעליג איז געווען דער פעלדשער (רופא) אינ'ם שטעטעל גריבקא פאר יארען לאנג.

קיין גרויסער ידען אין הלכות מעדיצין איז ער ניט געווען. אבער דאך איז ער געווען „זעליג דער פעלדשער", וואס האט געשריבען רעצעפטען אויף „לאטיין" און געטראגען מיט זיך א שיינעם גראדוסניק (טערמאמעטער), וואס א גלח, זיינער א זייער נאענטער פריינד, האט אים געגעבען א מתנה...

רייך איז ער ניט געווען, ווייל זיינער א וויזיט איז געווען פינף קאפיקעס און נאר ביי גבירים האט ער גענומען צען.

אזוי ווי קיין דאקטאר איז אבער אין שטעטעל ניט געווען, האט ער געשפילט די גאנצע ראלע...

אבער וואס, וואס, צי ער איז געווען א גרויסער קענער, צי ניין, אבער א גוטער מענטש איז ער געווען און אלע האבען אים ליב געהאט ווי אן אייגענעם.

האט מען אים גערופען צו א קראנקען, איז ער, ממש, געלאפען און באטראכט נאכאמאל און נאכאמאל זיין פאציענט, ביז דער פאציענט האט שוין ניט געקענט אויסהאלטען...

ער האט אים געקלאפט, געדרייט, געשטופט א לעפעל אין מויל, ביז ער האט געשטעלט די „דיאגנאזע". אז מען דארף אים שטעלען באנקעס, ווייל ער האט א זארישקע...

און באנקעס האט ער יעדען איינעם געשטעלט. „עס שאדט ניט", פלעגט ער זאגען.

אזוי איז זעליג אפגעזעסען א היבשע ביסעל ביים קראנקען, גענומען דעם הארטען „צענער" און אוועק צו א צווייטען חולה.

און חולאים זיינען אין שטעטעל געווען איבערגענוג.

זעליג האט געוואוסט יעדענס „קריינק" אויף אויסוויינינ, ווייל אינוויינינ האט ער ניט אנגעהויבען צו וויסען א האר...

אט זיצט ער ביי יאסעל דעם מלמד, וועלכער איז א הוסטער שוין פאר די לעצטע צען יאר און זעליג גיט אים רפואות.

ער ברעכט שטארק דעם קאפ ביז ער שטעלט צונויף דעם רע־צעפט אויף׳ן פאפיר. די פען סקריפעט, ווי א וואגען אן סמאלע, און יעדער ווארט, וואס ער שרייבט אן, זאגט ער עס ארוים אזוי שארף, אז יעדער איינער זאל הערען...

און די מלמד׳קע מיט די קינדער קוקען אויף אים, ווי אויף א פראפעסאר: א קלייניגקייט, זעליג דער רופא!...

אז ער איז פארטיג געווארען מיט׳ן שרייבען, האט ער נאכ־אמאל איבערגעלייענט גאנץ הויך דעם רעצעפט און געהייסען גיין אין אפטייק עס נעמען.

יאסעל האט דערוויל געהוסט געשמאקלאך און געקוקט אויף זעליג׳ן, ווי אויף א דערלייזער...

— פאני רופא! זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס שטעכט מיר אזוי אין דער רעכטער זייט, אט דא א? — האט יאסעל אנגעוויזען דעם פעלדשער דאס ארט, וואו אים טוט וויי.

— עס איז א שטיקעל זאדישקע, רב יאסעל! איר דארפט זיך ניט שרעקען, עס וועט איבערגיין מיט דער צייט, ווייל אזא זאך נעמט זייער לאנג ביז עס שטייט זיך אוים...

ער איז נאכאמאל צוגעגאנגען צום חולה און א שטארקען קלאפ געטאן דארט, וואו דער חולה האט אים אנגעוויזען.

— איא אט דא טוט אייך שטארק וויי, רב יאסעל? פונקט אונטער דער פאכוע. עס איז גארניט, עס וועט זיך אויסשטיין! — ענטפערט זעליג מיט זיין געוויינלאכען ענטפער צו אלע זיינע פא־ציענטען.

— טרינקט א סך געבריטע מילך מיט פייגען, דאס וועט אייך העלפען פארטרייבען די זאדישקע! — עצה׳ט זיי דער פעלדשער.

ער נעמט זיין גראבען שטעקען, טוט אן די שליאפע און קוקט

אונטען ארום אויף דער מלמד'קע; ער ווייסט, אז א גראבער צענער ווארט אויף אים.

זי גייט אים נאך אין קיך אריין, גיט אים דעם „האנאראר" סוד'עט זיך אביסעלע און קומט צוריק אריין צו יאסלען מיט א פריילאך פנים: מסתמא האט איר שוין זעליג גרינג געמאכט דאס הארץ: ער האט איר געזאגט, אז מיט א „זאדישקע", אין יאסעל'ס יארען, איז זיך ניטא וואס צו שרעקען, ווייל נאך פערציג יאר קען ער אויסלעבען אלע זיינע יארען און אביסעלע אונטערהוסטען...

די מלמד'קע איז אין זיבעטען הימעל, ווייל וואס איז דארט אזוינס, אז מען הוסט אונטער אביסעל, אבי יארען.

— יאסעל, מיין הארץ, דו ווייסט, אז מיר וועלען מוזען קויפען א ציג. דו דארפסט האבען דאס ביסעל מילך ווי דאס לעבען, און פון געקויפטע מילך קען מען זיך ניט פילנעווען!

— בלומעלע האט אנגעקליבען אכט רובעל פון געניי, וועלען מיר קויפען א גוטע ציג און וועסט האבען גענוג מילך!

יאסעל איז ניט זייער צעפרידען פארטאן דאס געלט, וואס בלו־מעלע האט אנגעקליבען, אבער אז מען מוז איז דאך ניט שייך...

אין עטלאכע טעג ארום האט מען געקויפט א באבערדעלטע ציג און עס איז געווען מילך אויף מילך...

די מלמד'קע האט איינגעבריט פייגען מיט מילך און יאסעל האט געפילט, אז ער ווערט געזונט.

אט אזוי האט זעליג דער פעלדשער געהיילט זיינע פאציענטען און עס האט געהאלפען...

אין א צייט ארום האט קיין גריבקא פארבלאנדזשעט א יונגער דאקטאר, וועלכער איז ערשט געווען א יאר פון אוניווערזיטעט.

אזוי ווי ארום גריבקא זיינען געווען פאבריקען, האט דער דאקטאר געפונען פאר נויטיג זיך אפצושטעלען אויף א שטיקעל צייט.

אין שטעטעל איז געווארען א רעש, א טומעל: א דאקטאר וועט זיך באזעצען אויף שטענדיג!

זעליג'ן האט עס ניט געשמעקט, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז א דאקטאר איז דאך עפעס „א דאקטאר" און וועט אים געווים קאליע מאכען.

פונדעסטוועגען איז ער אוועק צום דאקטאר און זיך מיט אים באקענט.

דער דאקטאר, א וואוילער יונגערמאן, איז געווען צעפרידען זיך צו פריינדלען מיט'ן פעלדשער, און וואו ער איז געפארען, האט ער אים מיטגענומען.

די איינוואוינער פון גריבקא האבען, נאטירלאך, גערופען פריער דעם פעלדשער, און ווען עס איז געווען זייער ערנסט, האט ער שוין גערופען דעם דאקטאר.

דער דאקטאר האט באמערקט די מעטאדען, מיט וועלכע זעליג דער רופא באנוצט זיך, און ער האט ניט געוואלט ליידען, ווייל דארט וואו וויסענשאפט איז דא קען מען מיט זאבובאנעס זיך ניט באנוצען.

ער האט געפרואווט לערנען זעליג'ן די סודות פון דאקטאריע און טאקע געוואלט, ער זאל עס גוט פארנעמען, ווייל וואס טוט מען אויב ער פארט ארויס פון גריבקא.

זעליג'ן איז אבער די גאנצע געשיכטע ניט אנגעשטאנען. צוואנציג יאר געווען פעלדשער אין גריבקא, געלעבט שלום מיט אלעמען (אפילו מיט די מתים פון בית־עולם, וואס ער האט פאר די צוואנציג יאר אויסגעלייגט), און דא קומט „א צוציק" און וועט אים לערנען!

ער האט נאך אביסעל געליטען און איינמאל, ווען דער דאק־טאר האט אים געמאכט א באמערקונג, אז ער האט ניט גוט געטאן וואס ער האט באנוצט דאס זעלבע בערשטעלע פון איינעם צום צוויי־טען, ווייל פון היגיענישען שטאנדפונקט, איז עס ניט דערלויבט, האט זעליג א פאטש געטאן דעם דאקטאר און איז אוועק...

אין שטעטעל איז געווען חושך! איין קלייניגקייט, זעליג דער רופא האט געשלאגען דעם דאקטאר, וועלכען די איינוואוינער הא־בען שוין אנגעהויבען ליב האבען פאר זיין גוטסקייט און איידעל־קייט.

אזוי ארום האט זעליג אנגעהויבען ווידער פראקטיצירען פאר זיך אליין.

עס האבען זיך געפונען א סך וואס האבען באנוצט נאר זעליג'ן, ווייל זיי האבען געגלויבט אין אים ווי אין א גאט, אבער א גרעסט־

רער טייל האט אים מער ניט גערופען, ווייל זיי האבען אנגעהויבען פארשטיין, אז דער דאקטאר ווייסט מער...

און צוביסלאך, צוביסלאך איז זעליג געווארען אוים גאט. אפילו יאסעל דער מלמד, וועלכער האט געדיינקט, אז קיין גרעסע־רער ידען אין הלכות מעדעציין פון זעליג'ן איז ניטא. האט אויך פאר־לוירען זיין גלויבען און גערופען דעם דאקטאר.

און דערצו נאך האט דער דאקטאר ניט גענומען קיין געלט ביי ארימע. ער פלעגט נאך אפט געבען פון זיין קעשענע אויף א מע־דעציין...

זעליג דער פעלדשער האט נאסלען געהייסען גיין וויניג אין גאס, זיצען פארטישקעוועט און דער דאקטאר האט אים געהייסען שטענדיג זיין אין גאס אויף לופט, אפילו אין די גרעסטע פרעסט.

און יאסעל האט טאקע געפילט בעסער און ניט געהוסט אזוי שטארק...

א שטיקעל צייט איז נאך זעליג געווען אין שטעטעל, אבער ער האט עס מער ניט געקענט אריבערטראגען: אזוי ארונטערגע־פאלען!...

און ער איז אוועק אין אנדער שטעטעל, וואו עס איז קיין דאק־טאר ניט געווען נאך און מען האט ניט געוואוסט פון די נייע „שלעק", ווי ער האט זיי גערופען די דאקטוירים!...

און ער איז ווידער געווארען „מלך"! זעליג דער רופא איז גע־ווען דער גאט און האט געהיילט זאדישקעס און טויזענטער אנדערע קראנקהייטען, וועלכע ער האט ניט אנגעהויבען צו וויסען ווי אזוי מען קריכט אריין אין זיי...

פונדעסטוועגען האט ער נאכגעטאן דעם יונגען דאקטאר פון גריבקא און געהיילט מיט זיינע מעטאדען...

אין זיך האט ער געפילט, אז דער דאקטאר איז געווען גערעכט, אבער ער האט ניט געהאט גענוג „קוראזש" עס צוגעבען.

אבער אהינצו איז אויך געקומען א יונגער דאקטאר און ער האט זיך אויך מיט אים צעפאטשט, ווייל ער האט ניט געקענט בוי־גען זיין „כבוד" אלס „גאט" און ווערען א לערען יונג...

ער איז אוועק אין אן אנדער שטעטעל און ווידער געווארען

„זעליג דער פעלדשער", אבער באלד איז אויך אהין געקומען א דאקטאר...

אזוי זיינען זיי אים נאכגעלאפען ביז ער האט עפעס פון זיי געלערנט און געווארען א היינטמאדיגער פעלדשער...

אבער לאנג איז ער שוין קיין „גוטער פעלדשער" ניט געווען, ווייל זיינע יארען האבען זיך שוין אנגערוקט צום פארגיין...

אין א שיינעם טאג איז זעליג דער פעלדשער קראנק געווארען אויף „זאדישקע" און ניט ער, כאטש ער האט אלע זיינע יארען גע־היילט קראנקע אויף דער חולאת, און ניט דער דאקטאר, מיט וועל־כען ער האט געלעבט זייער גוט, האבען ניט געקענט אנשרייבען דעם ריכטיגען רעצעפט פאר איהם און ער איז געשטארבען....

——<>——

שלעכטע צייטען

מאקס ליגט קראנק. ער האט שוין אויסגעהארעוועט די כחות אין שאפ. אכצען יאר רייבען העטס פון אין דערפרי ביז אויף דער נאכט. רייבען מיט אלע כחות, מיט אלע אברים, מיט אלע נערוועז, מיט אלע פולסען. רייבען...

ער מוז דאך ארבייטען, ווייל ער איז א פאמיליען־מאן: ער האט א פרוי מיט צוויי קינדער. אבער אז מ'ווערט קראנק און דער דאקטאר זאגט, אז ער טאר מער ניט ארבייטען, ער דארף האבען רו און גוט עסען און טרינקען, ווייל אנדערש איז זיין לעבען ניט געזיכערט, קען מען זיך שוין ניט העלפען.

איז ביטער און פינסטער! זיין פרוי פעני וויינט טאג אין נאכט, גיסט ווי א בערעזינע... און די קינדערלאך זעען אוים ווי צוויי פארבלאנדזשעטע שעפעלאך אין וואלד; ניטא ווער עס זאל זיך אויף זיי מרחם זיין.

איז אין שטוב ביי מאקס'ן תשעה באב... א שווערער טרויער ליגט און פרעסט יעדע זאך. דאס מעבעל זעט אוים אזוי פאר־טרוימט, די בילדער וואס הייגען אויף די ווענט און דאס גלאז־ווארג וואס שטייט אויסגעשטעלט אויף דער ביורא, — אלעס, אלעס טרויערט אינאיינעם מיט'ן בעל הבית און בעל הבית'טע...

אפילו דאָס קעצעלע, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי פרייליך און אויפגעלייגט, איז אויך ניט מיט אַלעמען: ס׳ליגט שטיל אין אַ ווינקעל און מיאַוקעט אַזוי טרויעריג, גלייך ס׳וואָלט העלפען באַוויינען דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זיינע געטרייע, גוטע בעלי־בתים.

און מאַקס ליגט מיט שטאַרע אויגען טאָג איין טאָג אויס. ס׳לויפט אַ מאָנאַט נאָך אַ מאָנאַט. דער לענדלאָרד קומט פונקט צום טאָג (ער וויל גאַרנישט וויסען). און מיט וואָס צו צאָלען איז ניטאָ... שוין שולדיג רענט פאַר דריי מאָנאַטען. דער בוטשער קומט אויך גאַנץ אָפט אַרויף, ניט מבקר זיין דעם חולה, נאָר ער ברייננגט מיט זיך דעם בוך, וועלכער איז פאַרשמירט מיט בלוט... און מאָנט, מאָנט זיין חוב.

דער בעקער האָט שוין אויפגעהערט געבען ברויט... (ניט זיין עסק וואָס מענטשען האָבען מיילער)...

אַלע, אַלע האָבען מיט אַמאָל אויפגעהערט צו געבען, און גאָט אויך — פרנסה...

און דער דאָקטאָר קומט און נעמט צו דעם לעצטען גראָשען (אַז געלט גייט ער ניט). דער אַפּטייקער זויגט ווי אַ פּיאַווקע... און קיין געלט איז ניטאָ!...

ליגט מאַקס אַ צע׳הרג׳עטער פון „לעבענס־שלאַכט“ און קלאָגט אין דער שטיל. ער וויסט און פילט, אַז זיינע מינוטען זיינען געציילטע. ער ציילט זיי אַליין...

זיין פרוי ווערט וואָס אַמאָל מאָגערער, געלער, קראַנקער, און וויינט. (וואו נעמט עס אַ מענטש אַזויפיל כחות?) אין׳שטוב איז גאַרינגט דאָ, און אַ קראַנקער דאַרף אַזוי פיל האָבען!...

און אַז עס דערבאַרעמען זיך אַמאָל עטלאַכע שכנים און מאַכען אַ „נדבה“ פאַר מאַקס׳ן, קלעקט עס אויך ווי ביי אַ סאָלדאַט אַ מצה...

און מענטשלאַכע טובות זיינען דאָך שוין גוט באַקאַנט!

איין מאָל, צוויי מאָל, און שוין מיד געוואָרען! דערווייל גייען פיר מענטשען אין דער שטיל אויס פאַר הונגער.

ס׳האָבען זיך אָפּגעזוכט קרובים, וועלכע האָבען אַביסעל מיט־

געהאָלפען, אָבער זיי זיינען אויך מיד געוואָרען. אויך איבערגע־לאָזט די אָרימע פאַמיליע אויף גאָטס באַראַט.

און גאָט אַליין איז אויך, ווייזט אויס, מיד געוואָרען, און וויל ניט געבען אַ קוק אַהינצו, צו די קראַנקע, עלענדע קינדער זיינע...

גיסען טרערען ים'ענווייז, הערצער צאַנקען, אויגען ווערען אויסגעלאָשען... און שאַ, קיינער וויל ניט וויסען. אַבי זיי איז ניט שלעכט! זיי האָבען וואָס צו עסען, טרינקען, וואו צו שלאָפען און מיט וואָס צו פאַרברייניגען...

מאַקס אָבער מיט זיין פאַמיליע זיינען פאַרזינדיגטע פאַר גאָט און פאַר לייט...

און די צייט ציט זיך, ציט זיך אַזוי גרוי, קלעפּיג, אַן אַ ליכט פאַר היינט און אָן אַ שום האָפנונג פאַר מאָרגען.

איינמאָל איז שוין אָבער געוואָרען אַזוי שלעכט, אַזוי ביטער, אַז פּעני האָט שוין ניט געקענט אויסהאַלטען, און איז אַרויס אין גאַס מיט אַ גוואַלד, מיט אַ יללה: „ראַטעוועט, איך בעט אייך, מענ־טשען ליבע! מענטשען געטרייע! ראַטעוועט! מיין מאַן שטאַרבט!"

זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען מענטשען, און, ווייזט אויס, טאַקע אויף אַן אמת גערירט געוואָרען פון אַזוינע ליידען, און מ'האָט עפּעס געטאָן. מ'האָט צוזאַמענגעקליבען געלט, גערופען אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט, באַצאָלט דעם לענדלאָרד; אָפּגעגעבען דעם חוב דעם קצב, און זיך אויף אַן אמת פאַרטראַכט וואָס צו טאָן מיט דער אָרימער פאַמיליע.

באַלד האָבען זיך אָפּגעזוכט קרובים אויך, ווייל ווען פרעמדע האָט עס שוין גערירט ביז'ן ביין, קענען שוין קרובים ניט שטיין פון וויטען, כאָטש הערצער האָבען זיי שטיינערנע... און מען האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען אַ תכלית...

ראשית חכמה האָט מען מאַקס'ן אַוועקגעשיקט אין קאַנטרי זיך אַביסעל אָפּרוען. פּעני'ן האָט מען שוין ניט אָפּגעלאָזט פון אויג, און אַלעס איז אַוועק גאָר אַנדערש.

מ'האָט געזאַמעלט געלט און געקויפט פאַר זיי אַ קענדי־סטאָר.

פּעני, ניט קיין נאַריש ווייבעל, האָט אָנגעהויבען אַטענדען אין סטאָר, און באַלד איז מאַקס געקומען פון קאַנטרי און איר צוגע־האָלפען, און צוביסלאַך, צוביסלאַך איז אַוועק ניט שלעכט.

מ'האט אנגעהויבען קוקען גלייך מענטשען אין די אויגען. זיך שענער קליידען, לייגען אביסעל געלט אין די בענק, און וואס ווייטער איז געגאנגען אלץ בעסער. מ'האט אנגעהויבען פארגעסען אז די שלעכטע יארען, ווען מען האט געהונגערט און געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד.

מאקס האט פארגעסען, וואס הייסט זיין ארים, און האט דערפילט דעם טעם פון שרייבען טשעקס... פעני האט זיך אנגעהויבען פוצען ווי א יונגע ווייבעל, נאר וואס נאך דער חתונה. זי האט אנגעהויבען האבען גאר אנדערע פרעטענזיעס: דאס קען זי ניט עסען, דאס קלייד קען זי ניט טראגען, מיט דעם שטייט איר ניט אז צו רעדען, דער איז א קבצן, א שנארער, א גארניט... — ניט די פעני וואס אמאל.

די קינדערלאך, יענע בלודנע שעפעלאך, וואס האבען זיך געוואלגערט ווי נישטיגע, איבעריגע באשעפענישען גאנצע טעג אז א לעפעל געקעכץ, זיינען גאר אויפגעריכט געווארען. מען קליידט זיי ווי אמת רייכע קינדערלאך, מען פיעשטשעט זיי גאר ווי ביי די פריצים... און זיי, די קליינוואַרג, פארמאגען שוין באלד מער ווי אן אנדער ארימער בעל הבית. זיי האבען אייגענע קאסעס און וואקסען גרייטע „געלט־פרעסערס" און במילא מיט שלעכטע כאראקטערע, ווייל אנדערש קען עס דאך ניט זיין.

קרובים קומען אלע טאג צו־גאסט און מ'איז זיך משמח מיט די פעטער־מומע, מען יחוס'ט זיך מיט פעני'ן אזוי ווי מיט גאר, גאר עפעס רעכטס...

די דאלערס וואקסען אין די בענק ווי אויף הייוועז, און מאקס שרייבט אונטער (אפילו גאנץ שווערלאך) די טשעקס...

איז דאך אבער גאט א פאטער, און אויב מען ווערט פטור פון איין „קבצן" וואקסען אוים ווי פון אונטער דער ערד נייע צוויי... איז טאקע שלעכט!

און מאקס זאגט אליין מיט זיין הייליג מויל, אז קבצנים האסט ער ווי דעם טויט. זיי זיינען פוילענצער און ווילען גרינג לעבען! ער האט שוין פארגעסען יענע יארען, ווען ער איז געלעגען קראנק און צעבראכען אז א מארגען און אז א היינט און אפילו אז אן איבערמארגען אויך.

פעני האָט שוין לאַנג פאַרגעסען די צייטען, ווען אירע קרובים זיינען צו איר געקומען זי טרייסטען און איר איינגערעדט, אַז ס'איז ניט אַזוי געפערלאַך: מאַקס וועט שטאַרבען, און זי איז נאָך אַ גאַנץ „זשוואַווע" ווייבעל...

ווי קען זי עס געדיינקען „יענע צייטען", אַז היינט שאַצט מען זיי אין אַ צען, פופצען טויזענט דאָלער, אַחוץ וואָס מ'ווייסט ניט.

און קומט אַמאָל אַריין אַ שכן אָדער אַ שכנה צו זיי לייען אַ פּאָר דאָלער, קוקען זיי פון אויבען אַראָפּ און קריצען מיט די ציין פאַר כעס.

— אַזעלכע שנאָרערס! רק גיב זיי! קענען ניט גיין אַרבייטען און פאַרדינען, אַזוי ווי מיר טוען!

און וויל זיך שוין גראָד פעני אַמאָל אויספיינען אַז זי איז אַ גוטע און האָט נאָך אַ האַרץ, טראָגט זי אַריין צו אַ שכנה עטלאַכע בלינצעס אָדער קרעפּלאַך. און זייערט זי טאַמייטאָס אָדער אוגער־קעס, טראָגט זי אויך אַריין אַ צוויי־דריי, און אויף איר געזיכט ליגט אַ שמייכעלע פון נצחון! אַוואַ, אַזאַ נאָבעלקייט! אַזאַ גוטסקייט! זי, פעני די נגידה, האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אַזוי נידריג און פאַר־געסט ניט אַן קבצנים...

דערפאַר אבער אַז ס'קומט צו אַ גמילת חסד, איז „קיינער אין דער היים ניטאָ!" איין ענטפער האָט דער איידעלער מאַקס: „היינט לייען געלט?... היינט?... גייט שוין, גייט, מאַכט זיך ניט נאַריש, איך בעט אייך!... ווער לייט עס היינט געלט? אַ משוגע'־נער סיידען! און וואו וועט איר נעמען מיר אָפּצוגעבען? היינט איז דאָך „סלעק", האַ?... ניין, איך קען אייך ניט לייען אפילו אַ פעני, ווייל די צייטען זיינען זייער, זייער שלעכטע, ס'אַ „קריזיס". איר פאַרשטייט!"...

און ער לייט ניט ווען אימיצער ציט זיך אויס פאַר זיינע אויג־גען... (אַזאַ גראָביאַן!). ער האָט שוין גאָר פאַרגעסען יענע צײַ־טען, ווען אַלע קרובים האָבען שוין אַרויסגעקוקט אויף אים ער זאָל אַנלייגען מיט'ן קאָפּ, און געגעבען צו פאַרשטייען זיין פרוי, אַז זי איז נאָך געגוג יונג... און ביי אים אין שטוב איז יעדער טאָג גע־

ווען „תשעה־באב“... ער האט עס שוין פארגעסען, און האלט איז איין שרייען צו זיינע שכנים, ווען מ׳קומט לייען א גמילת חסד: „היינט זיינען שלעכטע צייטען!“...

———<>———

אומגעריכט.

שמואל האט ער געהייסען. א קלוגער, שטילער בחור וואס האט ליב געהאט לערנען און זיך גריבלען אין ביכער.

זיינע עלטערען זיינען געוועזען ארימע און ניט געהאט די מעג־לאכקייט אים שיקען ערגעץ אין א גרויסער שטאט אין א גימנאזיע, ווי ס׳האבען עס געטאן אנדערע עלטערען מיט זייערע קינדער.

האט ער געמוזט געבען אוראקען און פאר׳ן ביסעל געלט וואס ער האט פארדינט ביי לערעריי, אליין געצאלט א לערער און נאך געהאט די מעגלאכקייט ארויסצוהעלפען זיינע עלטערען, שוועסטער און איינגערע ברידער, וועלכע ער האט ליב געהאט מיט אלע פי־בערן פון זיין נשמה.

דאס שטעטעלע איז קליין און די אטמאספערע איז א באגרע־נעצטע, אבער שטיל און רואיג איז אין אלע ווינקעלאך.

און רואיגקייט איז ביי אים געוועזען דאס בעסטע, דאס טייערסטע. ווי רואיג ס׳איז ניט געווען אין שטעטעלע, איז אים נאך אלץ געווען צו טומעלדיג אינווייניג און ווען ער איז געווען פריי פון די אוראקען און האט אליין ניט געדארפט צוגרייטען זיינע לימודים פאר זיין לערער, איז ער אוועק אין די וועלדער, פעלדער, צום טייך, וואו ס׳איז שטיל און רואיג...

זיין נשמה האט געקוואלען פון נחת ווען ער איז געלעגען, זומער א פרייטאג בייטאג, לעבען טייך און געקוקט, אט אזוי זיך, אין דער ווייטקייט פון גרינס און בוימער...

ער האט אויך ליב געהאט כאפען פיש און דערביי ליינען א בוך.

און אזוי זיינען זיך יארען געלאפען מיטשלעפענדיג מיט זיך אלעס וואס ווערט דורכגעמאלען דורכ׳ן לעבענס־מילשטיין.

שמואל איז געווארען אביסעל עלטער און קיין ענדערונג איז זיין לעבען איז נאך אלץ ניט געקומען.

חברים איז שטעטעלע האט ער געהאט זייער ווייניג, מ'קען זאגען, כמעט אינגאנצען ניט, ווייל פון דער נאטור איז ער געווען אן עמפפינדליכער און יעדער פאלשער קלאנג האט אים געשניטען ביים הארצען.

ער האט ניט געקענט פארנעמען די רייד פון אנדערע בחורים און מיידלאך, וועלכע האבען כלומרשט געלעבט גוט, זיך געפריינ־דעלט און אונטער די אויגען האט מען גערעדט רכילות.

ער האט ליב געהאט גלייכקייט, ערנסטקייט און אפענהער־ציגקייט מיט פריינד און וואו עס איז אוממעגלאך, איז שוין בעסער זיין פון ווייטענס.

אלע אנדערע האבען געקענט אנדערש דורכקומען מיט'ן לעבען און האבען זיך גע'חבר'ט, גערעדט פריינדלאך און אפילו געווען קור־ציניו־מוציניו איינער מיט'ן צווייטען און אבי ס'איז נאר געווען א געלעגנהייט — אהא! מ'רעדט שוין לשון הרע אויפ'ן פוד.

שמואל האט עס ניט געקענט פארטראגען, האט ער זיך גע־האלטען פון ווייטענס.

דערצו נאך האט ער געהאסט די נגיד'עשע שטיק פון איינינע און זייער האלטען זיך: „איך בין דאך עפעס יאסעל דעם קאסירס א זון! אדער איך בין דאך עפעס לייזער דעם פאבריקאנטס טאכ־טער און מיין טאטע איז רייך און וועט מיר געבן פינף טויזענט רובל נדן!...“

זיינע עלטערן זיינען געווען זייער פיינע, גוטהערציגע מענ־טשען, אבער ארימע!

האט ער זיך געהאלטען פון ווייטענס.

און פלעגט אים שוין אמאל יא אויסקומען זיין מיט דער גאנ־צער חבריא צו „א וועטשערינקע“, אדער אזוי ביי א שמחה'לע, איז עס געווען ביי אים אן אפקומעניש. זיי זיינען גראב און ווייסען ניט ווי זיך צו האלטען!

— וואס בלאזען זיי זיך אזוי, די אידיאטען?

דעם גאנצען אווענט האט מען נאר פארבראכט אין שושקען

זיך, וואַרפֿען געהיים מיט די אויגען און יעדער אַנשטענדיגער מענטש האָט זיך געפֿילט ווי אויף הייסע קוילען.

האָט שמואל טאַקע אויסגעמידען זיין אַן אָפֿטער גאַסט ביי זיינע חברים און חבר'טעס כלומרשט...

נו, נו! איז ער טאַקע געווען ביי זיי דער בעסטער מאַטע־ריאַל צו רעדען, אָפּלאַכען און זיך גלאַט אַזוי לאָזען וואוילגיין אויף זיין חשבון.

זיי האָבען אים געהאַלטען פֿאַר אַ נאַר, אַ ניט דערוואַקסענעם, אַ בעזליודנעם און וואָס דען ניט?...

ער האָט אַלעם געוואוסט!

און איז אים אויסגעקומען זיך ווען באַגעגענען מיט איינינע פֿון די מיידלאַך, האָט ער אַן פֿוסטע צערעמאַניעס אַראָפּגענומען דאָס היטעל און אַוועק.

אייניגע האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר אַ נאַרישען גדל'ניק. ער איז דאָס אָבער ניט געווען. פֿאַרקערט, ער האָט זיי געהאַסט פֿאַר זייער נאַרישען בלאָזען זיך און פֿוסטען, אויסגעדראַשענעם גדלות.

און די יאָרען זיינען זיך אַלץ געלאָפֿען, ווי קליינע ריטשקע־לאַך, וואָס פֿליסען צום טייך און דער טייך ברייננגט זיי צום אָקעאַן פֿון אייביגקייט...

שמואל איז אַ פּאָר מאָל אַוועקגעפֿאָרען ערגעץ, אָבער באַלד צוריקגעקומען און געפֿירט זיין געוויינלאַכען אָרט לעבען.

די אַנדערע זיינען געוואָרען נאָך פֿריקרער און קליין ביז גאָר!

אייניגע זיינען געקומען פֿון די גימנאַזיעס מיט די קנעפּ און מונדירען.

די מיידלאַך זיינען גאָר נתפּעל געוואָרען פֿאַר אַזוינע זאַכען. ווייל אַחוץ דעם אוריאַדניק, סטראַזשניק און פּריסטאַוו האָט קיינער קיין מונדירען ניט געטראָגען...

איז מען טאָג און נאַכט געווען פֿאַרנומען מיט די קנעפּ און מיט די מונדירען, ווייל אַחוץ זיי איז מער קיין זאַך ניט געווען. איינפֿאַכע בחורים מיט נאַרישע פּנים'ער און פֿוסטע געדאַנקען.

שמואל איז נאָך מער דערווייטערט געוואָרען, ווייל ער האָט געזען ווי אומגעלומפּערט־אידיאָטיש די מיידלאַך זיינען. פֿאַר די

קנעפּ און פּאר'ן מונדיר זיינע זיי געווען גרייט צו גיין אין עק וועלט אריין!

און זיי אליין האבען שוין גאר אין גאנצען שמואל'ן ניט באַמערקט, און א פּאר מיידלאך, וועלכע זיינען געווען אין זיינע יאָרען, האבען אים גאר אנגעהויבען זאגען „איר".

אויף אזוי ווייט שוין אוועק? נו, נו!

און ער האט מיט זיי אינגאנצען אויפגעהערטריידען: פּאר אזא חוצפּה...

אבער וואס ארט עס זיי? רייך זיינען זיי! בחורים מיט מונדירען און גלאנציגע קנעפּ האבען זיי, טא וואס גייט זיי אן א בחור שמואל, וואס ציינט ארויס סימנים פון אז אמת'ען מענטשען!...

ווייס איך וואס, דארטען!

אים האט עס וויי געטאן, ווייל ער האט געזען, אז ניט איינער איז אזוי, נאר, כמעט, אלע.

שמואל האט געהאט א נייגונג צו שרייבען און ער האט געפּרואווט אנשרייבען איינגע זאכען.

מיט וועמען טיילען זיך האט ער ניט געהאט, האט ער געשוויגען און קיינעם ניט געזאגט.

איינמאל איז אין שטעטעלע אנגעקומען א יונגערמאן פון אדעס צו גאסט צו זיינע קרובים און מ'האט זיך דערוואוסט, אז ער איז א יונגער טאלאנט, א אידישער פּאעט, וועלכען מ'האט שוין אפילו געלייענט אין שטעטעלע.

אלע יונגעלייט פון'ם שטעטעל האבען זיך געריבען ארום גאסט, אבער ער האט, ווייזט אויס, ניט פיל געהאלטען פון זיי.

זייער איינפאכקייט אין די מונדירען מיט די גלאנציגע קנעפּ און די מיידלאך, גאר ניט קיין מיאוס'ע, זיינען אויך געווען ניט נאכ'ן געשמאק נאך פון'ם גרויס־שטעטיגען יונגען פּאעט.

האט ער זיך אביסעל געלאנגווייליגט.

שמואל האט זיך דערוואוסט פון'ם גאסט און איז שטילערהייט, קיינער זאל ניט וויסען, אוועק צו אים און זיך מיט אים באקענט.

די פריינדלאכע אויפנאמע פון'ם פּאעט און דאס פּאראינטע־

רעסירעז זיך מיט אים אזוי, האט אים צוגעגעבען מוט און ער האט, מיט א קלאפענדיג הארץ, אים פארטרויט א סוד, אז ער שרייבט...

דער גאסט האט זיך שטארק פאראינטערעסירט און אים גע־בעטען פארלייענען פאר אים זיינע זאכען.

שמואל האט עס מיט פארגעניגען געטאן און אין דערזעלבער צייט געציטערט, טאמער געפעלט עס ניט דעם גאסט.

זעענדיג אבער דעם פריינדלאכען שמייכעל אויפ'ן דיכטערס געזיכט און דאס ארויפלייגען זיין האנט אויף זיין אקסעל, האט ער פארשטאנען אז ס'געפעלט, און ממש מיט טרערען אין די אויגען האט ער פארגעלייענט זיינע זאכען.

— איר האט א טיפען געפיל פון א פאעט! — האט אים דער גאסט געזאגט און אים געהייסען ווייטער שרייבען.

שמואל איז געווען אין זיבעטען הימעל פאר גליק... אנער־קענט אלס דיכטער פון אזא אויטאריטעט!

דער גאסט איז שוין געווארען גאר נאענט צו שמואל'ן און מיט אים ארומגעשפאצירט הינטער'ן שטאט, אין די וועלדער, פעלדער, געשיפט זיך אויף א שיפעל און זיך געטיילט מיט אים ווי מיט א גלייכען...

דאס שטעטעל האט זיך דערוואוסט דערפון און מ'האט אנ־געהויבען טייטען מיט די פינגער אויף שמואל'ן: ער איז א פאעט און וועט אמאל זיין א גרויסער שרייבער.

שמואל'ס עלטערען האבען געהאט א וועלט מיט נחת און די יונגע בחורים און מיידלאך האבען אנגעהויבען זוכען זיין פריינד־שאפט...

אין גיכען איז דער „גאסט" אפגעפארען און פאר'ן אוועק־פארען צוגעזאגט שמואל'ן, אז ער וועט זען מ'זאל דרוקען זיינס א ליד אין אן אדעסער צייטונג.

און אין א שטיקעל צייט ארום איז ערשינען א ליד פון שמואל'ן אין דער צייטונג „לעבען". וועלכע איז ארויסגעגאנגען אין אדעס.

דאס גאנצע שטעטעל האט געקאכט ווי א קעסעל. ביי שמואל'ס עלטערען איז געווען יום־טוב און יונגוואַרג איז געקומען אים באַ־גריסען...

אלע מיידלאך האבען אויפגעהערט פּאדען ארום די בחורים מיט די מונדירען און גאלדענע קנעפּ און זיך אנגעהויבען חנ'דלען צו שמואל'ן...

זיין יעדער ווארט איז ביי זיי געווען א היייליגקייט. א קליי־ניגקייט דער דיכטער זאגט אזוי און מסתמא ווייסט ער...

לאנג האט שוין שמואל ניט געקענט זיין אין שטעטעלע: צו ענג, צו שמאל. און איז אוועק קיין אדעס.

יארען זיינען אוועק. פון צייט צו צייט פלעגט מען זען א ליד אדער א שטימונג אין א צייטונג פון שמואל'ן און מער גארניט.

אין א צייט ארום האבען זיך דערטראגען קלאנגען, אז שמואל איז שטארק קראנק און קלייבט זיך קומען צוריק אין שטעטעלע, און ס'איז געשען!

אין א שטיקעל צייט ארום איז ער געקומען, אבער מ'האט אים, כמעט, ניט דערקענט.

אויסגעדארט, געל ווי וואקס און מידע צוויי אויגען, וואס בלאנדזשען ערגעץ אין פרעמדע וועלטען...

א פּאר חדשים איז ער קראנק געווען און אין איין אומעטיגען הערבסט־טאג, ווע די גאנצע נאטור האט גע'גוסס'ט, האט אויך אויסגעהויכט זיין נשמה דער גוטער, קלוגער, טאלאנטפולער שמואל...

שטיל...

דער בית־עולם ליגט פארזונקען אין אייביגען דרימעל; די בוימער מאכען אזא שווערען איינדרוק מיט זייער שאקלען זיך. א סאווע האט זיך ערגעץ צעבייזערט; געלע בלעטער לאזען זיך אלע ווייל אין גאלאפּ, ווערענדיג געטריבען פון ווינט און שטיל און טרויעריג האבען די באגרעבער שמואל'ן ארונטערגעלאזען אין גרוב...

דער זאסטופּ ארבייט שנעל און שוין — ניטא קיין זכר פון אים...

פארנאכט, ווען די שאטענס צעלאזען זיך און הויבען אן ווארפען אימה'דיגע שטריכען אויף אלע, זיינען די יונגע בחורים און מיידלאך געזעסען מיט ארונטערגעלאזענע קעפּ און געהאלטען

אין ווידערהאלען אלע מאל דאס זעלבע ווארט: „אזוי אומגעריכט! אזוי אומגעריכט!"

און ווירקלאך! אומגעריכט האט זיך אנטפלעקט זיין שעפערישע נשמה, וואס האט זיך אנגעזאפט מיט גייסט פון פעלד, וואלד און טייך, האט זיך באקענט מיט הימעל, שטערען און פארבארגענע סודות פון לעבען און — אומגעריכט איז זי צעבראכען געווארען. צעריסען געווארען די צארטע סטרונעס, וועלכע האבען אנגעהויבען ארויסגעבען אזוינע זיסע, היילענדע קלאנגען...

אומגעריכט!!!

און איצט ליגט דארט אויפ'ן בית־עולם דאס געביין פון א יונגען טרוימער און פויגעלאך זינגען אפט, אין שטילע זומער־פארנאכטען, ארום דאס, וואס אונזער שמואל דער דיכטער האט ניט דערזונגען...

אומגעריכט!

און די יארען גייען, גייען! פליסען אין דער טיפער אייביגקייט, וואס הייסט „צייט", און אלץ וואס געשעט אין לעבען איז — אומגעריכט...

——<>——

יאנקעל דער שוסטער.

א מאדנער מענטש איז ער געווען דער יאנקעל: ער האט ניט געקענט איינזיצען אויף איין ארט.

אנדערע בעלי־מלכות האבען זיך שטילערהייט געארבייט ביי די ווערקשטאטען און געמאכט א פיין לעבען פאר ווייב און קינדער און ער, דער בעסטער בעל־מלאכה אין שטעטעל, איז געווען ארים און זיין ווייב מיט'ן איינציגען קינד האבען געהונגערט און געליטען דחקות...

זייטיגע מענטשען האבען אפגעלאכט פון יאנקלען און אים דערגאנגען די יארען: פארוואס ער איז א פוילער און וויל ניט פארזארגען זיין ווייב און קינד.

עטלאכע שוסטער, וועלכע האבען גוט געוואוסט, אז זיי זיינען לערן־אינגלאך אין פארגלייך מיט יאנקלען, האבען אים ניט געלאזט צורו און געוואלט ער זאל ארבייטען ביי זיי.

ער האט אבער לאנג ניט געקענט זיין אויף איין ארט און אפארבייטענדיג א וואך אדער צוויי איז ער ווידער ארומגעגאנגען ליידיג.

אין זיך האט ער שרעקלאך געליטען, ווייל ער האט זיין פרוי און קינד שטארק געליבט און געוואלט זיי זאלען לעבען גליקלאך און צעפרידען, אבער א געהיימע קראפט, וועלכע ער האט ניט געקענט גובר זיין, האט אים געשטויסען אין אפגרונט אריין...

יעדער דאנערשטאג, ווען אלע ווייבער גייען איינקויפען מעל, צוקער, ראזשינקעס, הייוועז און אנדערע נויטיגע זאכען אויף שבת, איז זיין ווייב געזעסען און ניט געקענט ארויסגיין פונ'ם הויז, ווייל וואו וועט זי נעמען אויף שבת, אז ער האט שוין פון וואכען ניט געהאט קיין שטאך ארבייט.

אויב ס'איז מעגלאך זיך פארצושטעלען דעם גיהנם, האט אים יאנקעל געפילט דאנערשטאג פארנאכט...

ער האט געזען ווי ווייבער גייען פון די קראמען מיט כל־טוב און מ'וועט קאכען און באקען אויף שבת פון אלצדינג, און ביי אים וועט זיין וויסט און פינסטער: א שטיקעל הערינג און א שווארץ שטיקעל ברויט וועלען זיין זיינע מעדני שבת...

דער שבת איז אבער שנעל אוועק און אינמיטען דער וואך האט שוין יאנקעל ניט געפילט אזוי שטארק דעם דרוק פון ארימקייט.

ס'איז אבער ווידער אנגעקומען א דאנערשטאג, און ס'איז ווידער ניטא אויף שבת!...

וואס טוט מען?

איינמאל האט אים שוין אזוי דערעסען דאס ניט האבען, אז ער האט ביי זיך אפגעמאכט, זיך א נעם טאן מיט אלע כחות צו דער ארבייט און ווערען א מענטש!

און ער האט אנגעהויבען ארבייטען מיט ברען, מיט פייער. זיין ארבייט געפעלט און מ'טראגט צו אים פון אלע זייטען.

דאנערשטאג האט זיין ווייב זיך אוועקגעלאזט איבער די קראמען איינקויפען פון אלעס, און שבת איז יאנקעל געזעסען ווי

א „מלך“ ביים טיש און געגעסן געפילטע פיש, א גוט שטי־קעלע פלייש, פלוימען, לאקשען, געבייטעלטע חלה, און זיין ווייב האט אנגעקוואלען : א בעל־הבית׳טע גלייך מיט אלע שוסטערקעס...

לאנג האט עס אבער ניט געדויערט. ס׳איז ווידער אנגעפאלען אויף יאנקלען א ביינקעניש ערגעץ און „דער ווערקשטאט“ פוסטע־ווען ווידער און שבת עסט מען הערינג מיט שווארץ ברויט...

דער עולם לאכט פון יאנקלען, דערגייט אים די יארען, אבער ער קען דערצו ניט העלפען און טוט זיך זיינס !

און דער דאזיגער יאנקעל, וואס האט אזוי געפייניגט זיין פאמיליע מיט הונגער און נויט, האט געהאט א דימענט הארץ. ער איז גרייט געווען גיין אין פייער פאר א צווייטען. יעדע קליי־ניגקייט האט אים גערירט ביז טרערען און זיין מענטשלאך הארץ האט זיך געווארפען אין קאנוואולסיעס, ווען ער האט געזען א מענטשען ליידען...

זיין נשמה איז געווען פול מיט באגייסטערונג, ווען ער האט פאר עמיצען געטאן א זאך, וואס האט אים געלינדערט די ווייען, די וויטאגען.

און דאס מערקווירדיגסטע איז דאס, וואס ער האט אלע שבת גענומען אן אורח צו זיך אהיים...

נאכ׳ן דאווענען איז ער געבליבען לענגער אביסעל אין שול, צו זען אויב ס׳בלייבט עמיצער איבער פון די ארימע־לייט.

און ס׳האט זיך גאנץ אפט געמאכט, אז ס׳איז עמיצער גע־בליבען פון די ארימע, דורכגייענדע, און יאנקעל איז צוגעגאנגען און אים פארבעטען צו זיך, טיילען דאס שווארצע שטיקעל ברויט און דאס שטיקעל הערינג...

א רייכער בעל־הבית האט זיך אפט אפגעזאגט צו נעמען אן אורח אויף שבת און יאנקעל האט ניט געקענט איבערטראגען ביז ער האט ניט פארזארגט אלעמען.

זיינען דורכגעגאנגען סאלדאטען דורכ׳ן שטעטעל, איז יאנקעל געווען דער ערשטער צו באזארגען די אידישע סאלדאטען מיט נאכטלעגער און עסען.

און וויפיל פרייד ס׳איז געווען צו מערקען אויף זיין געזיכט, ווען ער האט זיין ארבייט בשלמות אפגעטאן !...

מענטשען האבען אבער געלאכט פון אים און אים גערופען פוילער, אונמענטש, ווייל זיין פאמיליע האט ער פארנאכלעסיגט און זי איז געגאנגען צו גרונט...

ער האט עס געפילט, געוואוסט, אבער העלפען דערצו האט ער ניט געקענט, ווייל ס'איז געווען טיף אין זיין בלוט עפעס אזוינס, וואס האט אים ניט געלאזט זיך אוועקזעצען און מאכען א לעבען פאר זיין ווייב און קינד.

שטענדיג האט ער ארומגעבלאנדזשעט איבער די גאסען און געזוכט, גענישטערט.

קיין חברים האבען אים ניט געפעלט, ווייל ער האט געקענט זיין א חבר מיט יעדען איינעם, אפילו מיט קליינע קינדערלאך...

טיף אין זיין נשמה איז עפעס געלעגען אזוינס וויי־כעס, צאר־טעס, אבער עפעס ארויסגעבען גאנצעס, צעפרידענשטעלענדעס האט ער ניט געקענט.

זיין גאנצער איך איז אים געווען „א פרעמדער", א וויי־טער און זייער זעלטען האט ער זיך דערמאנט, אז ער איז ער, אז ער האט פליכטען, כאטש ער האט געפילט און געטראגען דעם וויי פון די פליכטען, געליטען, זיך געקארטשעט פאר'ן ווייבס שמערצען און קינדס עלענדקייט!...

די פליכטען אליין האט ער אבער ניט געהאט און זיין נשמה האט זיי ניט געקענט באגרייפען...

אט ארבייט ער, האכט זיך, געשמאק, פארדינט געלט און צוויי־דריי וואכען גייט אלץ כשורה, אבער פלוצים, באהערשט אים „א גייסט" ווידער און ער לויפט, יאגט פון איין גאס צו דער צווייטער, פון איין דארף אין צווייטען, אט איז ער ביים טייך, אט איז ער אין וואלד, אז אומרו!...

איך האב אים פארשטאנען און מיטגעפילט, ווייל זיין אויס־זען און געזיכטסציגע האבען געצייגט ארענטלאכקייט און גוטס־קייט, אבער די ארומיגע האבען פון אים גע'חוזק'ט, געשפאסט און אים שרעקלאך וויי געטאן.

דער דורכשניטלאכער מענטש קען זיך ניט ארייַנטראכטען און וועלען אנאליזירען א מענטשענס נשמה, דערצו נאך א שוסטערס!...

אין א געוויסען זומער פארנאכט האב איך אים געטראפען ליגען לעבן טייך און קוקען גלאט אין דער וועלט אריין.

איך האב זיך מיט אים צערעדט און ווייך, פארזיכטיג אים גענומען אויספרעגען, ווארום ער פירט אזא ארט לעבען.

ער האט לאנג נאכגעטראכט, אבער, ווי באשטימענדיג עפעס, מיר אנגעהויבען אויפעפענען די אינטימע ווינקעלאך פון זיין נשמה. און איך האב ממש געשטוינט:

„ס'ציט אים ערגעץ אין ווייטע וועלטען און ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען! זיין נשמה זאגט אים אונטער אזוינס, וואס לאכט אויס די וועלט מיט אירע אלע וועגען...

איז ער אין שטאט, ציט אים צום פעלד; איז ער אין פעלד, ציט אים צום שטאט; ער רוט ניט!..."

ער האט געענדיגט זיינע ווערטער און געבליבען א פארגליווערטער, א ליידיגער.

איך האב אים שארף באטראכט, געוואלט טיפער פארשטיין די פסיכאלאגיע פון אזא מענטשען און צולעצט געקומען צום באשלום, אז יאנקעל דער שוסטער איז אן אויסערגעוויינלאכער טיפ מענטש — ער איז א דיכטער!!!

און ס'האט מיר שרעקלאך ווי געטאן פאר אים, ווייל ער האט ניט געהאט די מעגלאכקייט ארויסצוגעבען זיינע געדאנקען, זיי עפענען, אויסגיסען זיין ברייטע נשמה אויף פאפיר; ער האט ניט געקענט שרייבען!...

און דורכ'ן שיך און דראטווע האט ער ניט געקענט אויסדריקען דאס, וואס ער האט יא אויסגעדריקט „שטום", ליגענדיג אויפ'ן פעלד, אדער געפינענדיג זיך אין די גאסען...

——<>——

דאס קווערטעלע יארערן.

א שטיל און בנעימות'דיג אינגעלע איז יאסעלע געווען. יעדער איינער, וואס האט אים צום ערשטען מאל דערזען, האט גלייך געהאט די אויבענדערמאנטע מיינונג וועגען אים. זיינע באנעמונגען,

זיין רעדען, זיין פארטראכטען זיך אפט האט געצייגט, אז דאס אינגעלע איז ניט קיין געוויינלאכער, ווי אלע ארומיגע אינגלאך. זעלטען ווען פלעגט מען אים זען שפילען מיט זיינע חברים־אינגלאך אויפ'ן פעלד, אדער אין אזוי שפילען, וואס קינדער שפילען זיך געוויינלאך. מערסטענס איז ער געזעסען און געלייענט ביכלאך (וואס ער האט ליב געהאט מיט אלע פיבערען פון זיין קינדיש נשמה'לע), אדער ער פלעגט זיצען פארטראכט, מיט צוויי אויגען קוקען אין דער ווייטער, טיפער, אומבאוואוסטער ווייטקייט... געליבט האבען אים אלע זיינע רביים, ווי ער האט געלערנט, און יאסעלע האט געדינט אלס א ביישפיל פאר אלע קינדער...

אבער קיינער האט ניט געוואוסט און קיינער האט ניט געוואלט וויסען, אז אין אט דעם קליינעם, אומשולדיגען הערצעלע קומט פאר עפעס אויסערגעוויינלאכעס... אז אט דאס אינגעלע, וועלכער איז שוואך, קליין און מאגער ליידט גייסטיג מער ווי אנדערע גרויסע, וועלט־באריהמטע דיינקער, פאר וועלכע א וועלט מיט מענטשען קניען... און אט אזוי האט יאסעלע געלעבט ביי א זייער ארימער פאמיליע שטיל און אומבאמערקט אין דעם קליינעם, אייגגען, פארשלאפענעם שטעטעלע.

אבער צום פינסטערען, פארשלאפענעם לעבען פון שטעטעל איז געקומען א סוף... פון דער ווייטער פאנטאסטישער ליטא (אזוי האט מען זי ביי אונז גערופען) איז אראפגעקומען א „לערער". די „יוגענט" פון שטעטעל האט זיך ווי א שטראם א לאז געטאן צום לערער און אנגעהויבען לערנען די היינטיגע לימודים: תנ"ך, לשון־קודש, אביסעל רוסיש, און אזוי ווייטער... פון קליין ביז גרויס האבען אלע, אזוי ווי פון א פלאם פייער ארומגענומען, זיך מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם א ווארף געטאן צו די ביכער און מ'האט געלערנט... וואו מ'איז געגאנגען און וואו מ'איז געשטאנען האט מען נאר געזען מיידלאך, בחורים, אינגלאך טראגען ביכער אונטער די ארעמס: און מיט'ן גרעסטען יראת הכבוד גערעדט פון איזראאילען דעם ליטווישען לערער...

יאסעלע האט זיך אויך דערוואוסט פונ'ם לערער, וואס איז אנגעקומען פון דער גאט־געבענטשטער ליטע... און זיך אנגעהערט פון די וואונדער, וואס מ'דערציילט זיך אז פון אים, און ס'האט

זיך אים שטארק, זייער שטארק, געוואלט ביי אים לערנען... אבער צו־ארים זיינען זיינע עלטערען געווען, זיי זאלען קענען צאלען אזא גרויסען לערער, וועלכער, ווי מענטשען האבען זיך שטילערהייט גע־שושקעט, קאן פאר פיר קלאסען גימנאזיע... און שטיל האט יאסעלע געליטען, געשלונגען זיינע טרערעלאך און קיין זאך ניט געזאגט, ניט דערקוטשעט זיינע עלטערען, ווי אנדערע קינדער... אבער רוען האט ער ניט געקענט. ער האט אויפגעהערט עסען, גערוען גע־שלאפען ביינאכט, זיך ניט געשפילט מיט זיינע חברים, נאר שטענ־דיג געזעסען פארזארגט, פארטראכט און פארטיפט אין געדאנקען... צולעצט איז דער קלוגער יאסעלע געפאלען אויף אן המצאה. שטיל איז ער אוועק צום לערער אויף דער קווארטיר און אים דערציילט פון זיין ביטער הארץ, ווי ער וויל לערנען און האט ניט די מעג־לאכקייט. דער לערער האט אים זייער אויפמערקזאם אויסגעהערט, טיף פארקנייטשט זיין ברייטען שטערען און א גלעט טוענדיג יא־סעלען איבער'ן קאפ אים געזאגט: „יא, יא, מיין ליבער אינגעלע, איך וועל מיט דיר לערנען אומזיסט, ווייל, ווי מיר שיינט, מוזטו זיין זייער א גוטער, קלוגער אינגעל. איך האב ליב אזעלכע."

און יאסעלע האט אנגעהויבען לערנען ביים לערער. דער לע־רער האט אים געגעבען ביכער און אמאל געלט אויף פאפיר, און זע־ענדיג די אויסערגעוויינלאכע פעאיגקייטען פון יאסעלען און זיין קלוגען, לויטערען פארשטאנד, האט ער אים זייער ליב געקראגען. באלד האבען זיך איבער'ן שטעטעל געטראגען קלאנגען, אז ביי משה אברהם לייב'ס וואקסט א אינגעל, וואס וועט באשיינען דאס גאנצע שטעטעל; ער וועט זיין א גרויסער געלערנטער, א דאקטאר און אפשר גאר א פראפעסאר... און וואו יאסעלע איז געגאנגען, האבען מענטשען אנגעוויזען מיט די פינגער: אט דא גייט א בריליאנט, א מלאך... און יאסעלע האט זיך געלערנט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט גרויס התמדה, און דער לערער האט גארניט געוואוסט וואס מיט אים צו טאן...

קריגענדיג א גרויסען נאמען, איז יאסעל שטארק דערהויבען געווארען. יעדער איינער האט אים אפגעגעבען כבוד, אזוי ווי א גרויסען, אלטען מענטשען...

איינמאל, דאס איז געווען אין א זומער פארנאכט; יאסעלע

איז געשטאַנען נעבען זייער הויז און זיך געקוקט ערגעץ ווייט... רעדלאַך ווייבער זיינען זיך געזעסען אויסגעזעצט אויף די פּריזבעס מיט די דרימלאַך אין די הענט און געשטריקט זאָקען, אויסרעדענ־דיג רכילות אויף דער גאַנצער שטאָט... ס'האָט פיל ניט גענומען, האָט איינע אַ רוף געטאָן צו זיך יאַסעלען. יאַסעלע איז צוגעגאַנגען און געפרעגט וואָס זי וויל. „הער נאָר צו, יאַסעלע, אַזוי ווי כ'האָב געהערט, אַז דו ביזט דער בעסטער אינגעלע אין שטאָט, און דו לערנסט זייער גוט, וואָלט איך וועלען, אַז דו זאָלסט לערנען מיט מיין שרה'לען אַלע טאָג אַ שטונדע און איך וועל דיר צאָלען דריי־סיג קאָפּיקעס אַ מאָנאַט, — אָבער זע, יאַסעלע, זאָלסט זי אויס־לערנען גוט שרייבען, ליינען, און רעכענען, און ציילען, ליינען קריאת־שמע, און בענטשען, און זיין לייטיש אויך... טאַמער־זשע פאָלגט זי ניט, ווייסטו ניט וואָס מ'טוט?... אַ פּאַטש, אַז די אויגען זאָלען איר אַרויס, צום שוואַרצען יאָר...“

„מ'דאַרף ניט שלאָגען, האָט יאַסעלע שטיל אַרויסגערעדט. היינטיגע יאָרען שלאָגט מען ניט... איזראַאיל דער לערער, וואו איך לערן, זאָגט, אַז מ'דאַרף ניט שלאָגען, ס'איז פּאַסקודנע, מ'קען אַלעס מיט גוטען“... „איך זאָל אַזוי באַהיט זיין פון שלעכטס, ווי איך וויים ניט!... אין דער אמת'ן (ווענדט זי זיך שוין צו די איבעריגע ווייבער), איך מיין, אַז מען שלאָגט איז ווי הייסט מען דאָס... קריכט אין קאָפּ. וואָס ווייסט אַ מאַרק־אידענע. משטיינס גע־זאָגט...“ יאַסעלע, מיט זיין עסטעטיש נשמה'לע, האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט פון אַזעלכע ווערטער, איז רויט געוואָרען און אַ פרעג געבענדיג דער ווייבעל, ווען ער זאָל קומען, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

און אַזוי איז יאַסעלע געוואָרען אַ לערער... זיין קינדעריש הער־צעלע איז פול געווען מיט פרייד, זיינע קינדערשע טרוימען האָבען אָנגעהויבען פאַרווירקלאַכט ווערען. נאָר איין זאַך האָט יאַסעלען געמאַכט צום ליידען. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַ לערער מוז גיין שיין געקליידט, שיין פאַרקעמט, און ער איז נעבאַך געווען באַרוועס, זייער אָרים אָנגעטאָן, ניט געהאַט אפילו אַ נאָזטיכעל. און דאָס אַלץ האָט ווי אַ וואָרעם געטאַטשעט זיין קינדעריש הער־צעל... אַלע טאָג פלעגט ער קומען צו שרה'לען לערנען. געטריי,

מאַדערן האָט ער געלערנט; ניט געשלאָגען, זעלטען זיך געבייזערט. אַלץ, אַלץ נאָכגעטאָן זיין לערער פון דער ליטע... ס'פלעגט אים אַפילו קרייננקען, וואָס זי, שרה'לע, זיין תלמידה, האָט אים געזאָגט „דו". ער האָט געוואוסט, אַז אַ לערער שטייט העכער פון אַלע ארומיגע און אים דאַרף מען זאָגן „איר". נאָר מער פון אַלץ האָט דעם טיפדיינקענדען יאָסעלען באַליידיגט אַט וואָס: שרה'לעס מוטער, ברײנע, האָט געהאַלטען אַ געוועלבעל פון אַלערליי סחורות: ווי ציבעלעס, קנאָבעל, עפּעל, סטיינגעס, צוקערקעס, יאַדערען, זאַקען, פּאַסעקעס און שאר ירקות... איינמאָל, פּרייטאָג פּאַרנאַכט, איז יאָסעלע געשטאַנען, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, נעבען זייער הויז און זיך געוועבט זיינע שיינע טרוימען, האָט אים ברײנע צוגערופען און אים געהייסען אויף איר מאַרק־לשון, אויפשטעלען די פּאָלע פון זיין רעקעל און האָט אים אַפּגעמאָסטען אַ היבש קווערטעל יאַדערען, זאָגענדיג דערביי: „הערסט, יאָסעלע, אַזוי ווי איך בין זייער שטאַרק צופרידען פון דיין לערנען און ווייל דו קוקסט ניט פונקט אויף דער שטונדע, וועל איך דיר אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט געבען אַ מתנה אַ קווערטעלע יאַדערען". דאָס גאַנצע בלוט איז יאָסעלען אַריין אין פּנים, די הענט האָבען אָנגעהויבען ציטערען און זיינע שוואַרצע אויגען זיינען באַזילבערט געוואָרען פון צוויי דימענט־טרערען... „ניין! ניין! מ'דאַרף ניט," האָט ער געשטאַמעלט... „ס'איז ניט נויטיג. איר צאָלט מיר דאָך מיט געלט, ניט מיט יאַדערען..." זי, ברײנע, אַ פּראָסטע מאַרק־אידענע, האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען די באַליידיגונג, האָט אַ כאַפּ געטאָן יאָסעלע'ס רעקעל, אויפגעשטעלט די פּאָלע און, ווי מיט געוואַלט, אַריינגעשאָטען די יאַדערען... יאָסעלע האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט געמוזט צוהאַלטען די פּאָלע, כאָטש זייער שוואַך, ווייל פיל יאַדערען זיינען אַרויסגעפאַלען, און, אומקוקענדיג זיך, ווי אַ גנב, אין אַלע זייטען, איז ער פאַרשוואונדען... און יעדען פרייטאָג פּאַרנאַכט איז שוין יאָסעלע, כאָטש זיין געוואוינהייט איז געווען שטיין נעבען הויז און זיך צוקוקען צום קליינשטעטעלדיגען לעבען, אָדער גלאַט אַזוי בליקען ערגעץ ווייט, זיך געזעסען שטילערהייט פאַרשפּאַרט אין שטוב, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, און זיך מורא געהאַט צייגען פאַר ברײנע דער „מאַרק־אידענע". וועלכע

האט מיט אירע איינפאכע אויסדרוקען פון צופרידענהייט שרעקלאך באליידיגט די שענסטע געפילען פון א טרוימענדען, טיפדיינקענדען, ליידענדען, אינגעלע...

——<>——

די ראבע קו.

אז אמת'ער אוצר איז ביי דער פאמיליע ליטמאן געווען די ראבע קו.

זייער ארימקייט האט זיך אזוי שטארק ניט אנגעזען צוליב איר.

אויב מ'האט ניט געקענט קאכען יעדען טאג א שטיקעל פלייש, האט מען שוין ווי עס איז צונויפגעשטיקעוועט א מילכיגען מיטאג און אלץ איז געווען פיין און שיין.

די פאמיליע ליטמאן איז באשטאנען פון עלף מיטגלידער און דער באדערף איז געווען גרויס.

ווען ניט די ראבע קו, וועלכע האט זיך געמאלקען רעגעל־מעסיג און געגעבען זייער פעטע, געשמאקע מילך און יעדען יאר א קעלבעלע, וועלכעס מ'האט געקוילעט, פארקויפט דאס פעלכעל צו א הענדלער און געקראגען א פאר גילדען, דעם אונטער'חלק — צום אוריאדניק אדער צו אן אנדער קריסט, און געקראגען א פאר גילדען, און דאס איבערגעבליבענע פלייש גענומען פאר זיך, וואלט טאקע געווען גאנץ שווערלאך זיך דורכצולעבען מיט אזא גרויסער פאמיליע... האבען טאקע אלע ליב געהאט די ראבע, געטרייע קו, און זי איז געווען פאררעכענט פאר א חשוב'ן מיטגליד אין דער פאמיליע...

די פרוי ליטמאן האט זי אפגעהיט, ווי אן אויג אין קאפ, זי גערופען מיט די צערטלאכסטע נעמען: „מאניקא“! „גאלובושקא“! „מאטושקא“! און פיל אנדערע נעמען. מיט איבערגעגעבענער ליבע האט זי איר אויסגעמישט דעם „ציבער“ און אריינגעטאן מער קלייען, זי זאל הנאה האבען, און געקוואלען, ווען זי האט געזען, אז איר פריינדינע, די קו, זעט אויס גוט...

דער מאן ליטמאן, וועלכער איז געווען א יאדישליווער מענטש, האט גאר אנגעקוואלען פון דער ראַבער קו זיינער, ווייל דאס גע־בריטע ביסעל מילך האט אים דערהאלטען ביים לעבען.

נו, און די קינדערלאך, די קליינוואַרג, זיינען גאר געווען איז זיבעטען הימעל פאר גליק פון זייער ראבער קו: יעדען פרימארגען האט זייער מוטער זיי געגעבען ווארימע מילך, נאך־וואס אויסגע־מאלקענע, און פרייטאג האבען זיי איינגעטונקען פרישע פאדפאלי־קעס (פלעצעל) אין מילך און ממש געלעקט די פינגער פון אזא מאכל.

אט אזוי האבען זיך יארען געצויגען אין רואיגען, ארימען ארט לעבען.

די קינדער זיינען אויסגעוואקסען, געווארען גרויסע, אנטוויי־קעלטע מענטשען און די ראבע קו איז אלץ געווען מיט זיי.

זי האט איר „פאסטען" ניט אפגעלאזט אויף א מינוט און געגעבען קעלבעלאך, מילך, ווי אלע מאל...

פארנאכט, ווען זי איז געקומען פון טשערעדע, האט זי זיך אוועקגעשטעלט לעבען טיר און געווארט ביז מ'האט איר געגעבען עפעס עסען. רואיג, געלאסען איז זי זיך געשטאנען און ארייננגע־קוקט אין שטוב אריין, ווי א היימישער, וואס ווייסט אלע סודות און זאכען, וואס קומען פאר...

זי האט קיינעם ניט געטשעפעט, ניט געגעבען א קלאפ מיט די הערנער. זי האט געהאנדעלט אין לעבען, פונקט ווי אירע באַ־לעבאטים: מיט יושר, מיט רחמנות און — געפיל.

און האט זי ווען יא א מעקע געטאן, איז עס געווען אן אויס־דרוק פון ביינקשאפט און ציען ערגעץ־וואו, ווייל דעמאלט האט א געניט אויג געקענט באמערקען אירע גרויסע אויסדרוקספולע אויגען פארצויגען מיט א נעבעל פון יאוש, פארשטאנד און טיפען נאכ־דיינקען...

און פונקט ווי די באלעבאטים, אזוי האט אויך די קו זייערע געליטען: זי האט געטיילט מיט זיי דעם שיקזאל גלייך אויף גלייך און מיטגעהאלפען, ווי אן אמת'ער, געטרייער פריינט.

אכצען יאר זיינען אוועק און זי, די קו, איז געשטאנען שטאל און אייזען פאר דער פאמיליע ליטמאן.

זי איז שוין געווארען אלט און שוואך. די שלעכטע צייטען האבען איבערגעלאזט שווערע שפורען אי אויפ'ן מאן ליטמאן, אויף דער פרוי ליטמאן און אי אויף דער ראבער קו...

פאר גרוים ליבשאפט צו זייער קו האבען זיי אויסגעהאדעוועט א טעלעטשקע, וואס איז געווען אקוראט געראטען אין איר מוטער: די זעלבע פלעקען, אויגען און מילדער בליק...

און עטלאכע יאר זיינען ווידער אוועק. די טעלעטשקע איז געווארען א קו און פולען זין פון ווארט און אנגעהויבען ארויס־העלפען דער אלטער קו, איר מוטער, טראגען דעם יאך פון לעבען. פונקט ווי די קינדער פון די טאטע־מאמע, האבען זיי אנגעהויבען ארויסהעלפען...

ס'איז אבער געקומען א צייט, ווען די אלטע ראבע קו האט שוין מער ניט געקענט דערפילען אירע פליכטען: געווארען צו אלט, אויפגעהערט געבען מילך און שוין געשטאנען מיט א פום אהינצו, פון וואנעט מ'קומט ניט מער צוריק...

מ'האט זיך לאנג גע'ישוב'ט וואס צו טאן מיט איר און צו־לעצט איז באשטימט געווארען זי פארקויפען.

א וואלקען האט זיך פארצויגען אויפ'ן הימעל פון דער פא־מיליע ליטמאן. א שווערע לאסט, ווי פון טויזענטער פודען, האט געדריקט אויף די הערצער פון אלעמען אין ליטמאנ'ס הויז: מ'פאר־קויפט די אלטע, געטרייע, ליבע מוטער־קו, וואס איז בייגעשטאנען אין אזוי פיל נויטען, עת צרות, און געהאלפען אויסהאדעווען אזויגע טייערע, געראטענע קינדער...

אינסטינקטיוו האט די אלטע קו דערפילט, אז עפעס קומט פאר: טרויעריג איז זי דעם לעצטען אווענט געשטאנען ביי דער טיר און מיט אזא עצבות אריינגעקוקט אין שטוב אריין, גלייך זי וואלט זיך געזעגענט מיט אלץ און אלעמען...

אפט האט זי ארויסגעלאזט א מעקע, וואס האט צעשניטען דאס הארץ אויף שטיקער, דערמאנט אין פארגיין, עלטער און אונ־טערגאנג...

און פונ'ם שטאָל האָט איר אָפּגעענטפערט איר טאָכטער — די טעלעטשקע — מיט אַ האַרץ־רייסענדען מעקע: מאַמע און קינד האָבען זיך געזעגענט! געקומען די ערנסטע מינוט — מ'מוז גיין...

שאַטענס האָבען זיך געוואָרפען אויף די ווענט, גלייך זיי וואָלטען באַקומען קאָנוואולסיעס און געמאַכט שרעקלאַכע גריי־מאַסען. אַלץ האָט מיטגעטרויערט און מיטגעוויינט מיט דער אַל־טער, געטרייער ראָבער קו.

די פרוי ליטמאַן קאָכט עפּעס אויפ'ן אויווען און ווישט אַלע מאָל אויס אירע אויגען מיט'ן פאַרטוך. דער מאַן ליטמאַן זיצט אין אַ ווינקעל, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און איז פאַרטיפט אין געדאַנקען: פון לעבען און אונטערגאַנג מסתמא... און די קינדער שטייען לעבען דער אַלטער קו און שפּילען זיך מיט איר, גלעטען זי, לאַסטשען זי און זי ברומט אונטער, גלייך זי וואָלט געבליפּעט, ווי אַ מענטש: אירע קינדערלאַך, אירע „וויכאַוואַנקעס". און זי מוז זיי איבער־לאָזען...

אַזוי איז אַוועק די נאַכט.

די אַלטע קו מיט דער טעלעטשקע האָבען זיך האַלובעט אין דער פינסטער אין שטאָל, אויסגע'דבקה'ט זייערע עלענדע נשמות און ווי עס איז איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען פרי איז געקומען דער קו־הענדלער, אַרויפגע־וואָרפען מיט אַכזריות אַ שטריק אויף דער קו'ס האַלדז, און מיט גע־וואַלט זי געגומען שלעפּען ערגעץ אין אַ פרעמדער וועלט, פרעמדער סביבה, וואו מ'וועט איר טאָן דאָס, וואָס מ'טוט מיט אַלע אַלטע קו, וועלכע קענען שוין מער קיין מילך ניט געבען און ברייגגען נוצען. ווי אין די יונגע יאָרען...

העלדיש האָט זי געקעמפט מיט אירע אַלטע כחות, ניט גע־וואַלט אַוועק פון דעם ווינקעלע, וואו זי האָט פאַרבראַכט איר „יוגענט" צווישען היימישע און אייגענע. אָבער די שטריק מיט'ן בייזען בליק פונ'ם פרעמדען, האַרצלאָזען מענטשען האָבען גובר געווען און זי האָט געמוזט גיין...

אַ שאַרפען בליק האָט זי געוואָרפען צום לעצטען מאָל אויפ'ן

שטאָל, וואו זי האָט איר גאַנץ לעבען פאַרבראַכט, און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען די טיר, האָט זי נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אין שטוב אַריין און דערזען שטיין די פרוי ליטמאַן לעבען אויווען און ווישען מיט׳ן פאַרטוך די אויגען...

צוויי מוטערס האָבען זיך באַגעגענט און צוויי הערצער האָבען אַ ציטער געטאָן... און ווער קען דען זיין אימשטאַנד אַרויסשרייבען דעם אויסדרוק פון יענעם בליק און דעם צאַפּעל פון די הערצער אין אַזאַ ערנסטען מאָמענט?...

און דער שטריק האָט געוואָרגען און געריסען מיט רציחה די אַלטע קו ווייט־ווייט אַוועק ערגעץ אין דער פרעמדע, וואו מ׳וועט ניט אָפּשאַצען איר ווערט און טאַטען...

פרימאָרגען. די קינדער זייגען שוין אַלע געווען אויף, מ׳האָט געטרונקען מילך פון דער יונגער ראָבער קו און דאָס לעבען איז זיך ווייטער געגאַנגען מיט׳ן אייביגען גאַנג און שטייגער.

איין איינגעלע אָבער האָט געהאַלטען אין איין וויינען, למאי די אַלטע, ראָבע קו, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז נישטאָ מער אין שטאָל?... און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט טרינקען קיין מילך פון דער יונגער קו...

אַ קינד. האָט נאָך ניט געקענט באַגרייפען דעם ערנסט פון לעבען... און אפשר האָט ער צו טיף עס גענומען!?...

און האָט יאָמערלאָך געוויינט...

———<>———

געזעץ...

פון קאָמענאָבראָדער פאַיאַנסאָווער פאַבריק האָט אַ גוי געפירט אויף זיין וואָגען צו דער סטאַנציע פּאַלאַנע געפעס.

ווען ער איז פאַרבייגעפאָרען ר״וו, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָנפּאָשען די פערד און אַליין אויך מיט עפּעס איבערכאַפּען דאָס האַרץ.

האָט ער גענומען אַ טוץ זייער שיינע קאָלירטע טעלער און נעפּרואווט זיי פאַרקויפען און פאַר׳ן געלט געדיינקט קויפען אַ הע־

רינג, א שטיקעל חזיר־פלייש, א פלעשעלע בראנפען און אפעסען. ווי ס'דארף צו זיין...

וואו ער האט דעם טוץ טעלער גענומען, האט קיינער ניט גע־וואוסט, ווייל פונ'ם וואגען עם ארויסנעמען האט ער ניט געקענט: מ'האט אלץ אזוי שטייף איינגעפאקט, אז ס'איז ניט מעגלאך געווען ארויסבאקומען עפעס. און דען איז עס דאך מיט א צאל און פאר־שריבען אין בוך.

איז גאנץ פארשטענדלאך, אז ער האט די טעלער באקומען זייענדיג אין פאבריק.

טראגט ער אזוי די טעלער האלב־אפען, האלב־פארשטעקט איבער דעם רינג קלייטען און באט אן זיי צו קויפען.

די פרייז, וואס ער וויל, איז זייער א קליינע און ס'וואלט זיך שוין געפונען א בעלן. אבער, ווי פון אונטער דער ערד, איז אנ־געקומען א סטראזשניק (פאליציסט) און גענומען אויספרעגען דעם גוי, וואו ער האט די טעלער גענומען.

דער גוי, דערזעענדיג א סטראזשניק, איז געווארען דער־שראקען און אנגעהויבען זיך פלאנטערען אין זיין ענטפער...

דער היטער פון „געזעץ" האט מער ניט געדארפט: ער האט צוגענומען ביים גוי די טעלער און אים באפוילען גיין מיט אים.

און וואוהין דער סטראזשניק פירט אים, האט ער שוין גאנץ גוט פארשטאנען: אין א פלאץ, וואו ער וועט אים גוט אנשלאגען און נאך הייסען באצאלען שטראף...

האט דער גוי, נאטירלאך, ניט געהאט קיין חשק מיטגיין און ער האט זיך אנגעהויבען בעטען ביים סטראזשניק, ער זאל אים אפלאזען.

— בארין! (פריץ) לאז מיך אפ, איך בעט דיך, איך בין א טאטע פון קליינע קינדער און זייער ארים... נעם דיר די טעלער געזונטערהייט, אבער מיך לאז אפ, ווייל איך מוז די סחורה צו־שטעלען נאך היינט ביינאכט צום וואקזאל!

דער פריץ איז אבער ווייט פון רחמנות: ער איז א היטער פון געזעץ און אויף אים ליגט די הייליגע פליכט עס אפצוהיטען קיין גנבים זאלען ניט טאן וואס זיי ווילען, און ער האט באצייטענס

אנגעהויבען שלאגען דעם ארימען גוי איבער'ן פנים מיט זיינע גע־זונטע אויסגעכאליעטע לאפעס...

דער גוי וויינט און בעט זיך רחמים און ער פליאסקעט איבער די איינגעדארטע, מאגערע באקען מיט אזא קאלטער רציחה, גלייך דעם גוי'ס באקען וואלטען געווען פון לעדער...

— קום מיט מיר און איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי גנב'ענען טעלער פון א פאבריק! — האט דער סטראזשניק געשיפעט פאר כעס, באטש אין אמת'ן איז ער אין כעס ניט געווען, אבער אז אנשטעל מאכען קאסט דאך קיין געלט ניט. און ווער ווייסט, אפשר וועט נאך דאס ארימע גוי'עלע געבען עטלאכע רובעל אויס־לייז־געלט?....

דער ארימער גוי האט אבער ניט געהאט מיט וואס זיך אויס־צולייזען און נאכגעגאנגען דעם „שומר", ווי א קו דעם קצב, ווען ער שלעפט זי אין שלאכט־הויז...

זייטיגע מענטשען, וועלכע האבען צוגעזען די גאנצע „סצענ־קע", האבען געקוקט און געשוויגען. אייניגע, אן געפיל און מיט־לייד, האבען צוגעשמייכעלט: א ברודער פייניגט א ברודער! אייניגע האבען אונטערגעווארטשעט: ניט געקענט צוזען די „אכזריות", וואס דער סטראזשניק באגייט, אבער זאגען אים האבען זיי ניט געוואגט: געזעץ!!!

איין יונגערמאן אבער, וואס איז געווען א לערער אין יענעם שטעטעל און זיך געפריינדעלט מיט דער פאליציי: ניט מחמת ליבע, נאר אט אזוי זיך: ס'איז גוט זיין מיט זיי גוט־ברודער, מיט דער „חברה", האט ניט געקענט צוזען די ברוטאליטעט פונ'ם סטראזשניק און ער האט אים בייז א פרעג געטאן, ווארום ער שלאגט דעם גוי.

— ער איז דאך א גנב, איז ער! — האט דער סטראזשניק בייז געענטפערט דעם לערער.

אן אנדערען וואלט ער אינגאנצען ניט געענטפערט, אדער נאך גוט אויסגעזידעלט אויך, ווייסענדיג אבער, אז דער לערער איז מיט'ן אורי־אדניק א שטיקעל גוטער־ברודער, האט ער געפונען פאר נויטיג אנגעבען אזא תירוץ.

— אויב ער איז אַ גנב, פיר אים אַוועק צום אוריאַדניק און זאָל ער אים אַרעסטירען, שלאָגען אָבער דאַרפסטו אים ניט, ווייל „געזעץ“ דערלויבט עס ניט! — האָט דער לערער געענטפערט מיט דרייסטקייט.

און דער סטראַזשניק האָט געוואוסט, אַז דער לערער ווייסט פון געזעץ מער ווי ער, ווייל ער האָט אַפט געזען אים שרייבען אין קאַנצעליאַריעס און, חוץ דעם, איז ער אַ געלערנטער בחור...

דאָס האָט געווירקט און דער סטראַזשניק האָט דעם גוי באַפרייט.

אַזוי, ווי פון אַ פייער, האָט זיך דאָס אָרימע גוי'עלע געלאָזט לויפען, אַרויף אויפ'ן וואָגען און אַוועק.

געווים האָט ער אים — דעם געזעץ־היטער — ניט איין קללה נעגעבען, און ווען ער איז פאַרביינעפאָרען אַ קלויסטער זיך גע־צלמ'ט און געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרען פון אַזוינע הינט...

און דער סטראַזשניק האָט גענומען דעם טוץ שיינע טעלער און זיי געבראַכט זיין פרוי אַ מתנה...

— מאַרוסיאַ! איך האָב דיר געבראַכט אַ זייער שיינעם פּאַ־דאַראָק! (מתנה) — האָט דער סטראַזשניק מיט אַ שמייכעל גע־זאָגט צו זיין פרוי.

— וואו האָסטו עס גענומען אַזוינע שיינע טעלער, טייערער?

— האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

און ער האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט'ן גוי, ווי אַזוי ער האָט אים אַביסעל אָנגעשלאָגען, ער זאָל ניט וואָגען גנב'ענען און גיין געגען געזעץ...

ער האָט אויך איבערגעגעבען פונ'ם לערער, ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגענומען דעם גוי'ס קריוודע: ווען ניט דער לערער, וואָלט ער איר נאָך געווען געבראַכט עטלאַכע רובעל אויף אויף אַ קלייד אויף זונטאָג, ווייל איר קלייד איז שוין ניט שיין גענוג פאַר אַ סטראַזשניקס אַ פרוי...

— הערסטו, מיין טייערער, דו האָסט ניט פיין געהאַנדעלט דערמיט, וואָס דו האָסט געשלאָגען דעם אָרימען גוי, אויב ער

האט אפילו גע'גנב'עט די טעלער... וואס זאל נעבאך טאן א אונ־זעריגער ארימער ברודער? מ'גיט אים ניט געננג, מוז ער אליין נעמען! גלויב מיר, אז ער האט עפעס געוואלט קויפען עסען און קיין געלט ניט געהאט, ביזטו אנגעקומען און אים נאך געשלאגען אויך! ניין, טייערע, מער זאלסטו אזא זאך ניט טאן, ווייל גאט שטראפט פאר אזוינע זאכען, הערסט, צי ניין! און דער לערער איז א פיינער מאן, זייער א פיינער און א געבילדעטער!

— ביזט טאקע גערעכט, מארוסיא, ער איז א גרויסער גע־לערנטער, יענער יונגערמאן, און דו ווייסט, אז ער איז א איד!

— נו, קארג אידען זיינען עס דא גוטע און טייערע מענ־טשען! נעם אונזער באלעבאסטע פונ'ם הויז: זי שיקט אפט אריין וואס זי קאכט, לייט עטלאכע רובעל אין א נויט. און דו ווייסט, אז ס'קומט איר שוין פאר דריי חדשים דריה־געלט און זי מאנט ניט!? ווען קאסטיקעל איז געווען קראנק, האט זי אזוי פיל צרות פאר־נומען, געגעבען איינגעמאכטס, געקומען אלע מאל, געליען געלט, און וואס דען ניט? וואס דען, פון די פארדינסטען, וואס דו קריגסט, קען מען זיך דורכלעבען, ווען ניט גוטע מענטשען?...

דער סטראזשניק האט זי אויפמערקזאם אויסגעהערט, פאר־קנייטשט דעם שטערען און געזאגט:

— אי, מארוסיא, מארוסיא! ביזט ראד אזא קלוגע און טייערע פרוי! דו גיסט מיר אלע מאל צו פארשטיין, ווען איך האנדעל ניט גוט! טאקע אמת, אויף מיין ווארט! מענטשען דארפען רחמנות האבען איינער אויפ'ן צווייטען און ארויסהעלפען מיט וואס נאר מעגלאך! ווען איך קען ווערן אוים סטראזשניק, וואלט איך עס געטאן: מ'ווערט שלעכט צוליב דער פארפלוכטער פרנסה! ווען מיר האבען געהאט אונזער אייגען הויז און דאס ביסעלע ערד, איז געווען פיל בעסער, אבער היינט זיינען מיר נאקעט און הויל!... די וויסטיגע פרנסה מאכט פון מיר א תל. מ'היט בלומר'שט אפ „געזעץ“ און אליין גנב'עט מען, ראבעוועט מען און מ'ווערט שוין אזוי צוגעוואוינט דערצו, אז דאס הארץ ווערט פאר־שטיינערט!...

— מ'קען זיין א מענטש, אז מ'וויל! — האט איב די פרוי

איבערגעשלאגען, — אפילו ווען מ'איז א געזעץ־היטער. אבער איך ווייס שוין ווער די געזעץ־היטער זיינען! ווען דו זאלסט ניט געווען טרינקען און גיין מיט שלעכטע חברים, וואלסטו אצינד קיין סטראזשניק ניט געדארפט זיין און לעבען אויף יענעמס חשבון! האנדעל גוט און מיט יושר, וועט דיר גאט העלפען! — האט זיין פרוי אים אי אויסגעזידעלט, אי געלערנט ווי זיך צו פירען...

— גאט הייסט ליב האבען יעדען איינעם און דאס גאנצע לעבען דארף א מענטש נאר טאן גוטעס! — האט זי פארענדיגט.

טיף זיינען מארוסיא'ס ווערטער אריין צו איך מאן אין הארצען און ער איז געווארען א מענטש מיט א ווייך הארץ: ער האט נאכגעפאלגט אלע געבאטען, וואס גאט האט אנגעזאגט... און יעדען מאל, ווען ער האט זיך געזעצט עסען און זיין פרוי דאט אים דערלאנגט א טעלער פון „יענע", וועלכע ער האט צוגענומען ביים ארימען גוי, איז אים געווארען קאלעמוטנע אויף'ן הארצען און ער האט זיך אנגעהויבען צלמ'ען, שעפטשענדיג א געבעט צו גאט: — פארגיב, גאט, פאר מיינע שווערע זינד, וואס איך בין באגאנגען און העלף מיר זיין א גוטער מענטש, צו ברייננגען נוצען דער געזעלשאפט!...

און אין גיכען האט ער אויפגעגעבען זיין פרנסה צו זיין א סטראזשניק: געזעץ, האט ער געזאגט, איז ניט דאס, וואס ס'וואלט געדארפט זיין!... און א היבש ביסעל האט ער נאכדעם אליין גע־ליטען פון „געזעץ"... נאטירלאך, פאר גארניט!!!

סאַני.

סאני איז אלט געווען זעכצען יאר, ווען זי איז אנגעקומען מיט אירע עלטערען קיין ר־וו.

איר פאטער איז געווען א קאסיר אין א וואלד און אן אינטע־ליגענטער מענטש. די מוטער איז געווען א קלוגע, אנגענעמע פרוי. און אירע שוועסטערלאך זיינען געווען לעבענסלוסטיגע, פייאינע קינדער.

סאַני איז געווען דאָס עלטסטע קינד און די עלטערען האָבען זי שטאַרק געליבט פאַר איר פיינקייט, חכמה און אינטעליגענץ.

אַלס פרעמדע אינ'ם שטעטעל, האָבען זיי זיך געפילט זייער ניט גוט, ווייל רייך זיינען זיי ניט געווען, און פרעמדע מענטשען האָבען ליב רייכע, ניט קיין קבצנים.

— דער אויסערלאַכער גלאַנץ פאַרכאַפּט גלייך יעדען איינעם און מ'וויל שוין ניט אַריינקוקען טיף אינוויינינג: ס'גלאַנצט איז גאַנץ גוט!...

אַי גלאַנצען קען „פויל" האָלץ אויך, — ווילען מענטשען ניט וויסען: ס'גלאַנצט און דאָס איז אַלץ, וואָס דאָס נאַרישע אויג באַדאַרף...

אויף דער ניי־אַנגעקומענער פאַמיליע האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט, ווייל זיי זיינען ניט געווען רייך, און קיין פייטאָן מיט געזונטע פערד האָבען זיי ניט געהאַט...

זיי האָבען זיך אָפּגעדונגען א וואוינונג ביי רייכע גראַד און זיך אָנגעהויבען צעביסלאַך איינאָרדענען.

חיים, א בחור'ל פון פופצען יאָר, האָט זיך דורך א צופאַל באַקאַנט מיט סאַני'ן.

פריער איז עס געווען אַזוי א קאַנטשאַפט, אָבער אינגיכען האָבען זיך די צוויי „יונגלינגע" באַפריינדעט און ליב געקראָגען. ווייל זייערע אומשטענדען, געפילען זיינען געווען כמעט דיזעלבע.

סאַני האָט ליב געקראָגען חיים'ן מיט'ן גאַנצען האַרצען, ווייל ער איז געווען אויפריכטיג, אמת'דיג און ניט ווי די אַנדערע בחורים'לאַך, וועלכע האָבען, זייענדיג גראַד אַרים, געזוכט די פריינטשאַפט פון רייכע קינדער...

— שרה'ס טאַטע איז א רייכער און מיט איר וויל איך זיך חבר'ן, ניט ווי דו מיט סאַני'ן, וואָס איז אַרים! — האָט חיים'ן אָפּט פאַרגעהאַלטען זיינער א חבר.

— איך זוך ניט קיין רייכע, נאַר פיינע מענטשען! — האָט חיים געענטפערט. — שרה איז א נאַר און איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זי האָט שיינע קליידער, אָבער וואָס איז זי אַזוינס אַלס מענטש? א גאָרניט!

אַלע, פון חיים'ס פריינט, האָבען געזוכט די פריינטשאַפט נאָר

פון די אנגעוועזענע, אבער חיים האט עס געהאסט, ווייל ער, אלס ארים קינד, האט באגריפען דעם אומרעכט, וואס ווערט באגאנגען צו ארימע...

האבען חיים און סאני שטענדיג געשפאצירט אינאיינעם און ארומגערעדט די וועלט מיט אירע מעלות און חסרונות.

סאני איז געווען עלטער און ערפארענער פון חיים'ן; זי איז אויך געווען וועלטלאכער, ווייל איר טאטענס פרנסה האט זיי גע־פירט איבער דער גאנצער וועלט...

חיים אבער איז געווען א נאטירלאכער דיינקער און האט באנומען זאכען זייער טיף.

ווען זיי פלעגען רעדען פון לעבענס־פראגען, האט חיים ארויס־געצייגט טיפען פארשטאנד און געהאט זיינע אויסגעארבייטעטע בליקען.

סאני האט אנגעקוואלען פון אים און אים ארייגעקוקט מיט ליבע אין די אויגען, גלייך זי וואלט אים זאגען: „חיים! ביזט אן ארים קינד, אבער ועסט אויסוואקסען א גרויסער און אינטערע־סאנטער מענטש, ווייל דיינע נייגונגען זיינען ריין־מענטשלאכע און ניט קיין עגאאיסטישע!“

חיים ווידער האט פארגעטערט סאני'ן פאר איר גראדען שכל און עניות, וואס זי האט פארמאגט: אנדערע מיידלאך, ווי סאני, וואלטען געזוכט די פריינטשאפט פון רייכע אינגלאך, אבער זי ליבט גראד חיים'ן מער ווי אלעמען, ווייל ער איז קלוג און אינ־טערסאנט.

זי האט אבסאלוט ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאמקייט צו זיין הליכה, ווי די הויזען זיינען צעריסען, די שיך געלאטעט, די העמד אפגעטראגען; זי האט געזוכט א מענטש, ניט קיין „גולם“...

איינמאל, ס'איז געווען א זומער פארנאכט; די זון האט זיך, ווי א באליידיגט־פארשעמטע מיידעל, ארונטערגעלאזט צום וואלדוצו, די לופט האט געגלעט דאס געזיכט, ווי מיט א זיידענעם פאכער; די בוימער האבען געשוויגען און געקוקט מיט זייער בלע־טער־קוק אין דער הויך, וואו דער זאמדיגער וועג האט זיך גע־צויגען ווייט, ווייט אוואו און חיים מיט סאני'ן האבען געשפאצירט און געפירט אן אינטערעסאנטען שמועס.

— ווי שיין די נאַטור איז, סאַני, אַצינד, און ווי אומשולדיג־ריין. ס'וואָלט זיך וועלען שטאַרבען אין אַזוינע מינוטען. אָדער לעבען, לעבען, ניט אַזוי ווי איך לעב אַצינד! — האָט חיים געזאָגט און געקוקט פאַר'חלום'ט אין דער לופט אַריין.

— שטאַרבען! ? איר זאָלט שטאַרבען אַצינד, ווען איר זיינט ערשט פופצען יאָר אַלט, און איר זיינט דאָך אַזאַ גוטער, קלוגער און פייאיגער מענטש! — האָט סאַני געענטפערט חיים'ן און אים ליבליך־מילד אַריינגעקוקט אין די אויגען...

מענטש! דאָס וואָרט „מענטש" האָט זיך אַזוי ווייך־לאַס־טשענד אַריינגעריסען צו חיים'ן אין האַרצען, אין דער נשמה, אין בלוט, און געהיילט, געגלעט דאָס אָרימע, צעבראָכענע לעבען זיינס...

זי, סאַני, רופט אים מענטש און ער איז נאָך אַזוי „יונג", און אַנדערע רופען אים קינד, אינגעל, כאָטש זיי זיינען אַלטע נאַרען...

— איר רופט מיך מענטש, סאַני, און איך בין ערשט פופצען יאָר אַלט, אָבער איר ווייסט, אַז צייטענווייז ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך בין שוין אַכציג יאָר אַלט!...

— ניין, ניין, חיים'ל, איר זיינט יונג, אָבער אייער גייסט און פאַרשטאַנד איז ווי פון אַ גרויסען און טאַקע נאָר דערפאַר האָב איך אייך ליב!

דאָס וואָרט ליב האָט אים אויפגעוועקט, ווי פון שלאָף, און אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען איבער אַלע קעמערלאַך פון זיין נשמה: ליב האָט אים נאָך, דאַכט זיך, קיינער ניט געהאַט; ער האָט נאָך דאָס וואָרט קיינמאָל ניט געהערט. זיין מאַמע האָט געהאַט צופיל קינדער און אָרימקייט, זי זאָל זיך קענען אומקוקען אויף אים; זיין טאַטע, אַ שוואַכער מענטש, האָט אַפילו קיין לאַסקע ניט געהאַט די מעגלאַכקייט צו געבען. ניט אין גאַס צווישען די שכנים, ווייל ער איז אַן אָרים קינד, און דאַ זאָגט „זי" אים, אַז זי האָט אים ליב...

ער האָט איר לאַנג אַריינגעקוקט אין די אויגען, אָנגענומען איר ווייך הענטעל און זי מיט געפיל אַ דריק געטאָן.

זי האָט אים לייכט אַרומגענומען און שטיל, שטיל געזאָגט:

„אַך, ווי לעבען איז שיין זומער פאַרנאַכט ווייט פון מענטשען, ווען די זון פאַרגייט!"

— שיין, זייער שיין, אָבער אַזוי שמערצלאַך, ווען מ'דערפילט

דאס לעבען און מ׳דערשרעקט זיך פאר דעם! — האט חיים גע־ענטפערט.

— ווי קלוג איר רעדט, חיים, ווי קלוג און פילאזאפיש! וואו האט איר גענומען אזוינע קלוגע, הארציגע ווערטער, וועלכע שניידען ביים הארצען?

— ניט אין קיין ביכער, סאני, אין לעבען אויפ׳ן פעלד, הינ־טער׳ן בוים אט דארט! — און ער האט איר געוויזען א בוים, וואו ער פלעגט אפט זיצען.

— איר זיינט א דיכטער, חיים, א טיפער דיינקער, און איך בין זיכער, אז איר וועט אמאל זיין א שרייבער און פאר מענטשען דערציילען דאס, וואס מיר לעבען איצט דורך!...

— מעגלאך, סאני; אבער גליק וועט דען דעמאלט קומען צו מיר? — האט חיים גערירט געפרעגט.

— גליק!? אט בין איך אצינד גליקלאך, שטייענדיג לעבען אייך! — האט זי אים א לייכטען קלאפ געטאן אין דער פלייצע.

— גליק!? ווען איך בין שטארק גליקלאך, דעמאלט בין איך ערשט אומגליקלאך! — האט חיים געענטפערט.

— א, איר זיינט צו טיף, חיים, צו דיינקענד, און רעדט ניט מער אצינד, ווייל איך וועל אנגעשראקען פון אייער פילאזאפיע!... קומט!

זי האט אים א נעם געטאן ביי דער האנט און זיי זיינען אוועק.

די נאכט איז שוין געווען אין איר גאנצער פראכט, די טונ־קעלקייט האט עפעס דערציילט און סאני האט זיך פרויענהאפטיג געטוליעט צו חיים׳ן.

חיים האט דערפילט א צופלום פון ברענענדען באגער און ליבע און ער האט לייכט, ווי אבין א בלימעלע, א קוש געטאן סאני׳ן...

זי האט זיך ניט געווערט, פארקערט, זי האט אנגענומען זיין האנט און אים אפגעענטפערט מיט א זיסען קוש. וואס האט פאר־טרונקען זיין נשמה מיט פרייד און גליק...

שוין געווען שפעטלאך. חיים האט זיך געזעגענט מיט סאני׳ן און אוועק אהיים.

איז הויז האט ער זיך צוריק דערפילט „סינדערש“ און אז

ליבע, ווייל זיין פאטער האט אים שטריינג געפרעגט וואו ער איז געוועז...

סאני איז אפגעוועז א גאנצען זומער, און ווען די בלעטער האבען אנגעהויבען פאלען, רעגענס האבען געגאסען גאנצע טעג און דער הערבסט האט זיך געלאזט פילען, איז זי אוועקגעפארען: לעבען האט ווידער געפאדערט זי זאל אוועק ערגעץ אנדערשוואו...

זיי האבען זיך הארציג געזעגענט און צוויי הערצער זיינען צעריסען געווארען.

און יארען זיינען זיך געלאפען, די יונגע הערצער האבען זיך בארואיגט און ווידער אנגעהויבען ליידען: נייע באגעגענישען איז לעבען, נייע פיבערען, נייע געפילען, אבער חיים קען נאך אלץ סאני'ן ניט פארגעסען, ווייל זי איז געוועזן יענע, וואס האט אים טיף, זייער טיף פארשטאנען...

און זי, סאני, וואו איז זי אצינד? לעבט זי? איז זי גליק־לאך? געדיינקט זי נאך חיים'ן? יענעם קוש? יענע יונגע נשמה־אויפדעקונגען? יענע ערשטע לעבענס־שפראצונגען?...

און די יארען לויפען, ווי שטראמען, טראגען אלץ אוועק און אויך יענעם זומער־אווענט, יענעם „קוש". וואס חיים האט געגעבען סאני'ן, יענעם קוש, וואס האט פארשאפט אזוי פיל פרייד און גליק און אזוי פיל שרעק פאר עפעס אומבאוואוסטעס...

וואו איז זי אצינד, סאני? וואו האט זי דער לעבענס־קוש פארטריבען?... וואו?

צוליב ערד.

יאסעל איז געוועזן א פארגיטיגטער באלעבאס: ער האט גע־האט אן אייזען־קראם, וואס איז ווערט געוועזן עטלאכע טויזענט רובעל, א שיין הויז, און אלעס איז ביי אים געגאנגען ווי געוואונ־שען...

מאטעל איז געוועזן א קליין סוחר'ל, וואס קוקט אלע זיינע

יארען ארוים אויפ'ן גוי פונ'ם דארף ער זאל עפעס ברייננגען פאר־קויפען צו אים און אזוי ארום מפרנס געווען זיין פאמילע.

ער האט אויך געהאט א שטיבעל, אבער אלט, צעבראכען. דער דאך רינט און ס'איז צרות אומעטום, אזוי ווי ביי א קבצן...

און די צוויי אידען זיינען געווען שכנים: זייערע הייזער זיי־נען געשטאנען איינס לעבען אנדערען און מ'האט, נאטירלאך, גלייך פון ערשטען קוק, געקענט זען ווער ס'איז דער רייכער און ווער — דער ארימער.

זיי האבען אלע זייערע יארען געלעבט בשלום, און יאסעל האט אפט ארויסגעהאלפען מאטלען מיט א גמילת־חסד; זיי האב־בען געדאווענט אין איין קלויז: ביידע געקענט לערנען א פרק משניות; אמאל אויך געכאפט א קוק אין „א בלאט", וואס איז צו זיי ארייננעפאלען אין האנט אריין, ווייל אזוי ליינען האבען זיי קיין צייט ניט געהאט: פארטאן אין מסחר יעדערער אויף זיין שטייגער: יאסעל האט געארבייט און פארדינט, און מאטעל האט ארויסגעקוקט אויף א גוי פונ'ם דארף ער זאל ברייננגען עטלאכע זעקלאך האבער, ווייץ, גערשטען און אנדערע זאכען.

שבת ביי־טאג, ווען מ'האט זיך געשמאק אויסגעשלאפען: יא־סעל נאך א געשמאקען קישקע־קוגעל, פעטע פלייש, רעטאך, ציבע־לעס, לעבער און אנדערע מאכלים, וואס א נגיד קען זיך דער־לויבען. מאטעל נאך אן ארימען מיטאג, אבער אויך זייער גע־שמאק, ווייל זיין פרוי איז געווען א ווירטין און פון שני געקענט מאכען די געשמאקסטע גאמעלקעס, האבען זיי זיך ארויסגעלאזט שפאצירען צום הויף צו, וואו מ'האט געבויעט נייע פאבריקען פאר'ן פריץ געמביצקי.

אויפ'ן וועג האבען זיי זיך אנגעטראפען און שוין געגאנגען אינאיינעם, געשמועסט פון כל ערליי זאכען, וואס האט געהאט א שייכות צו מסחר.

מאטלען האט הנאה געטאן, וואס יאסעל גייט מיט אים און רעכענט זיך מיט זיין א מיינונג: פארט א נגיד און ער איז א קבצן...

אט אזוי זיינען זיך די יארען געקראכען שטיל, געמיטלאך

פאמעלאך און די צוויי שכנים: יאסעל און מאטעל האבען גע־לעבט צווישען זיך בשלום.

פארגלוסט זיך אבער יאסלען, דעם נגיד, ווערען א נגיד מיט אלע קליפערלאך און ער הויבט אן איבערבויען זיין הויז, כאטש ס׳איז נאך געווען א פאלאץ אין פארגלייך מיט מאטעל׳ס הויז. אבער אז א נגיד וויל, וויל ער!...

האט אבער יאסעל געוואלט האבען א הויז מיט גרויסע צי־מערען און האט געמוזט פארנעמען א פאר „ארשין ערד" אויף מאטעל׳ס טעריטאריע... דאס האט שוין מאטעל ניט געוואלט ליי־דען, ווייל יאסעל׳ס הויז וועט אינגאנצען פארשטעלען זיין „חורבה" און ס׳וועט ניט זיין וואו זיך אהינצוטאן...

איז געווארען „א שטילער" ברוגז צווישען די לאנג געוועזענע שכנים: מ׳האט זיך שוין ניט באגריסט ווי אלע מאל, און יאסעל וואלט שוין מאטלען ניט לייהען א גמילת־חסד, ווען יענער ציט זיך אוים פאר אים...

און די ווייבער האבען אויך ניט געשוויגען:

— אזוינע קבצנים, און האבען אזוי פיל העזה! — האט שיינדעל, יאסעל׳ס פרוי געשריגען, אז אלע זאלען הערען — ליי זיי גמילת־חסדים׳ס, ליי זיי!...

— מאך צו ס׳מויל, דו נאר אפגעריסענער! מ׳האט אפשר ביי דיר צונענומען דעם גמילת־חסד?... ניט אפגעגעבען צו דער מינוט?... אזוי פיל גוטע יאר אויף מיר מיט מיין מאן, מיט מיינע קינדערלאך, וויפיל גמילת־חסד׳ס איך ליי צו אנדערע און האלט עס גארניט פאר אזא גוואלדאוונער טובה! — האט מרים, מאטעל׳ס פרוי געענטפערט.

און אלע קרעמער און קרעמערקעס זיינען געזעסען, געשטא־נען ארום און זיך צוגעהערט.

די סימפאטיע פון אלעמען איז געווען אויף מאטעל׳ס צד, ווייל יענער האט זיך געוואלט ארייגרייסען אין זיין גבול...

ניט איינער פון זיי האט גראדע אפט געטאן ווי יאסעל. אבער ווען מ׳טוט אליין אן עולה, זעט מען ניט און אז א צווייטער טוט עס האט מען צייט עס צו באמערקען...

יאסעל איז אבער געפאלען אויף אן המצאה: ער איז אוועק

צום פריסטאוו (פאָליס קעפּטען), אים געגעבען אין דער „יד" אריין און געקראַגען אַ ערלויבניש צו טאָן וואָס ער וויל. אָבער די גאַנ־צע געשיכטע דאַרף געשאַפען ווערען „ביינאַכט", און ווען דער בנין שטייט שוין, טאָר מען ניט צעוואַרפען גלאַט אַזוי זיך: ס'איז שוין אַ געשיכטע מיט'ן געריכט, געזעץ, און דאָ איז מאַטעל אַ קבצן!...

יאָסעל האָט אַלעם פאַרגרייט, און אין אַ שטיל־רוהיגער זו־מער־נאַכט איז אויפגעוואַקסען אַ בנין...

מאַטעל האָט געבערענט פאַר כעס און ווייטאָג, וואָס קען מען אָבער טאָן?...

קיין נאַר איז ער אָבער אויך ניט געווען און האָט „בשתיקה" געדונגען פרעמדע גוי'אים, זיי גוט באַצאָלט און אין אַ שטיל־רוהיגער זומער־נאַכט צענומען דעם גאַנצען בנין, וואָס יאָסעל האָט אויפגעשטעלט...

אינדערפרי איז יאָסלען פינסטער געוואָרען אין די אויגען... אָבער שאַ! מ'דאַרף שווייגען...

אַזוי האָט עס אַנגעהאַלטען עטלאַכע מאָל, ביז זיי האָבען זיך אין איין נאַכט באַגעגענט פּנים אל פּנים און פאַרפירט אַ געשלעג...

יאָסעל האָט געהאַט זיין משפּחה און מאַטעל — זיינע...

מ'האָט זיך געשלאָגען מיט הארץ (ס'הייסט אָן הארץ), ווייל בלוט האָט זיך געגאָסען און געשרייען, געוואָלדען האָבען אָפּגע־הילכט אין דער שטילקייט פון דער סאָליד־טרוימערישער זומער־נאַכט...

אַ פאַרביטערטע איז די נאַכט געשטאַנען און זיך איינגעקוקט צו די גראָב־נאַרישע מעשים פון די מענטשען... און אַ גרויל האָט אַרומגעכאַפּט יעדען רעכט־דיינקענדען מענטשען, צוקוקענדיג זיך און צוהערענדיג זיך צו אַזאַ לעבענס־בילד, לעבענס־געשיכטעלע...

און גובר געווען האָט יאָסעל: דער פריסטאַוו האָט אַרעס־טירט מאַטלען אויף איבער נאַכט און יאָסלען אַ וואונק געטאָן ער זאָל טאָן זיינס...

אַ פאַרשעמטער האָט מאַטעל געקוקט יעדען אין די אויגען. גלייך ער וואָלט זאָגען: קוקט, מענטשען, וואָס ער האָט מיר גע־

טאָ, דער גזלן! קוקט און שטוינט אויפ'ן מענטשלאַבען בייז־וואונדער!...

און יאָסעל האָט געבויעט, געוועזן פּאַרטרונקען אין זיין מאַכט, גדולה און רייכטום...

אַבער! ? ווען זיין הויז איז שוין באַלד געווען פאַרטיג, האָט אויסגעבראָכען אַ פייער אין אַ ביינאַכט און די גאַנצע „האָראָוואַניע" יאָסעל'ס איז אַוועק מיט'ן רויך...

מאַטעל'ס הויז איז, ווי דורך אַ נס, געבליבען גאַנץ...

פאַרסטראַכירט (אינשורט) איז עס אויך ניט געווען. און יאָסעל האָט פאַרלוירען אַ היבשען קאַפּיטאַל דורך דעם.

מאַטעל האָט „אין זיך" געקוואַלען און געשעפּט נחת: זאָל ער וויסען ווי אַזוי צו טרעטען אויף אַ צווייטען מיט די פיס!...

און מ'האָט זיך ווידער געשטעלט בויען, ווייל יאָסעל האָט דאָך געדאַרפט האָבען אַ הויז וואו צו וואוינען. ער האָט אַבער אויסגעבויעט אַ קליין הייזקעלע, ווייל ער האָט קיין געלט ניט געהאַט צו בויען גרויס ווי פאַר דער שרפה...

און ניט נאָר איז דאָס שטיקעל ערד, וואָס האָט באַלאַנגט צו מאַטלען, געבליבען ווי פריער, נאָר אַ היבש ביסעל פּלאַץ פון יאָסעל'ס טעריטאָריע איז געבליבען פריי און לאַנגע, לאַנגע יאָרען געפּוסטעוועט...

ווילדע גראָזען און אַנדערע וואַקסונגען האָבען געפונען אַ מקום מנוחה אויף יענעם ליידיגען פּלאַץ, קינדערלאַך האָבען זיך אין די פרייע שטונדען געשפּיעלט און זיך אויסדערציילט מעשה'לאַך פון גזלנים ערגעץ אין וועלדער, וועלכע ראַבעווען, שלאָגען, קוילען אומשולדיגע מענטשען און האָבען גאָרניט פאַרדעכטיגט, אַז אויפ'ן זעלבען פּלאַץ האָט איין מענטש געשלאָגען אַ צווייטען מכת רצח און געוואָלט צונעמען אַ קליין שטיקעל ערד ביי אַ צווייטען, וואָס האָט כמעט מער ניט פאַרמאָגט...

און די צייט האָט זיך גערוקט, געקראָכען אין תהום פון יאָרען, און פילע אַזוינע געשעענישען זיינען פאַרגעקומען אונטער דער ליכטיגער זון, וועלכע גיט יעדען איינעם שטראַלען, פרייד און האָפנונג.

דער מענטש! דער מענטש וויל דאָך אַבער נאָך „ערד"... רוי־

סטעפאַן, אַלע שלאָגען זיך און ווילען מערער ערד ! !
אליין איז „אַ סטויפּ“ ערד, וואָס וועט זיך ווען עס איז אויסמישען מיט דער גאַנצער ערד, און שאַ — ווי ניט געווען !...

און בלוט, און מענטשלאַך בלוט גיסט זיך ימ'ענוויים אומעטום, איבעראַל, צוליעב אַ שטיקעל ערד... יאַסעל, מאַטעל, איוואַן, בען ביי אַ צווייטען, שלאָגען, הרג'ענען און פאַרגעסט זיך, אַז ער וועט זיי אַ פייער ברייינגען צום שכל ?... שוין צייט !

———<>———

בעני.

(אַ בלימעלע אויף זיין קבר).

אַ סוד איז דאָס לעבען. פאַרבאָרגען זיינען פאַר אונז די סודות פון זיין און ניט זיין...

אָט האָבען מיר שוין, דאַכט זיך, דערגרונטעוועט דאָס לעבען, אויסגעפונען זייער פיל און גרויסען זיך מיט'ן זיג. אָבער אַן איראָנישער שטויס דערמאָנט אונז, אַז מיר ווייסען גאָרניט, לחלוטין גאָרניט — בלינדע !...

צוריק מיט אַ צייט איז געשטאָרבען מיינער אַ פריינט מיט'ן נאָמען בעני.

יונג און קרעפטיג איז ער געווען, פול מיט לעבען, מיט האָפענונגען, שטרעבען און ענטוזיאַזם.

דאָס לעבען האָט זיך געשמייכעלט צו אים און ער צום לעבען... ער האָט געאַרבייט שווער און ביטער, געהאַט ערפאָלג און איז געווען צופרידען : לעבען איז פאַר אים אַ קוואַל פון אַרבייטזאַמקייט און טאַן, טאַן, האָווען...

און קיין מיאוס'ער איז ער אויך ניט געווען. הויך, שלאַנק און גאַנץ אָנגענעם.

האָבען אים פרויען געליבט, און אייניגע האָבען געליטען צוליב אים...

און ער, בעני, איז געווען צופרידען מיט'ן שטיקעלע שיקזאַל, וואָס די נאַטור האָט אים צוגעוואָרפען.

זיינען זיך יאָרען געלאָפען מיט זייער אייביגען „לויף“ און

געטראגען מיט'ן יארען־שטראם אויך דאס שטיקעלע לעבען פון דעם שטארקען בחור בעני.

און בעני'ן איז געפעלען געווארען די שפיל פון לעבען. דעם יונגען בחור האט שטארק פארשמעקט דער ריטמדיגער גאנג פון לעבענס־געווירמעל, און ער האט געלעבט, געלעבט, געלעבט...

ניט רווישיג, ניט לויפיג איז געווען זיין לעבען אליין, נאר ארום רוויש, לעבען א געלויף פון לעבען גופא...

און ער האט געטרוימט פון א וועלט מיט פארשידענע פארבען, ניט צופיל קאלירענדיגע... אפט זיך שיין פארטראכט איבער וועלט־פראבלעמען, געבליבען באלד הייגגען אין דער לופטען: אי, מ'טאר ניט: וועלט איז א ווינקעל, וואו מ'דארף זיין סטאטעטשנע, גע־לאסען!... וואס וועלען מענטשען זאגען?

איז ער געווארען שטיל און רואיג, אפגעווארפען אז א זייט די „שפילעווודיגע טרוימען" פון דער נמשה יתרה און געווארען א וואוילער בעני, ווי אלע אנדערע בענים...

איז געקומען א פרילינג, א פרילינג ווי אלע פרילינגס פון לע־בען, מיט בלומען און טרוימען, מיט בייגקעניש און פארלאנגען, מיט הארץ־קלאפעניש און ערווארטונג...

בעני האט זיך פארליבט אין א שיין מיידעל און אנגעהויבען וועבען טרוימען פון יוגענט און גלוסט, פון פרייד און צער, פון ערווארטונג און פארגאפונג...

שטיל איז אין פארק ביינאכט. שטיל, שטיל... ערגעץ האט א פויגעל א צוויטשער געטאן און פארשטארבען געווארען... א בוים האט זיך צעשאקעלט, ווי אין א תפילה־געבעט... שאטענס האבען פארפירט א געשלעג צווישען זיך ניט ווייט דארטען לעבען וואסער און ס'ווייזט זיך אויס, אז זיי זיינען אלע אריינגעפאלען אין וואסער און דערטרונקען געווארען... דער הימעל רייסט דורך זיין בליק מיט גוואלט דורך די ביימער און באטראכט בעני'ן מיט זיין גע־ליבטער...

און בעני — — — האלט זיין געליבטע ארומגענומען, קושט אירע זאנפטינע ליפען, וועלכע ברענען מיט גלוסט און פארלאנג, און פילט, אז ער דרייט זיך ארום עפעס, דרייט זיך און אלץ ארום

אים דרייט זיך: דער פּאַרק, די ביימער, דער הימעל, די פייגלען, די אינזעקטען, די שליינג — — — אַלץ, אַלץ!...

— דו ווייסט, ליבסטע, אַז די וועלט איז ניט מער ווי אַ „דריידעל״? אַלץ איז איר, מיט איר, אַרום איר דרייט זיך — — קוק! זעסט?...

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטען, טייערער, איך וויל ניט וויסען פון קיין זאַך, איך בין גליקלאַך, אויב די וועלט דרייט זיך און אַלץ אַרום דרייט זיך, אַבי איך דריי זיך לעבען דיר!...

— יאַ, יאַ! אַלץ דרייט זיך און מיר דרייען זיך אויך: היינט זיינען מיר דאַ און מאָרגען — — — ווער ווייסט וואו?...

— אַ, רעד ניט קיין נאַרישקייטען, בעני, איך וויל ניט הערען פון קיין זאַך! איך וויל זיך נאָר דרייען!...

און — — — אַלץ האָט זיך געדרייט, ווי שטענדיג, ווי תמיד, מיט'ן אייביגען וועלט־געדריי, מיט'ן אוראַלטען גאַנגען־דריי...

ס'איז אַוועק אַ צייט. בעני האָט זיך געגרייט חתונה האָבען, אַריינפּלאַנטערען זיך טיפער, שטאַרקער אין לעבענס־נעץ...

אַלץ איז געגאַנגען כשורה. די דריידעלאַך, די שרייפעלאַך, די וואַליקלאַך, ביז — — — עפּעס איז קאַליע געוואָרען און בעני איז קראַנק געוואָרען.

מ'האָט אים צוגענומען אין אַ שפּיטאָל, געמוזט אויף שנעל מאַכען אַן אָפּעראַציע. און אין „געדריי״ איז די אָפּעראַציע ניט געלונגען און בעני האָט דערפילט, ווי דעמאָלט אין פּאַרק, אַז אַלץ דרייט זיך. דרייט זיך און ער דרייט זיך אויך אין מיטען ראָד... דרייט זיך און פאַלט טיף אין אַן אָפּגרונט... פאַלט אַלץ נידעריגער און אַלץ אַרום אים ווערט איינגעהילט אין אַ נעבעל־שלייער, דער־ווייטערט זיך, רוקט זיך אַוועק און — — — בעני איז גע־שטאָרבען...

פריינט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, נאָענטע, קרובים און אויך די כלה.

מ'האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ „שיינעם״ קאַסטען, געגאַסען טרערען, געבראָכען מיט די הענט, געפרעגט פראַגען: „סטייטש? סטייטש?...״

אַלץ האָט זיך אָבער געדרייט, געדרייט, ווי שטענדיג, ווי

תמיד. און אַלע אַרומיגע לעבען „קאַסטען" האָבען זיך געדרייט און אויך דער „טויטען־קאַסטען" מיט'ן ערשט לעבעדיגען בעני'ן האָבען זיך געדרייט, געדרייט אין אייביגען לעבענס־געדריי, יאַרען־געלויף, שטראָמען־גאַנג...

מ'האָט אים אַוועקגעפירט אויפ'ן בית־עולם, וואו אַלץ דרייט זיך: די בוימער, בלעטער, פויגלען און מתים. אַריינגעלייגט טיף אין דער ערד און באַגראָבען...

מ'וויינט, מ'ברעכט די הענט, מ'פרעגט פראַגען, מ'פראָטעס־טירט, אָבער דער אייביגער געדריי הערט ניט אויף און אַלץ דרייט זיך ווידער...

און מיר דאַכט זיך, אַז בעני ליגט אין קאַסטען, האַלט צוגע־מאַכט די אויגען און דרייט זיך, דרייט זיך... לעבען אים נאָך איינער, לעבען יענעם אַ צווייטער, און מיר דאַ דרייען זיך אויך און ס'איז איין געדריי פון אַלץ און פון אַלעמען...

און לעצטע וואָך גיי איך מיר אַזוי איבער אַ געוויסער גאַס און קוק זיך צו צום לעבענס־געדריי און דערזע אין אַ שויפענסטער (וויטרינע) ביי אַ פאָטאָגראַף, ווי אַ סך „בילדער" דרייען זיך אין אַ ראָד־געדריי: אַרויף, אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ, און איך האָב דער־זען — — — בעני'ן צווישען אַלעמען ! ?...

„בעני!" האָב איך אַ געשריי געטאָן און פון מיינע אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען רייסען טרערען...

און לאַנג בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף די „זיך־דריי־ענדע־בילדער" און ערשט טיפער פאַרשטאַנען דעם גאַנצען זין, דעם עצם פונ'ם לעבען: ניט מער ווי אַ דריי־מאַשין, און אַלע דרייען זיך; אַלע און אַלץ!

און בעני האָט פונ'ם בילד אַרונטער ערנסט געשמייכעלט צו מיר און זיינע אויגען האָבען גערעדט: „מיר דרייען זיך, אידעל, און אַלץ איז ניט מער ווי אַ געדריי, אַ פאַרבלענדעניש, אַ פאַרכאַ־פעניש, און ער האָט זיך פאַרדרייט און ניט געבליבען..."

און איך בין געשטאַנען און געקוקט, געקוקט, און פון מיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען...

און בעני קוקט ווידער אויף מיר, איראָניזירט מיינע טרערען... און — זיך ווידער פאַרדרייט...

אויפ׳ן גאָרטען.

ווען דער צוועלף יאָריגער אהרון איז איינמאָל געקומען אויפ׳ן גאָרטען זיך שפּילען מיט חברים, ווען זיי זיינען געווען פרייַ פון דער שול, האָט ער דערזען אַ פערד ליגען געפּענטעט און קוקען מיט זיינע פערדישע אויגען ערגעץ ווייט...

קינדער, האָבען זיי ניט געשיינקט קיין אויפמערקזאַמקייט צום פערד און אָנגעגאַנגען מיט זייערע שפּילערייען: צעלייגט אַ פייער, געשפּרינגען, געטאַנצט, זיך איבערגעקוליעט און געלעבט אַ פרייען טאָג!

אהרון׳ען האָט אָבער געצויגען צום פערד צו וויסען וואָרום ער ליגט אַ געפּענטעטער און קוקט מיט אַזוינע מידע אויגען האָפ־נונגסלאָז ארום זיך?

זיין נשמה איז אין אַלגעמיין געווען אַן אימפּולסיווע און געוואָרען גערירט פון פילע ערנסטע לעבענס־בילדער.

איז ער יעדער מאָל צוגעקומען צום פערד, אים אַריינגעקוקט אין די אויגען און געטראַכט, געטראַכט איבער׳ן פערד׳ס שיקזאַל.

און אַט שפּילט ער זיך ווידער מיט זיינע חברים און ווערט היננעריסען פון פרייהייט און קינדערשען, זאָרגלאָזען גליק...

דין זיינען אָבער זיינע געפילען און ער קען לאַנג ניט זיין ווילד־גליקלאַך און פאַרגעסען אין אַלעם ארום: דער פערד לאָזט אים ניט רוען. ווי קומט ער אהער אויפ׳ן גאָרטען ליגען אַ גע־פּענטעטער אויף אַלע פיר פיס?

און ווידער שפּילט ער זיך און ווערט פאַרטרונקען אינ׳ם וואַלד פון קינדערשער זאָרגלאָזיגקייט, מונטערקייט און פרייד.

אַנטקעגען ליגט אָבער דער פערד און רייצט זיך מיט אהרון׳ען, לאָזט אים ניט זיין אַ קינד און געניסען פונ׳ם שטיקעל לעבען, וואָס איז נאָר זיס אין דער קינדהייט...

ס׳איז געוואָרען נאַכט. שאָטענס האָבען אָנגעהויבען אַרומ־קלעטערען אויפ׳ן גאָרטען, אויפ׳ן פּלויט; פונ׳ם פעלד האָבען זיך געטראָגען שטומע קלאַנגען און געהוזשעט, ווי אַ מחנה בינען; דער הימעל האָט אַ שימעריר געטאָן מיט שטערענדלאַך און אַ קיל

ווינטעלע האט אנגעהויבען בלאזען, וואָרפענדיג א פאַרנאַכטיגע שטימונג און א ביסעל מרה שחורה.

די קינדערלאַך זיינען זיך צעלאָפען יעדערער צו זיך אין שטוב אריין, וואו ס'ברענט א לאָמפּ, ס'באַגעגענען היימישע פנים'ער און מ'וועט געשמאַק עסען אווענט־ברויט נאָך אזוי פיל טאַנצען און שפּרינגען.

געבליבען אויפ'ן גאָרטען איז נאָר דער פערד אליין.

אהרון האט יענע נאַכט ניט געקענט שלאָפען רואיג: דער פערד איז אים ניט ארויס פונ'ם קאָפּ. און ער האט געפילט אזוי פיל צערטלאַכקייט צום שטומען, אומגליקלאַכען באשעפעניש....

— ווער האט עס געפּענטעט דעם פערד? ווער האט עס א רעכט נעמען און פאַרבינדען אלע פיר פיס און לאָזען אויפ'ן גאָרטען אן עסען און טרינקען?

אזוינע געדאַנקען האבען אים געמוטשעט ביז ער איז איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען גאַנץ פרי איז ער אוועק אויפ'ן גאָרטען זען, וואס דער פערד טוט.

ביינאַכט האט גערעגענט און דער פערד איז געלעגען אין נעץ און מיט אזוינע טרויעריגע אויגען געקוקט אויף אהרנ'ען, גלייך ער וואָלט זיך בעטען:

— אינגעלע, אינגעלע! בינד אָפּ מיינע פיס און איך וועל אנטלויפען ערגעץ, וואוהין די אויגען וועלען מיך טראָגען!...

און א גאַנצען טאָג האבען קינדער זיך ווידער געשפּילט אין לוסטיגע, פרייע שפּילען, געהוליעט, געלאַכט, געשריגען. און ביי דער זייט איז געלעגען דער פערד און געליטען שרעקלאַכע ווייטאָגען.

אהרון האט אים עטלאַכע מאָל געגעבען ברויט, אביסעל וואַסער און דער פערד האט עס געשלונגען מיט אזא ווילדען אפּעטיט: געווען טויט־הונגעריג און דורשטיג.

און ווידער איז געקומען די נאַכט. שאָטענס האבען געשפּרונגען, ווי מאַלפּעס, מיט א באַזונדער פלינקייט. דער וואַלד האט, דאַכט זיך, געוואַרטשעט און זיך געבייזערט אויף עמיצען, פאַרוואס מ'מוטשעט באשעפענישען אומזיסט און אומנישט; דער הימעל איז געווען אנגעכמורעט: וואָלקענס האבען זיך געטראָגען

מיט האסטיגען אימפעט און פארמירט וואונדערבארע בילדער. אט איז א פערד דארטען אויבען א געפענטעטער און ער קוקט מיט ווילדע אויגען ארום זיך... א ווינטעל האט זיך געשלאגען מיט די וואלקענס און זיי ערטערווייז צעקלאפט, און א לויטערער הימעל, בלויער, קלארער, אז פלעקען, האט זיך באוויזען.

די קינדער זיינען אוועק אהיים און זיך געזעצט ביי די פענ־סטער ארויסקוקען אין דרויסען, אויפ׳ן הימעל, און געווען העכסט גליקלאך און צעפרידען, וואס זיי זיינען לעבען נאענטע און אייגענע...

און דער פערד איז געלעגן אויפ׳ן גארטען אליין און געליטען יסורים אז א ברעג און אז א מאס.

אהרון איז געווען באזארגט פאר׳ן פערד און אלץ זיך געגריי־בעלט אינ׳ם „סוד", פארוואס ליגט דער פערד אליין געפענטעט אויפ׳ן גארטען?

אויף מארגען פרי איז ער ווידער אוועק צום פערד און שרעק־לאך האט דער פערד אויסגעזען. אפגעצערט, מוטלאז און געליגען אזוי הארט מיט׳ן קאפ לעבען דער ערד און געשוויגען, אפילו ניט געגעבען א ווארף מיט׳ן עק, ווי אלע מאל... ניט געשאקעלט מיט די אויערען, ווי אלע מאל: מיאש געווען זיך און געווארט אויפ׳ן סוף, וואס באפרייט און דערלייזט אויף שטענדיג...

אהרון האט אים געגעבען א שטיקעל ברויט, אנגעטרונקען מיט פרישער וואסער. אבער שוין ניט געווען יענע ווילדקייט, מיט וועל־כער דער פערד האט זיך געווארפען אין די ערשטע טעג. ער האט געטרונקען, געגעסען, ווי א קראנקער, וועמען מ׳נייט, ער אליין אבער וואלט זיך געקענט באגיין אן דעם...

אהרון איז געווען גערירט ביז׳ן ביין: וואס איז עס פאר א סוד? ווארום פייניגט מען אזוי דעם אומגליקלאכען פערד?

שטיל איז אבער געווען ארום. דער גארטען האט געקוקט מיט זיין גראזען־בליק אויף אלץ ארום. א בלימעלע האט זיך ערטער־ווייז דורכגעווארפען און אויסגעזען אזוי עלענד און האפנונגסלאז, ווי דער פערד, און א נאגענדע שטימונג האט גענומען פרעסען און ריזען אהרנ׳ס געמיט.

די גאנצע שווערקייט און ביטערניש פונ׳ם לעבען האבען זיך

בולט אנטפלעקט פאר אים, אים אריינגעכאפט אין שדים־טאנץ, געטראגען שנעל, שנעל און אריינגעווארפען אין אן אפגרונט...

אהרון האט זיך דערשראקען און איז אוועק אהיים.

א גאנצען טאג איז ער געווען מעלאנכאליש. אין זיין מארך האט־זיך געדרייט דער שטורם פונ׳ם לעבענס־גאנג; אבער ווען וועט ער גיין דערציילען, אז אים איז אומעטיג, שרעקעדיג, פראגיש און ערשטוינענד אלץ!

די קינדער האבען זיך געשפילט אז אים יענעם טאג אויפ׳ן גארטען. און ס׳איז ווידער געווארען נאכט מיט די זעלבע פארבען: פאנטאסטישע און שרעקענדע, קלארע און פארשטעלטע. דער וואלד איז אלץ געווען אנגע׳ברוגז׳ט: מסתמא פיל דורכגעמאכט, דורכ־געלעבט, זיך אנגעזען מיט אומרעכט. און דער פערד איז גע־לעגען און גע׳גוסס׳ט.

אויף מארגען גאנץ פרי איז אהרון ווידער אוועק צום פערד. אבער... ס׳איז שוין מער ניט געווען קיין פערד, נאר א גערעבעניש, א געביין: די פעל איז געווען ארונטערגענומען, און קראען, הינט האבען געריסען שטיקער פונ׳ם איבערבלייבאכץ...

אהרון איז געבליבען שטיין, ווי א געליימטער. עפעס האט זיך אפגעריסען טיף אין זיין הארצען און פון די אויגען האבען זיך געריסען טרערען אויף דער פריי...

און גאנצע סטאיעס הינט האבען מלחמה געהאלטען צווישען זיך. אט האט א פעטער הונט זיך צעשלאגען מיט א מאגערען, בלוט רינט פוןביידען און א „האווקעריי“ טראגט זיך אוועק וייט, וייט, שלאגט זיך אן אינ׳ם וואלד, וועלכער איז אזוי אויך געגוג ברוגז, און ער שליידערט מיט כעס אפ צוריק דעם האווקעריי און ס׳וואנדערט ארום איבער דער לופט און קען קיין תיקון ניט קריגען...

קראען קומען פון ערגעץ אין מאסען, ליארעמען, שרייען מיט זייערע שווארצע קולות און דער פערד ווערט צעטראגען, צעריסען אויף ברעקלאך...

אהרון איז געשטאנען פון וייטענס און געדאנקען האבען גע־פיקט זיין מארך, ווי די קראען האבען געפיקט דאס פלייש פונ׳ם פערד...

— איז דאָס די גאַנצע שפּיל פון׳ם לעבען? פון זיין? פון ווערען? און פון ניט ווערען?...

ער האָט זיך דערמאַנט, ווי משה דער באַגרעבער האָט צוגע־נומען זיין אַ טויט ברודערעל, אים אוועקגעטראָגען אין הקדש־שטיבעל און אוועקגעלייגט הינטער אַ טאַפּטשאַן ביז ער וועט אויס־גראָבען אַ קבר׳ל...

און נאָך, נאָך געדאַנקען האָבען געריסען זיין מאַרך, ווי די הינט האָבען געריסען דאָס פלייש פון׳ם געוועזענעם פערד...

ער איז אַוועק אַהיים, און יענעם טאָג האָט ער ניט געקענט עסען דאָס פלייש פון דער זופּ, ווייל ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזען, אַז אַ קראָ האָט עס אויסגעפּיקט, אָדער אַ הונט האָט עס אָפּגע־ריסען...

עטלאַכע טעג איז אהרון ניט געגאַנגען אויפ׳ן גאָרטען און אויך די אַנדערע קינדער האָבען זיך ניט געשפּילט: ס׳איז פאַרגעקומען אַ שלאַכט איבער אַ שטיקעל פלייש און די הינט זיינען געווען בלוט־דורשטיג, די קראָען — גיפטיג...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אהרון געקומען אַ קוק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך, און ער האָט געטראָפען נאָר אַ סקעלעט פון׳ם פערד. איין קראָ און אַ קראַנק הינטעל האָבען זיךביידע געפּאָרעט לעבען אים. נאָך אַלץ עפּעס געזוכט...

און ווידער האָבען קינדער זיך געשפּילט אויפ׳ן גאָרטען. אַלץ איז געווען ווי פריער. דער הימעל האָט אַרונטערגעקוקט מיט זיין הימעלשען קוק און איראָניזירט די ערד... דער וואַלד איז אַלץ געווען יענער ברוגז׳ער זיידע, וואָס ווייסט צופיל און זאָגט גאָרניט אויס: קונדסים, און מ׳וועט ניט פאַלגען... די פּאָר עלענדע בלימעלאַך האָבען נאָך עלענדער אויסגעזען און דער סקעלעט איז געלעגען און געקוקט מיט אַ „סקעלעטען־קוק”, וואָס שרעקט און סטראַשעט...

אהרון איז ווידער געוואָרען דער לוסטיגער אינגעל און גע־שפּילט מיט זיינע חברים אין פאַרשידענע שפּילען. אָבער ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן סקעלעט, איז אים מיט אַמאָל געוואָרען קלאָר, בעסער געזאָגט, אומקלאָר דאָס גאַנצע לעבען און ער איז געוואָרען מעלאַנכאָליש...

אַ לאַנגע צייט איז דער סקעלעט געלעגען אויפ׳ן גאָרטען אין

דערמאָנט אַן פערד, וועלכער האָט געאָטעמט, געשטערבט אויפ'ן פערדישען שטייגער, און זיך געריים מיט'ן הימעל, מיט דער ערד, מיט דער זון, מיט'ן וואַלד, מיט די בלומען, וועלכע זיינען געל און פאַרעלטערט געוואָרען, צוקוקענדיג זיך צו אַזוינע בילדער...

דער זומער איז שוין לאַנג אַוועק. ס'איז געקומען הערבסט און נאָך איהם אַ בייזער ווינטער. די קינדער זיינען שוין ניט געגאַנגען אויפ'ן גאָרטען, נאָר געווען פאַרנומען אין שול מיט די ספרים, לימודים, און פאַרגעסען דעם פערד.

ס'איז אָבער ווידער געקומען אַ פרילינג, ווען אַלץ ווערט אויפ־געדעקט, דערמאָנט. די פעלדער, וועלדער און גערטנער האָבען אָנ־געהויבען בליען, וואַקסען, צייגען די שיינקייטען פון דער נאַטור און די מיאוס'קייטען פונ'ם מענטשענס טאָטען. מ'האָט ווידער דערזען דעם סקעלעט און זיך דערמאָנט אין דער העסליכער נאַ־קעטקייט פונ'ם מענטשענס מעשים...

לאַנג פלעגט אהרון שטיין לעבען סקעלעט און איהם באַטראַכטען: ער האָט אויפ'ן גאָרטען געזען דאָס גאַנצע לעבען מיט די שיינע און עקעלהאַפטע שטריכען.

ער האָט געזען נאַטור, הימעל, וואַלד, טייך, בלום. זיך גע־פרייט דערמיט און געוואָלט ווערען גליקלאַך. ביי דער זייט איז אָבער געלעגען דער סקעלעט און זיך געריים מיט איהם, גלייך ער וואָלט איהם אריינגעשריגען אין פנים אריין:

— זעט, מענטשען, אייערע שאַפונגען! איר קענט זיך נאָר באַרימען מיט סקעלעטען, סקעלעטען, סקעלעטען!...

און שווער איז אהרנ'ען געווען אויפ'ן האַרצען, ביטער און פינסטער: דער סקעלעט האָט פאַרטונקעלט די פראַכט און שיינ־קייט פון דער געטרייער נאַטור...

דער סקעלעט אויפ'ן גאָרטען... אויף די וועגען און שלאַכט־פעלדער...

און זיי האָבען גערויבט זיינע קינדערשע פריידען, צוגענומען זיין קינדערשע זאָרגלאָזיגקייט...

———<>———

די קאַפּאָטע...

בעריש דער שוסטער איז געווען א קבצן אין זיבען פּאָלעס. זיין פאמיליע איז געווען גרויס, און פון די אלטע שיך, וואס ער האט פארריכט, האט ער קוים־קוים געצויגען די חיונה.

דער דאך פון שינדלען איז שוין לאנג פארפוילט, און ווען ס'רעגענט רינט אריין אין שטוב און ס'העלפען ניט די מולטערס מיט די טעפּ, וואס מ'שטעלט אונטער...

וואס קען מען אבער טאָן, אז אויף קיין נייעם דאך איז ניטא קיין געלט, און בעריש'עס ברודער, א רייכערער פון אים, ווייל ער איז א קינסטלער א בעל־מלאכה, וויל אים ניט לייען קיין געלט צו פארריכטען דעם דאך.

און צו פארריכטען דעם דאך דארף קאסטען גאנצע פינף און צוואנציג קערבלאך...

רינט זיך אזוי ווען ס'רעגענט און בעריש מיט זיינע בני־בית ליידען, נעבאך!

איין זאך האט אבער בעריש פארמאגט א זייער גוטע און ווערטפולע: א שבת'דיגע קאַפּאָטע.

זי איז געווען אזוי שיין, שטארק און רייך אויפ'ן אויסזען, אז אפילו זיין פארגיטיגטער ברודער, דער גוטער שוסטער, האט אים מקנא געווען...

די קאַפּאָטע האט ער געקראגען א מתנה פון זיין כלה, און זי האט געוואלט צייגען איר בריה'שאפט צו געבען איר חתן א שיינע, גוטע קאַפּאָטע...

און ווירקלאך, די קאַפּאָטע איז ביי אים געווען דאס איינציגע שטיקעל צירונג פון זיין גאנץ בעל־הבית'ישקייט.

א גאנצע וואך ארבייט מען איבער די אלטע, „וועטישעס". מ'עסט זיך אן מיט שמוץ, אומריינקייט, מ'גייט אפּגעריסען, אפּגע־שליסען, אבער פרייטאג פארנאכט, ווען מ'לייגט אוועק די ארבייט, מ'דעקט איבער דעם ווערקשטאט מיט'ן ווייבס א פארטוך, מ'וואשט זיך ארום, מ'קעמט אוים די גרויסע בארד און מ'טוט אן די קאַ־פּאָטע, קריגט מען אן אויסזען פון א שטיקעל מענטש...

און ער פילט זיך אזוי גוט, בעריש, ווען ער גייט אנגעטאן די קאפאטע. ער דערמאנט זיך אן זיין כלה (די איצטיגע קראנקע, יאדישליווע שוסטערקע), ווען ער איז מיט איר געגאנגען שפאצירען אונטער'ן וועלדעל, און די געשפרעכען, וואס ער האט געפירט מיט איר, און אויפ'ן הארצען ווערט אים אי גוט, אי ביטער...

די קאפאטע איז דער איינציגער זכר, אז ער איז אמאל געווען יונג, געליבט, געווען א חתן און געהאט א שיינע, געזונטע כלה...

ער ווארפט א בליק אויף זיין ווייב, ווי אויסגעמוטשעט זי איז, און ער דערמאנט זיך, ווי אזוי זי האט אויסגעזען אין יענע גוטע צייטען, ווען זי האט געדינט אין רייכע הייזער...

אוי, האט זי דעמאלט אויסגעזען! א מויד מיט א פאר רויטע באקען און פייערדיגע צוויי שווארצע אויגען!...

אלע זיינע חברים האבען אים מקנא געווען אויף זיין כלה און זי אים ניט פארגינען...

אזוי איז אלע פרייטאג, ווען בעריש האט אנגעטאן זיין „קא־פאטע", ארויף דער געדאנק פון אמאל און ער האט געהאט די גרעסטע פארגעניגען אנהויבען נאך אמאל איבערבלעטערען זיין לעבענס־בוך...

אז ער איז געווארען גאר באגייסטערט, איז ער צוגעגאנגען צו זיין ווייב און מיט איר אנגעהויבען פראווען שטיק, ווי אין די יונגע יארען, ווען ער פלעגט מיט איר גיין אונטער'ן וועלדעל שפא־צירען.

זי האט ניט געהאט דעם ברען, וואס אמאל, און מערסטענס איז זי געווען אויף דער צייט, ווי ס'פירט זיך ביי קבצנים, האט זי אים אוועקגעשטופט פון זיך און זיך נאך געבייזערט, וואס ס'קריכען אים אזוינע נארישקייטען אין קאפ אריין...

אזוי האט זיין קאפאטע אים געהאלטען ביים לעבען פון שבת צו שבת.

א גאנצע וואך איז ער געווען פארנומען מיט דאגות פרנסה און שבת האט ער געטרוימט פון זיינע יונגע חתן־יארען...

אין שול האט מען גארניט געקענט וויסען, אז בעריש איז א לאטאזשניק, ווייל זיין שיינע באַרד און די שווארצע קאפאטע האבען אים געמאכט אויסזען בכבוד'יג...

ווען עמיצער וואָלט געווען אַ הויב טאָן די קאַפּאָטע, וואָלטען זיך אַנטבלויזט אַ פּאָר צעריסענע, אַלטע, פאַרשמאַלצעווטע הויזען און מ'וואָלט גוט געוואוסט, אַז ס'איז בעריש דער שוסטער...

די קאַפּאָטע האָט אָבער פאַרדעקט דאָס גאַנצע אָרימקייט און ניט געלאָזט אַ פרעמדען וויסען דעם אמת'ן דלות, וואָס האָט שטענדיג געפייפט ביי בעריש'ן אין הויז.

און יאָרען האָבען זיך אַזוי געצויגען. איין פרייטאָג האָט אָנגעיאָגט אַ צווייטען און אַלע אינאיינעם זיינען אַוועק ערגעץ אין קוואַל פון אייביגקייט און גאָרניט געלאָזט הינטער זיך.

דערוויל איז דער דאַך פון בעריש'עס הויז געוואָרען אינגאַנצען צעלעכערט און די מולטערס מיט די טעפּ האָבען שוין ניט געקענט מער העלפען: מ'האָט געמוזט לייגען אַ נייעם דאַך!...

און דאַ האָט בעריש צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען דערפילט, אַז ער וועט זיך מוזען שיידען מיט זיין שבת'דיגער קאַפּאָטע.

לייען געלט, גלאַט אַזוי זיך, האָט אים קיינער ניט געוואָלט. זיין ברודער איז געווען אַ שלעכטער און האָט אים ניט געוואָלט אַרויסהעלפען, אַז ער זאָל קענען פאַרריכטען דעם דאַך. אויב ער האָט אים געגעבען אַ דרייערל, האָט עס דאָך ניט געקענט העלפען; האָט ער אַוועקגעטראָגען זיין איינציג שטיקעל צירונג צו אַ פּראָצענטניק און זי פאַרזעצט פאַר צוואַנציג קערבלאַך...

דאָס איז געווען אַרום דינסטאָג, נאָך וויט צו שבת.

ער האָט פאַר דעם געלט איינגעקויפט שינדלען און אַוועקגעשטעלט צוויי אַרבייטער באַקלאַפּען דעם דאַך.

ס'האָט זיך אָנגערוקט פרייטאָג. אַ גאַנצען טאָג האָט בעריש עפּעס אַזוי פויל געאַרבייט, זיינע הענט האָבען זיך, ווי צוויי קלעצער, ניט געהויבען עפּעס טאָן.

פאַרנאַכט האָט ער פאַרדעקט דעם ווערקשטאַט מיט'ן ווייבס פאַרטוך, זיך ניט אָרומגעוואַשען, ווי ער פלעגט עס טאָן אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט, ניט פאַרקעמט זיין שיינע באָרד, נאָר עטוואָס אָפּגעוואַשען די הענט פון דער סאַזשע און שמוץ און אַוועק אין שול אַריין.

שטיל, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז ער געשטאַנען און גע־

דאווענט מיט הארץ, אויסגיסענדיג זיינע געפילען פאר'ן האר פון אלע וועלטען...

מ'האט אפגעדאווענט און זיך צעגאנגען. בעריש איז גע־קומען אהיים צו זיך א דערשלאגענער און מיט א פארשולדיגט קול געזאגט: א גוט שבת!...

שבת גאנץ פרי איז ער אוועק אין שול, זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל און געשטאנען די גאנצע צייט אויף איין ארט, כדי מענשטען זאלען ניט זען זיינע בגדים.

ווען ער האט געהאט זיין קאפאטע, פלעגט ער ארומגיין איבער'ן שול און דאווענען אויף א קול, אבער איצטער איז ער געשטאנען און שטיל געדאווענט, שטיל, און זיין תפילה איז געווען פול מיט בלוט און טרערען...

דערוויל האט איינער פון די מתפללים, וועלכער האט גוט גע־וואוסט, אז בעריש איז א הייסער דאוונער און האט ליב ארומגיין, דערזען ווי בעריש שטייט אין א ווינקעל, די בארד צעפלאנטערט, איינגעבויגען און דאווענט שטיל־שטיל...

ער האט דערפילט, אז עפעס איז ניט גלאטיג און געוואלט צוגיין צו אים און א פרעג טאן, אבער ער האט זיך בארעכענט און אפגעווארט ביז נאכ'ן דאווענען.

מ'האט אפגעדאווענט, מ'איז זיך שוין אלע צעגאנגען, אבער בעריש שטייט נאך אלץ און רירט זיך ניט פון ארט.

איז ער צו אים צוגעגאנגען און זייער פארזיכטיג א פרעג גע־טאן, ווארום ער איז אזוי טרויעריג.

בעריש האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, א קוק געטאן אויף יענעם און גארניט געענטפערט, נאר טרערען האבען זיך „שטום“ געקייקעלט פון זיינע אויגען.

— איך בעט אייך, בעריש, דערציילט מיר, וואס האט גע־טראפען ביי אייך? — האט יונה דער פאדריאטשיק זיך געבעטען ביי אים.

און בעריש האט דערציילט יונה'ן אלץ, וואס ס'האט גע־טראפען, ווי אזוי ער האט געמוזט פארזעצען זיין קאפאטע, כדי ער זאל קענען פארריכטען דעם דאך...

יונה האט אים באַרואיגט און געבעטען, ער זאָל אויף דער נאַכט אַרויפקומען צו אים.

בעריש איז געקומען אהיים און א גאנצען טאג געפילט, אַז די גאַנצע וועלט איז פינסטער, וויסט און פּאַסקודנע.

זיין פרוי און די קינדער האבען אויך גענוג געליטען, ווייל זיי זיינען געווען געוואוינט צו זען בעריש'ן אין זיין שיינער קאַפּאָטע, וועלכע האט אים געמאַכט אויסזען רייך און צופרידען...

דער טאג איז אוועק.

בעריש איז גלייך אוועק צו יונה'ן און אים נאָך אַמאָל דערציילט פון זיין ביטער האַרץ און געוויינט, ווי א קליין קינד.

יונה האט אים באַרואיגט און געליען צוואנציג קערבלאַך ער זאָל אויסלייזען זיין קאַפּאָטע און אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך נויטיגען אין א פּאַר קערבלאַך, זאָל ער קומען צו אים.

בעריש איז שיר משוגע געוואָרען פאַר גליק. קומענדען שבת וועט ער האבען זיין שיינע קאַפּאָטע און זיין א מענטש גלייך מיט אַלעמען... א גאַנצע וואָך איז ווי עס איז, אבער שבת איז זיין איינציגער טאָג, ווען ער פילט, אז ער איז אויך א מענטש...

ווען ער האט געבראַכט די „קאַפּאָטע" אהיים, האבען זיך די קינדער געפרייט, ווי מיט'ן טייערסטען גאַסט, און זיין קראַנקע פרוי האט יאָמערלאַך געוויינט...

וויין ניט, נאַרעלע, ס'איז דאָך דאָ א גאָט אויף דער וועלט און ער האט צוגעשיקט יונה'ן, ער זאָל זיין דער „מלאך הגואל"!...

די וואָך איז ווידער אוועק. פרייטאג פאַרנאַכט האט בעריש איבערגערעקט דעם ווערקשטאַט מיט זיין ווייבס פאַרטוך, זיך ריין אַרומגעוואַשען, פאַרקעמט זיין גרויסע, שיינע באָרד, און אוועק אין שול אַריין.

נאָך קיינמאָל האט בעריש אַזוי געשמאַק ניט געדאַווענט... ער האט געפילט, אז די וועלט איז ניט אַזוי פינסטער און וויסט, ווי ס'האט זיך אים אויסגעוויזען.

אויב ס'זיינען נאָך דאָ „יונה'ס" אויך אויף גאָטס וועלט, לוינט זיך צו לעבען. און ער האט געשיינט און אויסגעזען, ווי א הייליגער, אין זיין קאַפּאָטע מיט דער שיינער אויסגעקעמטער באָרד...

און יונה איז געשטאַנען פון וויטענס און געשעפּט נחת: ער

האט געפילט, אז ער האט געהאט די גרעסטע מצוה, וואס ס'קען געבען: אומגעקערט די שבת'דיגע קאפאטע צו בעריש'ן און אים געראטעוועט פון אזוי פיל יסורים און בזיון!...

די שבת'דיגע קאפאטע, וועלכע איז געווען דאס איינציגע שטיקעל צירונג ביי בעריש'ן האט דערפרייט אזוי פיל מענטשען און געשאפען יום־טוב אין אזוי פיל הערצער!...

און, דאכט זיך, אז גאט אליין האט פרייער אפגעאטעמט, ווען בעריש איז געגאנגען אין שול אריין אנגעטאן אין זיין קאפאטע... דאס הייסט א מצוה!!!

——<>——

ציגיינער.

ס'איז געווען אין א הייסען זומער נאכמיטאג. דאס שטעטעלע ד—וו איז געלעגען געמיטלאך צווישען פעלדער, פרום אויסזעענדע וועלדער און ארומגערינגעלט מיט גערטנער פון אלע זייטען.

ניט ווייט האט דאס טייכעל — דער „סלוטש" זיך געשלייגעלט און צוגעצויגען מיט'ן רואיגען, לויטערען אויסזען...

הויך און טיף איז דער בלויער הימעל פון אויבען, און נאר העט וואו וויגט זיך א וואלקענדעל, ווי א פארבלאנדזשעט שעפעלע..

אין שטעטעלע איז שא, שטיל. ערגעץ לעבען „א שיינק", שטייען א פאר גוי'אישע פירלאך און עטלאכע קי, א ציג קומען צו, כאפען א זשמוט איי, קריגען א פאר בייטשען פון א גוי, וועלכער לויפט ארויס פונ'ם טראקטיר א האלב שיכור'ער, לויפען אוועק, און ווען דער גוי פארשווינדט, קומען זיי ווידער צו און טוען זיך זייערס, גלייך ס'האט גארניט געטראפען...

פון א ווייטען וועג ערגעץ איז אנגעקומען א שאראמאנטשיק און שפילט לעבען א קראם, וואו ס'האבען זיך איין הרף עין צענויפגעקליבען א סך קליינע קינדערלאך און קוועלען אז פון די פארשייטע, באנאלע טענער...

א חוץ שפילען איז ער אויך „ א מזל־טרעפער" דורך אזוינע

קוויטלאך, און אייניגע פּראוווען: אפשר וועט זיי דער וואגאבונד — דער שאראמאנטשיק זאגען וואס מארגען וועט זיין? — — — —

פּלוצים האט זיך פון ערגעץ דערטראגען א רעש, א געפּילדער, פון קאמענאבראדער שליאך זיינען אנגעקומען ציגיינער.

אן אימה איז באפאלען דאס שטעטעלע ר—וו: פאר ציגיי־נער האט מען זיך אלע מאל געשראקען און ס'האבען זיך געטראַ־גען קלאנגען, אז זיי גנב'ענען אוועק קליינע קינדער און פארקויפען זיי ערגעץ...

האבען מאמעס אנגעהויבען פארזיכטיג נאכקוקען די קינדער. זיי פארשפארט אין די הייזער און געווען אין איין שרעק: ווער ווייסט וואס ס'קען פאסירען?

און די ציגיינער זיינען געקומען אלץ מערער און מערער אויף זייערע אלטע בוידען מיט די פלינקע פערד.

דאס גאנצע שטעטעלע איז פול געווארען מיט זיי, און זיי האבען זיך צעלאזט איבער אלע גאסען און געסלאך בעטען ברויט: זיי זיינען געווען שרעקלאך פארהונגערט...

איך בין נאך דעמאלט געווען גאר א קליין אינגעל: אכט יאר אלט, און כאטש מיין מאמע האט מיר אנגעזאגט ניט ארויס־גיין פון יענער זייט טיר, ווייל מ'וועט מיך צוכאפּען, בין איך דאך געווען נייגעריג זיי גוט אנקוקען און זען ווי אזוי זיי זעען אויס.

און, גאט גרויסער, איך האב דערזען א בילד, וואס קען שוין גאר שרעקלאכער ניט זיין! וויפיל ארימקייט, נויט, אומגליק און עלענד!

קליינע קינדערלאך האבען ניט דורכגעלאזט קיין איין פארביי־גייער. זיי האבען געוויינט, געבעטען א שטיקעלע ברויט, א טרונק, אן אלט קלייד.

נאקעטע, בארוועסע, פאר'חושד'טע, ווי שאטענס, האבען זיי ארומגעשלייכט און געבעטען אויף זייער ציגיינער־לשון: ברויט, ברויט, ברויט!

עלטערע און אינגערע פרויען, כמעט נאקעטע מיט אזא צער אין זייערע אויגען, און וויינענדיגע קולות האבען זיך געבעטען: עסען, טרינקען!

איך בין געשטאנען אין א ווינקעל, זיך צוגעקוקט צום גאנצען

בילד, און א שוידער האט מיך ארומגעכאפּט: אוי, ווי! וואָרום גיט מען זיי ניט קיין עסען? ס'איז דאָך דאָ אזוי פיעל ברויט אין שטעטעל? ביי אונז האט מען דעם זעלבען טאג אפּגעבאַקען א געבעקעל ברויט, א פערצען, פופצען לאַבען ברויט...

און שטייענדיג אזוי פארטראַכט האָב איך דערפילט ווי עמי־צער האט מיך אנגעכאפּט ביי דער האנט. איך האָב א ציטער געטאָן, אבער ס'איז שוין געווען שפּעט: אן אַלטע ציגיינעריו האט מיך געהאַלטען פעסט ביים האנט און איך האָב פארשטאַנען אז זי וויל מיך צונעמען: געווען אזוי פאַרלערענט.

זי האט אבער אויף א געבראָכענעם רוסיש א זאָג געטאָן: „מאַלטשיק דאָברי, דאַי מניע קוסאָק כליעבאַ!“ (גוט אינגעלע, גיב מיר א שטיקעלע ברויט).

עפּעס האט מיר א דריק געטאָן ביים הארצען און איך בין אריין אין הויז, צו צו דער שאפּע, ארויסגענומען א גרויסען ברויט. עטלאָבע שטיקלאך צוקער, עטלאָבע זיסע אוגערקעס, א קולעק זאַלץ און מיט א קלאַפּענדיג הארץ ארויס צו דער ציגיינעריו.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען יענע „ווילדע“ צווי שוואַר־צע אויגען, ווען זי האט דערזען די מתנה, וואָס איך האָב איר גע־בראַכט!!... זי האט עפּעס א מורמעל געטאָן אויף „ציגיינעריש“. זיך איינגעבויגען, מיר אפּגעפּרעסט א הייסען קוש אויפ'ן שטערען און אַוועק.

אין דער לופט האבען זיך נאָך אַלץ געטראָגען געשרייען. קלאַנגען, געוויינען, געבעטען פון מענער, פרויען און קינדער: ברויט! וואַסער! א מלבוש!

אייניגע האבען געגעבען. מערערע האבען זיך אבער צוגעקוקט צום טרויעריגען „ספּעקטאַקעל“ און זיך ניט גערירט פון אָרט. אָט, ציגיינער — ליידיג־גייער און זיי מעגען אויסגיין פון הונגער!

די זון האט זיך אנגעהויבען זעצען. שאָטענס האבען זיך א לאָז געטאָן איבער אַלע וועגען און שטעגען. דער הימעל האט מעלאַנ־כאָליש געביטען זיינע פאַרבען און א פחד האט אנגעהויבען דריקען ביים הארצען.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אין ווינקעל און געקוקט ווי אזוי „מענטשען“ וועלכע מ'רופט ציגיינער גייען ממש אויס פון הונגער

און פאר מיינע אויגען האט א שוועב געטאן דאס בילד פון „ירושלים“ מיט׳ן שוידערלאכען חורבן, ווי קינדערלאך האבען גע־חלש׳ט נאך א שטיקעל ברויט און קיינער האט ניט געגעבען...

אט הער איך דעם רבינ׳ס ניגון ווי ער לערענט מיט מיר די קינות — איכה ישבה בדד העיר... און טרערען האבען זיך א גאס געטאן פון מיינע אויגען און כ׳האב זיך צעוויינט אויף א קול...

— אינגעלע, א שטיקעלע ברויט, א שטיקעלע ברויט! — בעט זיך א קליין ציגיינערל און וויינט מיט בלוטיגע טרערען.

איך וויש שנעל אפ מיינע טרערען, לויף אריין אין הויז, ביז צו צו דער שאפע, ארויסגענומען א ברויט און גלייך צום ציגיינערל...

אין דרויסען האב איך אבער געטראפען א גאנצע כאליאסטרע ציגיינערלאך און זיי זיינען ממש ארויפגעפאלען אויף מיר: „גוטינקער מענטש, גיב נאך ברויט, מיר שטארבען!

איך בין ווי פאראליזירט געווארען און זיך ניט געקענט רירען. געדאנקען האבען אנגעהויבען עגבערען מיין מח: גיב אוועק דאס גאנצע ברויט פון שאפע און וואס מיט דיר וועט זיין, זאל זיין!...

ניין, איך טאר עס ניט טאן, ווייל מיין טאטע איז אליין ארים און קוים וואס מיין קראנקע מאמע האט אפגעבאקען דאס ברויט: געבארגט ביי דער קרעמערקע, וועלכע מאנט און לאזט ניט דורכגיין די גאס מיין טייערער מאמען!...

אין גאס איז שוין געווען טונקעל. די פארצווייפעלטע קולות זיינען שטילער געווארען; די לבנה האט זיך געטוקט אויבען אין הימעל; שטערענדלאך האבען געוואונקען צו מיר און עפעס אנגעדייטעט, און איך בין אריין אין הויז.

ס׳האט שוין געברענט א לעמפעל. מיין טאטע האט געטרונקען טיי, מיין מאמע האט צונעשטעלט אויפ׳ן פריפעטשאק עפעס קאכען.

— וואו ביזטו געווען, אידעל, דעם גאנצען טאג? האסט גאר קיין מורא ניט געהאט פאר די ציגיינער? — האט מיין טאטע מיך געפרעגט.

— ניין, טאטע! וואס איז די מורא? הונגעריגע מענטשען נעבאך און פארטיג! — האב איך געענטפערט.

עטלאכע טעג זיינען אוועק און מיין מאמע האט זיך געכאפט, אז ס׳פעלען איר אוים צוויי ברויט...

און ס׳איז געבליבען, אז די „ציגיינער“ האבען עס אוועקגע־גנב׳עט די צוויי לאבען ברויט...

איך האב זיך נים ווימענדיג געמאכט און געווען צעפרידען וואס איך האב זיך ארויסגעדרייט גלאטיג, ווייל וואלט מען זיך דערוואוסט, וואלט איך געכאפט פעטש פון מיין מאמען, כאטש זי האט זייער א גוט הארץ און האט די ציגיינער געהאלפען...

א סך וואסערען זיינען שוין פון דעמאלט אן פארלאפען. דאס לעבען האט זיך געביטען און היינט הונגערט ערגעץ מיין גוטע מאמע און וואלגערט זיך אין דער פרעמד...

וועט זיך ערגעץ א קליין אינגעלע אפרופען אויף איר געשריי און הייסע טרערען: „שיינקט א שטיקעלע ברויט, א טרונק וואַ־סער, א נאכט־לעגער“! ?

וועט מען איר אויך ארויסטראגען א ברויט פונ׳ם שאפע, ווי איך האב געטאן, צי ניין ?...

איך האב עס דעמאלט מורא געהאט דערציילען מיין ליבער מאמען, ווייל שווער איז איר אנגעקומען צו קריגען אויפ׳ן גע־בעקעל ברויט, אבער אצינד ? ? ? מעג איך, — — — ווייל זי וואלט אויסגעקושט יענעם גוטען אינגעלע, ווי די אלטע ציגיינערין האט מיך אויסגעקושט...

יא, אצינד איז מיין מאמע און פיל אנדערע מאמעס — „צי־גיינערינס“ !...

— גוטער אינגעלע ערגעץ, גנב׳ע אוועק א ברויט, מ׳מעג ! ! !

——<>——

בלומען...

אלע געסט זיינען זיך שוין צוזאמענגעקומען אין דער אקאדע־מיע פון מוזיק : שוועסטער, ברידער, טאטעס, מאמעס, קאזינס, קוזינעס, געליבטע און גלאט אזוי זיך פריינט און באקאנטע.

אויף דער פלאטפארמע זיינען געלעגען אויסגעלייגט בוקעטען בלומען אין א גראנדיעזער „בייט“ און געמאניעט דאס אויג מיט

די פֿארשידענע קאלירען און פֿארבען. דער עולם זיצט און ווארט אומגעדולדיג: מ'וויל שוין דערזען די יונגע סטודענטען, וועלכע האבען געהאט די זכיה אויסהאלטען דעם עקזאמען און ווערען אנערקענטע דראגיסטען.

און טאקע באלד האבען זיך באוויזען די פּראפעסארען פֿונ'ם אוניווערזיטעט און נאך זיי די סטודענטען מיט די סטודענטקעס אין די טונקעלע קליידער מיט די היטעלאך.

דער עולם האט אנגעהויבען אפּלאדירען: ס'האט שוין גע־פּלאצט זייער געדולד און די הענט האבען געקלאפּט מיט חשק...

די שטימונג אין דעם גרויסען זאל האט זיך געביטען און א געמיטלאכע פֿריילאכקייט האט זיך געמערקט אויף יעדענס געזיכט.

א פּראפעסאר האט אנגעהויבען אויסרופֿען די נעמען פֿון די סטודענטען און סטודענטקעס און יעדער איינער איז צוגעקומען, געקראגען זיין דיפּלאם, ווערענדיג באדאנקט פֿונ'ם פּראפעסאר און פֿארהילכט פֿון די אפּלאדיסמענטען, וואס זיינע אדער אירע נאענטע פֿריינט האבען געגעבען אלס מתנה צום גליקלאכען פֿון דער דיפּלאם.

נאטירלאך, די וואס האבען געהאט מערער פֿריינט, האבען גע־קראגען שטארקערע אפּלאדיסמענטען. איין סטודענט איז געווען אזא גליקלאכער, אז זיינער א פֿריינט איז געקומען מיט א גלאק, און ווען מ'האט אים אויסגערופֿען ער זאל נעמען זיין דיפּלאם, האט „דער גלאק" אזוי אנגעהויבען הילכען, אז אלע אנוועזענדע האבען הארציג געלאכט און זיך אמוזירט.

אויפ'ן סטודענטס געזיכט האט זיך געמערקט א גליקלאכער שמייכעל: ער קריגט א דיפּלאם, איז יונג און קרעפֿטיג און דער גלאק לאזט עס אים וויסען...

אזוי האט דער פּראפעסאר אויסגערופֿען אלע סטודענטען און סטודענטקעס און זיי האבען שוין געהאט וועמ'ער ס'זאל אפּלאדירען און פֿריילאך מאכען.

ווען מ'האט אבער אויסגערופֿען איין סטודענט און גראד ניט קיין יונגען שוין, האט זיך די שטילקייט ניט געריהרט פֿון ארט פֿאר א פּאר מינוט: ער האט קיין פֿריינט ניט געהאט, זיי זאלען אים אפּלאדירען און לאזען וויסען, אז ער איז אויך איינער פֿון די גליקלאכע...

דער פּראָפעסאָר גיט אים איבער די דיפּלאָם און קוקט אים אריין פריינדלאַך אין פּנים, גלייך ער וואָלט זאָגען: „ניט געזאָרגט, פריינט, דיין גליק ליגט ניט אין אַפּלאָדיסמענטען, נאָר אין עפּעס אַנדערש !...“

מיט אַמאָל האָט אָבער „דער גלאָק“ זיך אַזוי צערעוועט און אויף אים קוקענדיג האָבען אַלע אָנגעהויבען אַפּלאָדירען, אָבער אַזוי שטאַרק און לאַנג, אַז דער פּראָפעסאָר האָט געבעטען אויפהערען.

דער סטודענט האָט זיך געפילט אי גוט, אי נערוועז...

ווען מ'האָט געענדיגט צעטיילען די דיפּלאָמעס, האָט דער פּראָפעסאָר פאַרגעשטעלט א געוויסען זינגער. ער האָט געזונגען זייער צאַרט און ווייך און צוגעפּאַסט אַזאַ ליד. וואָס האָט צוגעגעבען געשמאַק דעם גאַנצען אָוונט: ער האָט געזונגען דאָס ליד „א מאַמע“, און אויף וויפיל מ'האָט געקענט כאַפּען די ווערטער, האָט זיך גערעדט פון א מאַמעס געפילען צו איר קינד ביז זי דערציט אים און האָט פון אים נחת...

ניט יעדען איינעם, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס ליד גערירט. הנאה האָבען אָבער אַלע געהאַט.

ס'האָט אויך געזונגען א זינגערין זייער א גוטע זאַך, אָבער די ווערטער איז געווען שווער צו כאַפּען.

צולעצט האָט מען אָנגעהויבען צעטיילען די בלומען און די פּראָפעסאָרען האָבען צעריסען די שיינע „בייט“ דערלאַנגענדיג יעדען איינעם זיינס.

אַלע סטודענטען זיינען געזעסען אויף זייערע פּלעצער און געוואַרט ביז מ'וועט זיי ברענגען בלומען — א דאַנק און אנערקענונג פאַר שווערער ארבייט און אנשטרענגונג.

איין סטודענט האָט געקראָגען אַזוי פיל בלומען, אַז מ'האָט אים קוים ארויסגעזען... א צווייטער — ווייניגער אַביסעל, אָבער אויך היבשלאַך. א סטודענטקע האָט געקראָגען די גרעסטע צאָל בוקעטען און זי האָט אויסגעזען „גראַנדיעז“ אינ'ם וואַלד פון אַזוי פיל בלומען, וועלכע האָבען געוואָרפען פון זיך פאַרבען, ווי א רעגענבויגען...

איין סטודענט, אָבער, און ווידער „יענער“, וועלכער האָט קיין פריינט ניט געהאַט, איז געזעסען און געוואַרט. קיינער האָט אים

אבער קיין בוקעטען ניט צוגעטראגען, אפילו איין קליין „בלימעלע" ניט!

די גליקלאכע האבען געהאלטען די בלומען און זיי געגלעט, גע־קושט: א כלה, א געליבטע, א טאטע, א מאמע, א פריינט האט עס געגעבען און מ'איז ניט עלענד; ס'איז דא א נאענטער, א ליבער, א גואל, א קרוב. אבער איינער האט קיינעם ניט און זיצט אליין אויף זיין ארט און קוקט מיט ערנסטע אויגען, ווי אנדערע קוויקען זיך מיט'ן ארטמאט, וואס די בלומען פארמאגען...

די שמחה און צערעמאניע האט זיך געענדיגט און דער עולם האט זיך, ווי א כוואליע אויפ'ן ים, א לאז געטאן צום ארויסגאנג.

מ'קושט זיך, מ'ווינט, מ'ווינצעלט זיך, מ'אויקעט; הערצער לאזען זיך וואויל גיין: א מאמע וויינט לעבען איר זון: קוים אים אויסגעהאלטען צו ווערען א דראגיסט פונ'ם טאטענס שווערער פראַ־צע... א געליבטע פרייט זיך: איר הארצענס־פריינט איז געווארען א דראגיסט און זיי וועלען חתונה האבען. פריינט וויצלען זיך און ריידען פון א שמחה'לע ערגעץ פראווען לכבוד זייער פריינט דעם דראגיסט.

און דער „ארימער" סטודענט האט זיך מסתמא ארויסגערוקט און אוועק צו זיך אין ארים חדר'ל, וואו ער וועט אפעסען א שטיקעל הערינג מיט א קאלטער גלאז מילך און זיך לייגען שלאפען...

דאס לעבען אבער איז א גאנץ אנדער אוניווערזיטעט און באגעגענט מענטשען אנדערש: מעגלאך, אז דער ארימער סטודענט, וועלכער האט ניט געקראגען קיין אפלאדיסמענטען און קיין „בלו־מען", וועט באגעגענען פרייד און גליק אויף יעדען שריט און טריט און זיין לעבענס־וועג וועט זיין אויסגעבעט מיט בוקעטען פילפאר־ביגע בלומען, און די וואס האבען יא געקראגען בלומען און אפלא־דיסמענטען וועלען קריגען שטיינער! ?...

ווער ווייסט וואס „לעבען" גרייט צו פאר די מענטשען־קינ־דער? ווער ווייסט?

— דערוויילי, א גוטע נאכט דיר, ארימער, טייערער סטודענט! וועסט נאך קריגען בלומען!...

<>

אין קעמפ.

די מלחמה איז דעמאלט געווען אין אמת'ן ברען. מענטשען זיינען געפאלען ווי פליגען, און אויך אונזער לאנד אמעריקע האט זיך אריינגעווארפען מיט'ן גאנצען אימפעט און אימפולס צו ראַטעווען די וועלט פונ'ם בייזען גייסט — דעם דייטש...

אויף שנעל, ממש אויגענבליקלאך האט מען געבויעט קאזארמעס פאר די אמעריקאנער סאלדאטען. ס'האט געקאכט, געזאטען. און אלץ אויף דער גיך, ווייל דער דייטש האט שוין געהאלטען אָט, אָט ביי זיגען.

קיין ליידיגגייער האט מען דעמאלט ניט געזען: אלע דארפען ארבייטען און זען ראטעווען די „דעמאקראטיע" פון די נעגעל פונ'ם בלוטדורשטיגען שונא...

און האט, חלילה, א בלויער ראק ערגעץ דערזען א מענטשען זיצען אָן ארבייט, איז ער צו אים צוגעגאנגען און אָן שום צערעמאניעס אים ארעסטירט.

אזא פארברעכער: דער שונא איז שוין אונטער דער נאז און ער זיצט געמיטלאך אין פארק און רוט...

האבען טאקע אלע געארבייט, חוץ די, געוויינטלאך, וועלכע הייסען אלע מאל יענעם ארבייטען און אליין טוען זיי קיין האנט אין קאלט וואסער ניט אריין...

איך האב דעמאלט אויך געמוזט ארבייטען, כאטש איך מוז מיך מודה זיין, אז קיין צו גרויסען חשק האב איך דערצו ניט געהאט...

איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז קיין צו גרויסע גליקען וועלען מיר ארבייטער פון דער מלחמה ניט קריגען!

גע'הרג'עט ווערען, דאס יא! גע'נזק'ט ווערען, יא! פארלירען א האנט יא! א פוס יא! אבער עפעס רעכטס? — ניין! קיין קבצן איז ניט זוכה צו עפעס רעכטס...

מילא, האב איך געארבייט, כאטש אין פארק איז געווען גאניז אנגענעם צו זיצען און טראכטען פון אלעס, אלעמען און גארניט...

א סך פון מיינע בעקאנטע זיינען שוין געווען אויף „יענער זייט" און געשמעקט פולווער... איך בין געווען גרייט, אז יעדע

מינוט וועט מען מיר א זאג טאן: נו, בחור׳ל, טו אן בגדי־מלכות און קום צייג וואס דו קענסט!

און קענען קען איך צייגען א סך זאכען, אבער איך האב מורא, ווייל איך ווייס, מ׳איז דאך פארט ניט מער ווי א מענטש... און ארום דיר, קיין עין הרע, אזוי פיל מענטשען, וועלכע קענען מאכען א בארג אש פון אזא אידען־מענטש ווי איך בין פאר צייגען וואס איך קען!?

און איך האב גענוג געזען בײשפּילען אויך...

דערווייל, ביז מ׳וועט מיר אמאל הייסען גיין „אהיין" פון וואנעט מ׳קערט זיך זעלטען אום צוריק... האב איך זיך בארעכענט, אז כ׳וועל זוכען ארבייט אין א קעמפּ.

געזאגט און געטאן. אין א שיינעם פרימארגען בין איך אוועק אין א נאענטען קעמפּ זוכען ארבייט און מיטהעלפען דער מענטשהייט ראטעווען זיך איינס פון דאס אנדערע...

איז אבער מיט ארבייט אזא געשיכטע: דער פאליסמאן לאזט טאקע ניט ארומגיין ליידיג, אבער אז מ׳קומט אין א „קעמפּ" איז ערשט לא — מ׳גיט ניט אזוי שנעל קיין ארבייט... מ׳דארף צוערשט דורכמאכען אן עקזאמען, דורכגיין הונדערטער „אפיסערס". ביז מ׳דערפרעגט זיך וואו מ׳קען קריגען ארבייט, דערנאך נאך אמאל „הונדערט" ביז מ׳האט זיך שוין דערפרעגט, און דערנאך ערשט צוויי מאל הונדערט — ביז מ׳קריגט שוין די ארבייט...

זיינען מיר אנגעקומען פארטאג אין א גרויסען „טראק" אנגעפּיקעוועט מיט ארבייטער אזוי ווי הערינג אין א פאס. די „וואך" האט אלעמען אונטערזוכט און, זעענדיג, אז קיינער טראגט ניט קיין „געווער" חוץ א מעסערל נאטירלאך, צו שניידען ברויט, און אויב ס׳איז געווען אן איטאליענער, איז געווען אויך נישקשה, אויב מ׳האט אים דערצארענט, צו שניידען א ריפּ...

איין סאלדאט האט אונז אונטער „וואך" מיט א גרייטען ביקס אריינדערלאנגען מיט׳ן שפּיז אין בויך, צוגעפירט צו א קליין בודקעלע אין וועלכער ס׳איז געזעסען אן „אפיסער" און אויסגעפרעגט אזוי ווי ער וואלט געדארפט ארויסגעבען חופה וקידושין...

— ווי אלט זיינט איר? האט איר א פרוי מיט קינדער און וויפיל? זיינט איר א גוטער, פלייסיגער ארבייטער? חלילה ניט

קיין סאָציאַליסט? וואָס פאַר א גלויבען? און האָט ער דערהערט דעם נאָמען „איד" אָדער „רוס" איז ער געווען ניט איבעריג צופרידען...

פיל פון דער כאַפּטע האָט ער אוועקגעשיקט אין א צווייטען אַפּיס, וואו פוילע יונגען זיינען געזעסען און געגענעצט...

דאָרטען האָט מען זיי ווידער געפרעגט פראַגען און געשיקט צו א דריטען אַפּיס, און יענער האָט געטאָן זיינס...

איך מיט נאָך א פּאָר רוסען זיינען געבליבען ניט אָנגענומענע. א תירוץ: ניטאָ פאַר אונז קיין אַרבייט, ווייל מיר האָבען ניט קיין ספּעציעלען פאַך — פּראָסטע אַרבייטער טויגען ניט...

האָבען די רוסען א שפּיי געטאָן און זיינען אוועק. איך אָבער בין געבליבען אויף א גאַנצען טאָג אין קעמפּ, ווייל עסען האָב איך דאָך סיי ווי מיטגענומען אויף א גאַנצען טאָג ווי אַן אמת'ער אַרבייטער... און די לופט אַרום איז אַזוי גוט און פריש, טאָ וואָס וועל איך זיך כאַפּען אַהיים? דער פּאָליסמאַן לאָזט סיי ווי ניט זיצען אין פּאַרק. און דאָ איז אַזאַ רחבת־ידים!?

האָב איך זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל אויף א שטיין ערגעץ און זיך גענומען צום עסען. און עסען האָב איך מיטגענומען געננוג: פּוטער־ברויט, אייער, פּרוכט, א שטיקעלע קאַלט פלייש און אַביסעלע משקה אויך...

ס'האָבען זיך צוגערוקט צו מיר א פּאָר סאָלדאַטען — די וואַך. און איך האָב זיי מטמא געווען מיט אַביסעלע משקה... פּרוכט און ברויט מיט פּוטער.

איך האָב געוואָלט זיין מיט זיי „גוטער ברודער", ווייל ס'קומט אַמאָל צוניץ הינטער־וועגענס...

איך האָב זיך צערעדט מיט'ן עלטסטען פון דער „וואַך", אים דערציילט אַז איך וויל אַרבייטען און מ'וויל מיר ניט געבען.

איז ער מיט מיר צוגעגאַנגען צום אָפיסער, וועלכער האָט נעבאָך „שווער" געאַרבייט, כראָפּענדיג פון שלאָף, און אים א שושקע געטאָן אין אויער אַריין: די משקה האָט געהאָלפען...

האָט מיר דער אָפיסער געהייסען קומען מאָרגען און ער וועט שוין זען איך זאָל קריגען אַרבייט.

גוט. איך בין געווען פינקטלאך. און מארגען, כאטש דער היי־מעל איז געווען פארוואלקענט, פונדעסטוועגען בין איך געפארען.

איך האב אנגעלייגט א קוישעל מיט עסען, און ווידער — א גוט ביסעלע משקה. שוין גוט איין זינען געהאט דעם סאלדאט און אויך דעם אפיסער... און זיץ ווידער אין טראק.

חברים־ארבייטער שטופען זיך, שלאגען מיט די עלענבויגענס אין ברוסט, אין זייט, אבער ווער וועט זיך עס באקלאגען?...

ס'פעלען אויך ניט אוים קיין „אין טאטענס טאטען אריין"... א פאר רוסישע פעטע „מי שברך'ס"... און וואס דען ניט?

מ'דארף פארען צוויי און א האלב שטונדע און מ'כאפט דער־וויל איבער די הערצער. איין איד, א פרומער, האט אין טראק אנגעטאן „טלית און תפילין" און געדאווענט.

עמיצער פרובירט א שפאס טאן און כאפט א סטוסאק פון א צווייטען, וועלכער איז גראדע ניט קיין פרומער, אבער א טאלע־ראנטער מענטש...

מ'מאכט „א לחיים" און מ'גיסט אריין היבשלאך. און דער טראק זעט אוים ווי א פארענדער רעסטאראן...

איינער רייבט קנאבעל אויף א לוסטע ברויט און דער גערוך דערלאנגט ביז דער זיבעטער ריפ... א גוי האט ארויסגענומען א ווייסע שטיק חזיר און באלעקט זיך פריער איידער ער הויבט אן עסען דאס חזיר. ער האלט אלע פינגער זיינע צעשפרייט און לעקט זיי איינס נאך ס'אנדערע, ביז ער לויפט זיי אלע דורך מיט'ן צונג...

און פלוצים פארציט עמיצער א לידעל, א צווייטער העלפט ארוים, און באלד הערען זיך קלאנגען פון „א גארמאשקע" און א קלאפען מיט די פים צום טאקט...

ס'איז לעבעדיג, פריילאך. ארבייטער לעבען א גוטען טאג...

איך זיץ איינגעקוועטשט אין א ווינקעל און טראכט. טראכט. איך וויל אלץ דורכשטודירען די פסיכאלאגיע פון ארבייטער, פון דער מאסע.

און דער טראק גליטשט זיך, סאפעט שווער און רייסט זיך אלע מאל ארויף א בארג.

אפט טוט ער א רעווע, א געשריי, ווי א געקוילעטער אקס איידער ער גוסס'ט...

און מיר זיינען אנגעקומען.

איך קריך ארונטער פונ'ם טראק און שטעל זיך אוועק לעבען דער בודקע. איך בין איינער אליין. קיינער איז נאך ניטא צו פרע־גען אויף ארבייט.

דער אפיסער באמערקט מיך און „א גוט מארגען" רייסט זיך פויל ארויס פון זיין מויל. באלד יאוועט זיך דער סאלדאט און דערלאנגט מיר די האנט ווי אן אלטען גוטען ברודער: די משקה איז שולדיג...

איך רוף אים אוועק און מיר זעצען זיך כאפען א ביים. ער טרינקט איין גלעזעל נאכ'ן צווייטען: אין קעמפ גיט מען זיי ניט קיין בראנפען.

איך טרינק אויך און מיר פארבייסען. דער אפיסער רוקט זיך אויך צו און ער כאפט אויך עפעס. דאס ערשטע נאטירלאך, א טרינק פונ'ם ווארעמען ביסעל...

ער זאגט מיר, אז היינט וועל איך קריגען ארבייט. ער ווארט אויף א קאמפאניע איטאליענער און ער וועט מיך צו זיי צוטשע־פען... אנדערש קען ער ניט. מ'מוז שיקען גאנצע קאמפאניעס, ארטיעלען, סיידען איך בין א פאר־מאן?...

איך בין צעפרידען. דערווייל באלאקען מיר (שמועסען) און דער סאלדאט באקלאגט זיך אין דער שטיל אויף די פאראנדקעס, וואס פירען זיך אין קעמפ... אויף די כאבארניקעס... אויף די גרעפ־טערס...

דער אפיסער, אויך ניט איינגאנצען א נארישער יונג, האלט אונטער די „סטרונקע" און ביידע גיסען פעך און שוועבעל אויף אלעם און אלעמען:

אונז שיקט מען גע'הרג'עט ווערען און אליין הוליעט מען מיט פרויען, און מ'פרעסט, מ'זויפט ווי די וועלף... ניט ריכטיג אזוי, ניט יושר'דיג!

איך שווייג. איך האב מורא זאגען א ווארט, ווייל ווער ווייסט זיי, די חברה? אפשר זיינען זיי דעטעקטיווס און מ'וויל

מיך פּאקען?... פּארקערט, איך פּארטיידיג די רעגירונג און אַלע מאכערס... און זיי — אַלץ דאָס אייגענע...

— מ'שווענדעט געלטען אויף געלטען און וואָס האָבען מיר דערפון?...

אין הארצען ביז איך גאַנץ צופרידען, אָבער אַ מינע מאַך איך גאָר אַנ'אַנדערע...

די קאַמפּאַניע איטאַליענער זיינען אָנגעקומען און מ'סאָר־טירט זיי אויס. מיך נעמט מען אָן צעפרידען אַלס מיטגליד אין זייער „גיינג", אַרטיעל.

איינער זאָגט מיר, אַז ער איז אַ יוניאָן־מאַן און אַלע מענ־טשען זיינען ביי אים גלייך: איד, קריסט, טאַטער, וואַלעד... אַבי אַ געטרייער יוניאָן־מאַן און איבערגעגעבענער סאָציאַליסט...

ס'ווערט מיר פרייליך אויפ'ן הארצען, ווייל איך וועל זיך נים פילען שלעכט צווישען אַזוינע מענטשען: אַ יוניאָן־מאַן, אַ סאָ־ציאַליסט, און ער רעדט אַנדערש, דיינקט אַנדערש, און מיר ווערען שנעל באַפריינדעט.

און טאַקע דער הייסער יוניאָן־מאַן ווערט אונזער „פּירער", ווייל ער האָט געבראַכט די קאַמפּאַניע, ווערט ער פאָרמאַן, לויט די רעגולאַציעס פון קעמפּ.

מ'הייסט אונז גיין. מיר שטעלען זיך אויס אין רייען און מ'פירט אונז צו אַ פּלאַץ ערגעץ. מ'פירט אונז אַריין אין אַן אָרט, וואו ס'ליגען רידעלס, העק, שטיקער אייזען, לאָמען און אַנדערע מכשירים.

מ'הייסט יעדען איינעם נעמען צו עטלאַכע זאַכען און גיין.

אויפ'ן הארצען ווערט שווערלאַך: ווי וועל איך עס דער־טראָגען אַזוינע שווערע אייזענס אויף מיינע פּלייצעס? אָבער מ'מוז עס טאָן וואָס שנעלער. די צייט דערלויבט ניט צו טראַכטען...

איך טו אויס מיין רעקעל און לייג עס אַוועק אויפ'ן אַקסעל, לייג אויף דעם אַרויף די אייזענס און מיר גייען.

ס'פרעסט געפערלאַך. איין איטאַליענער, אויך אַ שוואַכער, באַקלאַגט זיך שוין און וואָרטשעט אונטער...

די אַנדערע לאַכען, שטיפען און רעדען אויף זייער שפּראַך, וועלכע איך הויב נים אָן צו פאַרשטיין.

איך שווייג. אָבער אויפ'ן הארצען איז נים איבעריג געמיט־

לאָד. איך מאַך צורעכט אַלע מאָל מײַן „משא“, װײַל ס'פּרעסט דעם אַקסל. און דאָ מוזען מיר נאָך טראָגען אונזערע פּעקלאַך מיט עסען...

מיר גײען, מיר גײען דורך לאַבירינטען גאַנצע. מ'בױעט, מ'קלאַפּט, מ'זשומעט װי אין אַ בינשטאָק.

צולעצט זײַנען מיר אָנגעקומען. אױף שנעל האָב איך אַרונטערגעװאָרפען מײַן „אײַזערנע משא“ און אַביסעל אָפּגערוט מײַן אַקסל. אַלע האָבען אַזױ געטאָן.

אײנער צײַגט אונז אָן די אַרבײט און ס'װערט װידער ניט פרײלאַך: מ'דאַרף גראָבען טיפע פּאַסעס (קאַנאַװעס) פאַר דער „קאַנאַליזאַציע“, אָדער װאַסער-לײטונג.

איך שװײַג און פּאַלג.

מ'הײסט אַרײַנשפּרינגען אין גרוב. איך שפּרינג. די איבעריגע טוען דאָס אײגענע.

און מיר הױבען אָן אַרבײטען.

איך אַרבײט מיט אַלע כחות און װאַרף אַרױס די ערד, װאָס כ'גראָב אױס מיט מײַן גרױסען, שאַרפען זאַסטופּ, אַרױס אין דער לופטען. און װאָס טיפער מיר גראָבען, אַלץ שװערער קומט אָן אַרױסװאַרפען די ערד... װאָס מער ערד מיר װאַרפען אַרױס אױף דער ליכטיגער װעלט, אַלץ טיפער אין דער ערד ליגען מיר...

און דער אָפּיסער קוקט נאָך יעדע באַװעגונג אונזערע, ער מוז שטײן צװײ טעג מיט דעם נײעם פאָרמאַן און אים צײַגען װאָס צו טאָן.

דערװײַל אַרבײט דער פאָרמאַן גלײַך מיט אונז און איך זע, אַז ער איז גאָרניט צופרידען...

מיר האָבען אָפּגעאַרבײט עטלאַכע שטונדען און מיר ליגען שױן טיף, טיף אין דער ערד... ס'איז פײַכט און קאַלט אינװײניג אין „גרוב“, די הענט טוען װײ: איך האָב נאָך אין מײַן לעבען ניט געאַרבײט בײַ אַזאַ אַרבײט, אָבער איך אַרבײט פלײסיג, מיט אַלע כחות, און בײַ יעדער װאַרף אַרױס די ערד פון גרוב, פאַרשיט איך מיך אַלײן מיט ערד, װײַל איך האָב קײן כח ניט אַזױ הױך אַרױסצװאָרפען די ערד מיט'ן שװערען זאַסטופּ...

איך באַמערק אַן אומצופרידענהײט בײַ די איבעריגע פון מײַן

קאמפאניע אויך. באזונדערס בייז איז דער פארמאן: ער קוקט מיט פייערדיגע אויגען אויף מיר און ווינקט. איך מאך מיך ניט וויסענדיג, אבער איך פארשטיי וואס ער מיינט....

מ'פייפט. דינער־טיים (מיטאג צייט). מיר ווארפען אוועק אונזערע „זאסטופער", „קירקעס" און לויפען זיך וואשען. (ניט אלע וואשען זיך). קוים מיט צרות געקראגען אביסעל וואסער און צעוואשען די פארבלאטיגטע הענט, אפגעווישט זיי אין רעקעל און זיך געכאפט צום עסען.

די גאנצע קאמפאניע האט זיך אוועקגעזעצט איינער לעבען אנדערען און מ'עסט. איינציגע לאכען, קרימען זיך, מאכען מיט די הענט און עסען מיט א האסטיגען אפעטיט...

אפגעגעסען. מ'פייפט ווידער. קוים וואס מיר פארשלעפען זיך צו דער גרוב און אריינגעקראכען דורכ'ן לייטערעל.

מ'ארבייט ווידער און מ'ווארפט די ערד, און מ'ווערט אלץ טיפער באגראבען אין דער ערד... הויבט מען אויף די אויגען אין דער הויך, זעט מען א בלוי שטיקעל הימעל און ווייסינקע וואל־קענדלאך.

מ'האט אפגעארבייט נאך א שטונדע און אהא! די היציגע איטאליענער האבען אלע ווי איינער אוועקגעווארפען די ארבייט און אוועק, זאגענדיג דערביי:

— מיר ווילען ניט ארבייטען אזוי שווער און מ'זאל אונז נאך האקען אין קאפ אריין! — און זיי זיינען אוועק.

איך בין געבליבען אליין. מיר האבען זיך זייער פריינדליך געזעגענט...

— ארבייט ניט אזוי שווער! — רופט זיך אפ צו מיר דער איטאליענער פארמאן — דער הייסער יוניאן־מאן — ס'איז ניט פאר דיינע כוחות! קום!

איך האב אביסעל נאכגעטראכט, זיך נאך ניט געוואלט שיי־דען מיט דער „פינסטערער גרוב" אין וועלכער מיר האבען זיך אלץ טיפער באגראבען... דאך, ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און אוועקגעווארפען די ארבייט...

איין אפיסער האט אונז אפגעשטעלט, אונז אויסגעפרעגט וואר־רום מיר גייען אוועק און פילדייטיג געשמייכעלט, ווי ער וואלט

זאגען: — פוילע, וואס איר זייט! איר ווילט ניט ארבייטען! איר וואלט וועלען געלט פאר ניט ארבייטען, — און אליין איז ער ארומ־געגאנגען אויסגעפוצט ווי א פראנט מיט א דין שטעקעלע אין האנט און מיט אן אויסגעכאליעטער מארדע, ווי ביי א חזיר...

יא, ער ארבייט נעבאך שווער. און איך וואלט זיך געקענט באהאלטען ביי אים אין א קעשענע...

מיר זיינען אוועק.

די זון האט געשיינט א ליכטיגע, א פרייליכע, ווי א געזונט, צעפרידען קינד נאך א באד. און ארום איז געווען אזוי ראשיג, שטויביג, זשומענדיג... מ'האט נאר געמערקט ווי „ערד" שפרינגט פון ערגעץ ארויס, ווי פון זיך אליין, כאטש אינוויינינג האבען שוואכע מענטשען זיך געגראבען ווי „קראטען" און זיך אלץ טיפער באגראבען, טיפער, און געבויעט קאזארמעס פאר די סאלדאטען, וועלכע מ'וועט שיקען אהין אויף יענער זייט ים... וואו מענטשען שלאגען זיך ווי חיות און ווילען ראטעווען די וועלט, פארזיכערען „דעמאקראטיע" און האבען נאר אין זינען אייגענע אינטערעסען...

זיך נאר זיך און ווידער זיך. לפנים אבער פלאנצט מען איין אין די מאסען, אז מ'שלאגט זיך פאר יושר און גערעכטיגקייט... פאר שיינע, נאבעלע פרינציפען...

און מיר גייען. מיר גייען צוריק אהיים. מיר, די קאמפאניע ארבייטער, וועלכע ווילען ניט ארבייטען ווי די אייזלען און בויען קאזארמעס אין וועלכע ס'וועלען זיך געפינען סאלדאטען, וועלכע מ'וועט שיקען אהין, אהין... זיך שלאגען פאר וואס?... פאר ווען?... און פאר וועמען?...

מיר גייען און מיר ווייסען ניט וואוהין מיר גייען!?...

שוין גאנץ ווייט פון „קעמפ". ארום איז וואלד און פעלד. בלומען מערקען זיך פון ווייטענס, א בית־הקברות אין א זייט דארר־טען ניט ווייט.

און דארטען — — — בויעט מען אויף שנעל נייע „קברים"... נייע בית־הקברות'ן צו באגראבען יונגע לעבענס אין לויף נאך גדולה, געלט און מאכט...

וואס טו איך דא? הא? און זיי?... וואס טו איך דא???

און א קבר ווינקט צו מיר פון ווייטען און שרעקט, דערציילט

עפּעם אויף קברים־שפּראך: איך פאַרשטיי און א טרער רייסט זיך פון אויג און ווערט באַגראָבען אין גראָז...

א קבר רעדט... א סך קברים רעדען... הערט זיך איין, ארבייטער! הערט זיך איין!...

———<>———

אין סיגאַר־פאַבריק.

יעדען טאָג גיי איך זוכען ארבייט. אין הויז איז ניטאָ קיין סענט. די שטימונג איז א געפּרעסטע, א געדריקטע... דאָס קינד איז ניט מיט אַלעמען; די פרוי איז עפּעס אנטוישט און איך געזיכט דריקט אוים אזוי פיל צווייפעל, אזוי פיל יאוש.

מיר רעדען ניט פיל איינער צום צווייטען. א דיקע וואַנט האָט זיך ווי אוועקגעלייגט צווישען אונז ביידען, צווישען אונזער פריינטשאַפט און פאַרשטעלט אַלעס, אַלעס...

מיר זיינען ביידע אויפגעבראַכט אויף דער וועלט. אויף זיך און אויף „משיח'ן", למאי ער קומט ניט און אז עק וואָלט גענומען צו אַלעם...

איך עס אויף שנעל אָפּ דעם בידנעם פרישטיק, זאָג פויל ארוים דעם „גוטען טאָג" און גיי אוועק זוכען ארבייט. פאַרקויפען נשמה און הארץ, בלוט און פאַרשטאַנד פאַר עטלאַכע „פאַרפלוכטע דאָלאַר"!

און אין גאַס איז, ווי אויף צו להכעים, לויטער און שיין. די זון שטראַלט, ווי א צעפרידענער פּנים פון אן „אַלרייטניצע"... די בוימער בליען, שטיפען. און א צווייג פון איין בוים טוט זיך א טשעפּע מיט א צווייג פון א צווייטען בוים, אזוי ווי צוויי ציגעלאַך מיט זייערע הערנערלאַך...

פויגעלאַך סוויטשערען און פילען אז די לופט מיט מוזיקקלאַנגען, וואַלקענדלאַך גליטשען זיך דאָרט הויך, הויך אויפ'ן הימעל, ווי סטאַדעס שעפעלאַך, געטריבענע פון פּאַסטוך אהיים. שפּרינגען זיי איינס אויף ס'אַנדערע, אום אויסצומיידען דעם סוקעוואַטע שטעקען פונ'ם פּאַסטוך...

אין א זייט פון הימעל צו מערב צו האט זיך פון ערגעץ אנ־געטראגען א רייטער מיט אזא שטאלצער מינע, און מ'זעט ממש ווי ער קיצעלט דעם פערד מיט זיינע שפארען און דאס פערד דייסט זיך, ווי אין שלאכט אריין, דערפילענדיג, דערשמעקענדיג דעם פיינט, און ארבייט שטארק מיט זיינע נאז־לעכער...

און איך זוך ארבייט.

איך גיי פון איין פאבריק צו דער צווייטער. רוק זיך אריין, ווי א „גנב", און ווי עפעס א פארשולדיגטער פרעג איך מיט א שטיל קול:

— עפעס דא ארבייט ביי אייך?

— ניין, ניטא קיין ארבייט. קום א צווייטען מאל! — ענטפערט איינער, וואס האט „יא" ארבייט...

בלאנדזשע איך ווייטער איבער גאסען: ברייטע, שמאלע, דיינע, שמוציגע, און קלאפ אין די טירען פון פאבריקען. איך קלאפ און דאס הארץ קלאפט אויך... אלע מיינע פולסען האבען זיך געלאזט וואוילגיין און מיין גאנצער מעכאניזם איז אין פולען גאנג.

דער קאפ ליגט אויף מיינע פלייצעס, ווי א בלייענע שטיק, און דריקט אונטער זיך דעם גאנצען גוף מיינעם. ווייל אים דער־קוועטשען... דער שטיקען...

און איך זוך, נישטער, וויל קריגען ארבייט—מ'דארף לעבען!...

איך האב שוין כמעט אויסגעמאסטען די גאנצע שטאט און הינטערשטעטלאך און קיין ארבייט איז אלץ ניטא.

און מאכט זיך יא ערגעץ ארבייט, קוקט מיך דער „ארבייטס־געבער" אן, מעסט מיך מיט זיין פילאזאפישען בליק און זייט ארויס, ווי צווישען די ציין:

— איך וואלט דיר געגעבען ארבייט, אבער דו זעסט אויס צו זיין צו שוואך פאר דער ארבייט, וואס איך האב!

איך לאז זיך לאנג ניט בעטען און הייס אים מיר ציינען די ארבייט.

ער שמייכעלט „גאוה'דיג" צו און צייגט מיר די ארבייט. לכתחילה ווער איך דערשראקען: ווי וועל איך עס קענען דאקאזשען אזא ארבייט מיט מיינע הענט און מוסקולען? אבער גלייך טוט מיר א שוועב אין די אויגען מיין קינדס פנימ'ל, ווי ער איז בלאס,

און די מידע אויגען פון מיין פרוי, און איך נעם אן די ארבייט. איך שפאן זיך איין אין יאך!

איך ארבייט מיט אלע כלים, מיט אלע כחות. אבער נייז, איך קען ניט! מ׳דארף אויפהויבען גרויסע קעסלען און אריינגיסען אין א גיגאנטישען קעסעל, און איך פיל, אז ביי יעדען „הויב" טוט א טראסק אינווייניג ביי מיר...

און די גרויסע, געזונטע „שקלאפען" לאכען, שפעטען פון מיר אפ:

— אזא קאקערוטש און ס׳נעמט זיך אונטער אזוינע קעסלען צו הויבען!...

איך שווייג און בייס די ליפען ביז בלוט.

קוים אפגעארבייט ביז מיטאג־צייט און געמוזט פארלאזען דעם פלאץ. דער באס האט מיר באצאלט פאר א האלבען טאג און מיך אויסגעלויבט:

— יו אר עי גוד באי, באט טו סמאל! (ביזט א גוטער ארבייטער, נאר קליין איזוואוקס!)

וואס־זשע בין איך שולדיג? דארף איך דען ניט עסען און לעבען?...

כ׳האב ווידער אויסגעמאסטען א האלבע שטאט און שפאר שוין אן אויף אן אנדער עק. איך זוך, נישטער: מיין פרוי און קינד שטייען אין די נויטען...

און די זון שיינט, ווארעמט, לאסטשעט און וויל גארניט זויסען, צי איך האב ארבייט, צי נייז! צי איך האב עסען, טרינקען, א שוך, א געלעגער. זי ווארעמט און שיינט. א טייערע נשמה...

און צו אלע גליקען מיינע האב איך ליב זון, שטראלען, ליכט און שיינקייט!

איך האס פינסטערניש, שאטענס און שקלאפעריי!

— ליכט, ליכט! גיט מיר ליכט און זון־שיין!

פארבלאנדזשעט איך אין א פארק. איך בין מיד. קוים וואס איך האלט זיך אויף די פיס.

דער צונג איז צוגעקלעפט צום גומען: א טרונק, א טרונק! אין פארק איז דא א פאנטאן און איך פאל צו צום וואסער.

ווי א וואנדערער אין דער „מדבר“, און טרינק. איך טרינק און קען זיך גאר מיט׳ן וואסער ניט שיידען: דורשט, דורשט, דורשט!...

זיך אפגערוט אביסעל און היידא. מ׳מוז היינט געפינען ארבייט.

און איך האב פארבלאנדזשעט צו א סיגאר־פאבריק.

און — — — וואס איז דאס? מ׳ברויכט הענט! קיין קעפ ניט — וואס טויגען זיי?...

איך באטראכט מיינע הענט און בין ניט צופרידען: צו קליין, ניט אנטוויקעלט גענוג. אלץ געארבייט מיט׳ן קאפ. צום שווארצען יאר. און מיין קאפ וויל קיינער ניט האבען...

מ׳ברויכט „הענט“. און איך בין אריין אין אפיס.

ס׳זיצען נאר „הענט“ אוןווארטען ביז מ׳וועט זיי הייסען עפעס טאן...

באלד גייט ארויס א פעטער מאן, אקוראט ווי א פאס, אין וועלכער מ׳האט אויסגעקלאפט צוויי לעכער — זיינע אויגען... און אן אויסדרוק, אז אמת׳ע טויטע באשעפעניש. און ער נעמט אונז אויף א פארהער:

— וואו געארבייט? וואס געטאן? געווען פליסיג? גייען מיר אין קלויסטער? זיינען מיר גוט און פרום?...

מיר ענטפערען: יא! יא! געווים! ווארען!?

און — — — מיר האבען געקראגען ארבייט. צוויי און צוואנציג דאלאר א וואך פאר דער ארבייט: צען שטונדען א טאג אמת׳ע קאטארגע...

מילא, וואס זאל מען טאן, אז גאט האט באזארגט אדם׳ן מיט א מויל, א מאגען, און ארבייט האט ער אים געהייסען זוכען: „בזעת אפים תאכל לחם“!...

און איך ארבייט מיט מזל! די ארבייט איז ניט איבעריג שווער, אבער א שרעקלאך פארשטיקטע לופט: פענסטער צוגע־מאכט, און איבער׳ן גאנצען פלאר צעשאטען „טאבאק־בלעטער“ און מיר דארפען זיי סארטירען.

צעזעצען מיר זיך אלע אויף דער פאדלאגע און מ׳סארטירט. די לופט איז טרוקען, אנגעפילט מיט טאבאק־געמוד און מיר האלטען אין איין הוסטען, ניסען און הילכען...

מ'לערנט אונז די ארבייט: אונטערשיידען פון א גוטער בלאט ביז א שלעכטער, פון א גוטען סארט בלעטער ביז א שלעכטע.

שווערע קעפ כאפען עס ניט אזוי שנעל. איך (און דא קומט מיר אביסעלע צונויף מיין קאפ...) האב עס גלייך געכאפט און פארשטאנען. (כ'האב געלערנט באטאניק און ס'העלפט ארויס...)

דער פארמאן, א ליטוויז, באמערקט עס און קוועלט אז פון מיר: דאס הייסט א גוטער קאפ. (א דאנק דיר, גאטעניו, פאר דער טובה!)

מיינע מיטארבייטער: סלאווען מיט אייזערנע פנים'ער, פאליאקען מיט גרויסע, פארדרייטע וואנסען און גדלות'דיגע מאניערען, כאטש זיי ליגען אויפ'ן פאדלאגע, ווי חזירים... זיינען מיר מקנא און דערפרעגען זיך ביי מיר די סודות פון דער נאטור: וואָרום די בלעטער זיינען אזוי און יענע — זיינען אנדערש?

איך דערקלער זיי אלעמען דעם ט[illegible]צן סוד און זיי קוועלען אז: דער פארמאן וועט הנאה האבען...

אפגעארבייט איין טאג, צוויי, דריי, פיר, א וואך. געקראגען מיין „שכר" און בין מיט מענטשען צוגלייך... מיין פרוי האט דערפילט א „באדען" אונטער זיך: צוויי און צוואנציג דאלאר א וואך... און איך בין גאר צופרידען. איין קלייניגקייט. א מענטש, וואס פארדינט, איז דאך עפעס ניט אבי ווער!...

און דער פארמאן, ניט קיין שלעכטער מענטש (ארבייט אליין ווי אן אייזעל) האט זיך דערוואוסט, אז איך קען לייענען, שרייבען און רעכענען. האט עס אים גאר הנאה געטאן. ער מאכט מיך פאר א שטיקעל עלטסטען, און טאקע מוסיף געווען אין פארלויף פון צוויי וואכען גאנצע צוויי דאלאר... •

מיין פרוי קוקט אויף מיר, ווי אויף א מענטשען, וואס טויג זיך אויס אין לעבען... די ארבייטער בורטשען אונטער, כאטש איך באהאנדעל זיי אויף אן אמת ווי ברידער. ארבייטען מוז מען דאך, אויב ניט קריגען מיר אלע אן „אנווייזונג" אויף דער טיר...

איך ווער א „יא טיעביע דאס". דער פארמאן שטעלט מיך פאר פאר'ן סופעראינטענדענט און יענער שטעלט מיך פאר פאר'ן באס אליין: אזא כבוד!?

און איך ווייס וואס עס מיינט: שווערע קאטארזשנע אר־

בייט. פארוואס דען זאגט מיר דער אדון הגדול, דער באס, אזא ברייטען גוט־מארגען ?...

איך פארשטיי אויסגעצייכענט מיין פליכט: און באמערק איך א בלעטעלע זיך וואלגערען אויפ'ן פלאר, הויב איך עס אויף, פראשע עס אפ און ווארף עס אריין צווישען אנדערע בלעטער...

דער פארמאן באמערקט עס און גיט עס איבער צום השבערען פון זיך און יענער — צום אדון הגדול...

איך ווער דערהויבען: מ'מאכט מיך פאר א שיפינג קלוירק, און איך קריג נאך צוויי דאלאר פאר מיין פראצע...

ארבייטער שושקען זיך אין דער שטיל: אן הצלחה פון א מענטשען! אזא גליק! אזא טשאנס!... און איך שמייכעל אונטער. מילא, אז א מענטש האט גליק איז דאך ניט שייך...

אי אין די זייטען שטעכט! דער טאבאק ברענט דאס הארץ און די לונגען... בייגאכט הוסט איך און באד זיך און שוויים — גוטע סימנים... דאס איז גארניט. אבי דער באס איז צופרידען און איז מיך מחיה מיט א „גוט־מארגען", מיסטער ריווקין!... איר פארשטייט ?...

לויפען וואכען איינע נאך דער צווייטער. און מיר אר־בייטען, ווי פערד. איך האב באטראכט די פאבריק און דערזען זאכען, וואס אנדערע האבען ניט געזען, אדער ניט געוואלט זען און אפשר ניט געקענט זען ?!

ס'ארבייטען א טויזענט לייטע: מיידלאך, מענער, פרויען. און אפילו קינדער אויך...

איין בילד האט אבער געמאכט אויף מיר אן ערשיטערענדען איינדרוק:

פענסטער זיינען פארשמירט מיט שווארצער פארב, כדי די מיידלאך, וועלכע פאקען די סיגארען אין קעסטעלאך (שאכטלען), זאלען בעסער קענען אורטיילען די קאלירען...

אין מיטען העלען, ליבען טאג איז פינסטער, ווי אין א פינ־סטערער נאכט. ס'ברענען די עלעקטרישע לאמפען און מענטשען־קינדער ארבייטען אין ליכט, זוז, שטראלען און לופט...

די היצען זיינען מורא'דיג. א מיידעל חלש'ט. מ'נעמט זי אויף א סטרעטשער (נאסילקע) און מ'טראגט זי ארונטער'אין האס־

פיטאל, מ׳ראטעוועט זי אפּ און שוין — זי זיצט שוין ווידער ביי דער ארבייט, און א צווייטע חלש׳ט, א דריטע, א פערטע. אזוי כסדר, טאג איין, טאג אויס...

מיר אליין ווערען אויך שוואכער. גאנצע טעג ביי פארמאכ־טע פענסטער, און דער גערוך שניידט, ווי מיט שארפע מעסערס. מ׳פילט, אז די לונגען זיינען איינגעשטעלט. אבער?... מ׳ארבייט און מ׳פינסטערט דאס לעבען...

ווערענדיג א חשוב ביי די גרויסע, האב איך גע׳פועל׳ט ביי זיי מיך אפּלאזען דריי מאל אין וואך אויף האלבע טעג, ווייל איך וויל לערנען.

ס׳געפעלט זיי מיין האנדלונג: אי ער ארבייט, אי ער לערנט. א וואוילער בחור. געווים...

און רעכענען, חשבונ׳ען, זעען זיי, אז איך קען. א סימן, איך בארעכען שנעלער ווי אלע. אפילו פונ׳ם באס אליין, כאטש ער האט די „אפּותיקה" און איך ארבייט, ווי א שקלאף, ביי די בלע־טער...

פלעג איך דריי מאל אין וואך אוועקגיין אויף האלבע טעג און לערנען.

ס׳פייפט. צוועלף א זייגער. איך וואש מיך ארום און אנטלויף, ווי פון א גיהנם, פון א פעסט, און זיי בלייבען נאך אויף א גאנצען טאג, ביז ס׳ווערט נאכט... אומגליקלאכע!

דאס הארץ קוועלט אין מיר. די נשמה צאפּעלט זיך: זון, ליכט, בוימער און פרייהייט כאטש אויף א האלבען טאג!...

אוי, פרייהייט, פרייהייט! ווען וועלן שוין אלע עס דער־לעבען צו פילען דיך און לעבען מיט דיר — שוין צייט!

איך קום אהיים, עס אפּ און אנטלויף אין א פארק מיט די ביכלאך צום לערנען.

אבער ווען קריכט עס אין קאפּ אריין דאס לערנען? מחשבות ריען זיך און לאזען ניט לעבען, קנוילען זיך אין מארך און קענען זיך קיין ארט ניט געפינען.

איך זיץ אין פארק. די זון שיינט, ווארעמט, גלעט, לאס־טשעט. די פויגעלאך פליען אום פון איין בוים צום צווייטען, און

אַם יאָגט גאָר איין פויגעלע נאָך אַ צווייטס און זיי צעקושען זיך מיט זייערע פּיסקעלאַך: פאַרליבטע מסתמא...

און איך זיץ אַליין, אַליין...

איך זע די פאַבריק, וואו פענסטער זיינען פאַרמאַכט, אויס־געשמירט מיט פאַרב, אַז די זון זאָל ניט אַריינקוקען, כדי די סיגאַרען זאָלען זיין אַקוראַט געפּאַקט. אויב ניט, וועט מען זיי ניט קויפען... אַ ווינטעלע טאָר ניט אַריינבלאָזען אויף די סיגאַרען, ווייל זיי טראַסקען און ס'קאָסט געלט...

איין „זאַך" איז ביליג און מעג טראַסקען, קראַפּירען, צע־זעצט־ווערען — — דער מענטש! זיינע לונגען זיינען ביליגער ווי דער סיגאַר, זיין האַרץ איז גאָרניט ווערט... זיין בלוט איז ביליגער ווי וואַסער און דער מענטש אינגאַנצען איז ניט ווערט וואָס ער לעבט גאָר אינגאַנצען אויף דער וועלט, ווען ער קען דאָס אַליץ דערלאָזען!

אין פּאַרק איז שטיל. אַרום און אַרום בוימער, בוימער, גראָז. גרין גראָז ציט זיך אַוועק ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר גרייכען... דאָס טייכעל פליסט זיך רואיג, ווי אַ קאַקעטקע זעט עס אויס, וועל־כע ווייסט, אַז זי איז שיין און אַנציענד...

אַ שטאָלצער „שוואַן" שווימט אַרום און טוט אַלע מאָל אַ פּאַכע מיט די פליגעל. אַ קלוג, פאַרליבט פּאָרעל בלאַנדזשעט אַרום אויפ'ן טייכעל אין אַ רויט־געפאַרבט שיפעל מיט אַן אויפשריפט ביי דער זייט: „נעסט פון ליבע". דער הימעל איז לויטער. ווי אַן אויסגעבאָדען קינד, ליגט ער פון אויבען און שלאָפט, דרעמעלט... ניטאָ קיין וואָלקענס — אַוועק ערגעץ־וואו.

און איך זיץ און טראַכט. טראַכט פון אַלעם, אַליץ און אַלע־מען. שווערע געדאַנקען, ווי בלייענע פּלאַכטעס, פּרעסען דעם מוח. איך טראַכט:

דאָרט אין פאַבריק זיצען און שמאַכטען מענטשען־קינדער. די פענסטער פאַרמאַכט, פאַרשמירט, אַז די ליכטיגע זון זאָל ניט אַריין אַהין, קיין שטראַל זאָל ניט אויפוועקען די פאַרשלאָפענע אויגען, וועלכע זעען גאָרניט... און פון די אויגען מיינע גנב'ענען זיך אַרויס טרערען — איך וויין, וויין, און מיינע טרערען קייקלען

זיך אַרונטער אויפ'ן גראָז. די ערד זאַפּט זיי איין און גאַרניט. די וועלט בלייבט די זעלבע...

מיט טויזענטער יאָרען צוריק האָט מסתמא, פּונקט אויפ'ן זעלבען אָרט, עמיצער (אַ דיינקער) באַוויינט דעם מענטשענס ביטער מזל... איך וויין איצטער... און ווער ווייסט ווער ס'וועט שפּעטער וויינען אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו איך זיץ... ווער ווייסט?...

און די טרערען רינען, רינען...

———<>———

אַרבייטסלאָזע.

(בילדלאַך)

1.

די זון זעצט זיך, און אַ קיל, פאַרנאַכטיג ווינטעלע יאָגט אַרום איבער'ן פּאַרק ווי אַ קליין שטיפערעל.

אין פּאַרק איז שטיל!

שאָטענס פון מענטשלאַכע סילועטען שפּרינגען אום איבעראַל און וואַרפען אַז אַ שטילע מרה שחורה...

כמעט אַלע ביינק זיינען פאַרנומען מיט מענטשען און אַ גרויסע צאָל פון זיי ליגען אויך אויפ'ן גראָז און שווייגען. ציטענווייז נאָר הערט זיך עפּעס אַ שורשען פון בלעטער, וועלכע דערציילען מסתמא פון עפּעס אַזוינס וואָס קען ניט פיל דערפרייען:

הערבסט־געשיכטעלאַך, פאַרנאַכטיגע מעשה'לאַך פון ליידען, הונגער, אַרבייטסלאָזיגקייט און נויט.

איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ באַנק לעבען אַ געוועזענעם סאָלדאַט און פּרוואו מיט אים פאַרציען אַ שמועס, אָבער ס'קומט מיר אַן זייער שווער: ער איז מיד און הונגעריג, אַנטווישט און צעבראָכען און קען, ווייזט אויס, ניט פאַרליידען אַ מענטשען וואָס גייט נאָך ריין אָנגעטאָן, פריש געראַזירט און אפשר ניט הונגעריג...

ער ווייס דאָך ניט וואָס ביי מיר טוט זיך!...

ער בעט ביי מיר אַ „מעטש“ און פאַרוויכערט אַ האַלב־אָפּגע־

רויכערטען סיגאר: מסתמא געפונען ערגעץ וואו א פעטען חלק פון א נגיד׳ס נאכלעסיגקייט...

ער ווערט רעדעוודיג: דער „רויך“ מאכט אים אויפגעלייגטער און ער שיסט גלייך אוים:

„א פארדאמטע צייט! ניטא וואו צו קריגען א שטאך אר־בייט, און וואס וועט ווייטער זיין, פארשאלטען זאל עס ווערען! איך גיי ממש אוים פון הונגער!“

און ער האט געגעבען אזא האסטיגען שפיי אוים, אז איך האב מיך אזש דערשראקען...

און ווידער אנטשוויגען געווארען, און כ׳האב אים ניט גע־קענט דערווארעמען עפעס דערציילען.

זיינע אויגען האבען מיר אבער אזוי פיל דערציילט, און זיין האסטיגער רויכערען דעם סיגאר האבען מיר געגעבען א באגריף ווי בייז און גיפטיג זיין נשמה איז. אבער? אחוץ א האסטיגען שפיי קען ער מער גארניט טאן און וויל מער ניט טאן... א שפיי! — זיך אין פנים!...

2.

איך הויב זיך אויף, זעץ זיך אוועק אויף אן אנדער באנק און טרעף שוין אן א ריכטיגען „חברה־מאן“, וואס ארביים שוין ניט פאר די לעצטע עלף חדשים.

ער רעדט שוין אבער, ער רעדט! ממש פייער! —

— אזוינע צייטען הא? ניטא קיין ארבייט, ניטא וואס צו עסען, כאטש לייג זיך אוועק און שטארב!

— ניטא קיין ארבייט, הא?... ניטא? ווער זאגט עס אז ס׳איז ניטא? וואלט די רעגירונג נאר געוואלט, וואלט שוין געווען. אבער זיי טוען אלץ פאר זיך, פאר זייער וואוילזיין, און די ארבייטער, די מאסען, ליגען ניין איילען אין דער ערד...

— גיי רעד, ריים זיך, זאג זיי די מאסען אז זיי קענען אזוי גרינג אויסבעסערען זייער לאגע! ווי אייזלען גייען זיי צום „שטים־קאסטען“, פארקויפען פאר א טרינק אדער פאר א פאר דאלער זייער קראפט — די שטים!...

— אוי, די אייזלען, גע׳הרג׳עט זאלען זיי ווערען! זיי מאכען

אומגליקלאך דאס לאנד, און ווער ווייסט ווען זיי וועלען אנהויבען פארשטיין, אז נאר זיי און ווייטער קיינער, קען אלעס איבער־מאכען!

ער איז אנטשוויגען געווארען. די לבנה איז שוין געשטאנען הויך אין הימעל; די בוימער האבען געראַוישט, גלייך זיי וואלטען צוגעשטימט צו זיינע ווערטער, און ער איז געווען אזוי אויפגע־רעגט, אז זיינע ליפּען האבען קאנוואולסיוו געציטערט...

— אפשר קענסטו מיר לייען א ניקעל, פריינד? — ווענדעט ער זיך פּלוצים צו מיר. — איך בין טויט הונגעריג!...

— א, געוויס, פריינד! מיט פארגעניגען. — און כ'דערלאנג אים דאס ניקעל.

ער האט עס גענומען און אוועק ערגעץ, און איך בין געבלי־בען אליין אויף דער באנק און שווערע געדאנקען, ווי בייזע שליינג האבען זיך גערייעט אין מיין מח: זיי קענען אלץ, אבער?...

מ'וועט זיין אונטערקויפען מיט א טרינק אדער מיט א פּאר דאלער, און קיין ארבייט וועט ווייטער ניט זיין!... מערדער איבער זיך אליין: „החיים והמות ביד הלשון!“ די „שטים!“ זייער שטים, אבער? זיי שטימען!!!

3.

זיצענדיג אזוי אויפ'ן באנק אנגעלאדען מיט שווערע געדאנקען, האט זיך צוגערוקט אן אלטער מאן און סאפּענדיג, ווי א לאקאמא־טיוו, זיך ארייגעוואָרפען אין דער באנק אריין.

— א גוטער אווענט, סער! — זאגט ער צו מיר.

— א גוטער אווענט! — ענטפער איך אים.

און מיר שוויגען ביידע...

א פינף מינוטען אריבער און ער רופט זיך אפּ:

— א שיינער וועטער, הא?

— יא! — ענטפער איך פויל.

ער באטראכט מיך שארף און ס'זעט אויס אז ער האט אויך אפּגעמאכט ביי זיך אז איך באלאנג צו די רייכע...

— ניט גוט! — שטאמעלט ער ארויס.

— פארוואס איז ניט גוט? — פרעג איך.

— ניטא קיין ארבייט!

— דאס אלעס? — מאך איך זיך גרינגלאך.

— וואס זאגסטו? — פרעגט ער האסטיג.

— איך זאג, אז ס'איז גוט אז מ'ארבייט ניט!

— נו, און עסען, רענט, קוילען? — פרעגט ער מיך און זיינע אויגען פינקלען ווי ביי א וואלף אין א פינסטערער נאכט...

— עט, קלייניגקייטען! — מאך איך עס אוועק מיט דער האנט בכיון...

— גוט איז דיר ווען דו ביזט רייך, אבער איך בין אלט און קראנק און האב א פאמיליע צו באזארגען.

— איז טאקע ניט גוט! — ווער איך ווייכער...

— ניט גוט! ניט גוט! — ווידערהאלט ער מיינע ווערטער.

— ס'איז ביטער! — טוט ער א געשריי.

איך שווייג.

און דער אלטיטשקער הויבט מיר אן דערציילען פון א לעבענס־בילד אין ארימקייט, נויט, קראנקהייטען פאר זיין גאנץ לעבענס־פעריאדע.

ער דערציילט, און זיינע אויגען ברענען, פייערען, און אט שטעלט זיך א טרער און פינקעלט, פינקעלט ווי א טייערער דימענט און קייקעלט זיך לאנגזאם ארויס און רינט איבער זיינע מאגערע, איינגעפאלענע באקען...

איך ביים די ליפען! ביים הארצען קלעמט!

— ביטער און פינסטער! רעדט ער אלץ. ניטא קיין רחמנות ביי מענטשען, וועלכע האבען! זיי גלויבען ניט, פילען ניט מיט! מ'דארף אזא סיסטעם בייטען, מ'מוז!... און ער איז אנטשוויגען געווארען.

מ'דארף, מ'מוז! יא! און וואס גיכער, ווייל ס'איז שוין ניט מעגלאך צו עקזיסטירען, צו לעבען!...

ארום איז שטיל! דער אלטיטשקער שווייגט און זשמורעט מיט די אויגען און אויף זיין געזיכט ליגט אויסגעגאסען עפעס אנט־שלאסענקייט.

ער איז פארטראכט, פארטיפט אין זיינע געדאנקען, ווער ווייסט ווען ער זאל איצט זיין „יונג“ וואס ער וואלט געטאן?...

א קיילעכדיגע לבנה שווימט אויבען אויפ'ן הימעל און באַ־שיינט דאַס בלייכע, פאַרזאָרגטע געזיכט פון אַלטיטשקען מאַן, וועל־כער איז מיר אומבאַקאַנט, אבער אַזוי נאָענט, נאָענט:

מיר זיינען פון איין וועלט מיט איינע און דיזעלבע ליידען, זאָרגען און נויטען!

און כ'וואָלט אים אַזוי געוואָלט העלפען, אבער איך קען ניט: אַליין אַן אַרבייטסלאָזער!!!

——<>——

אַ קליין מענטשעלע.

אין וואוקס איז ער ניט קיין גרויסער, אָבער אין הינזיכט פון זיין „מענטש" איז ער א זייער, זייער קליינינקער.

ער איז א ביזנאַס־מאַן און איז ניט אָרים. דערפאַר טאַקע באַמערקט מען ניט ווי קליין ער איז. עס הייסט מען באַמערקט יאַ, אָבער די פּאַר קלינגערס פאַרבלענדען און פאַרשטעלען און עס פּאַסט גלאַט ניט צו זאָגען קיין שלעכט וואָרט אויף אַזאַ פאַרשוין...

ער אַליין האַלט פון זיך א וועלט, ווי דער שטייגער איז מיט איינעם, וועלכער איז אַמאָל געשטאַרבען זעקס מאָל אין טאָג פאַר א שטיקעל ברויט און איז פּלוצים ניט צוליב זיין פייאיגקייט, גע־וואָרען „א געלט־מענטש"...

די זאַך איז אָבער פּאַרט אַזוי און איצט איז ער א קליין־גרויס מענטשעלע וואָס איז ניט ווערט א שמעק טאַבאַק און איז יאַ ווערט א היבשע עטלאַכע טויזענט דאָלער.

א מענטשען טאָן א טובה איז א זאַך פון וועלכער ער האַלט ניט. ער זאָגט, אַז א מענטש (ער דיינקט אַז ער איז עס) דאַרף פּראָצעווען און שפּאָרען פון דער קישקע, אבי קומען צו עפּעס.

אָט איז ער אַליין איצט א מענטש, ווייל ער האָט געוואוסט ווי אַנצוגייען אויף דער וועלט מיט'ן געלט. ער האָט געאַרבייט שווער און ביטער, ניט געגאַנגען אין ערגעץ, ניט געגעסען צופיל, ניט באַלאַנגט אין ערגעץ. ווער קאָנצערטען, וואָס קאָנצערטען! קיין מאָל ניט געגעבען יענעם וואָס איז ווערט א סענט... (און ער

באַרימט זיך נאָך דער חכם!) און אַזוי אַרום געוואָרען אַ שטיקעל ביזנעס־מאַן און זיך אַרויפגעאַרבייט...

און היינט, רעדט ער ווייטער, דער גרויסער וואָרעם, גיב איך עמיצען עפּעס, לויף אַרום און פאַרשווענד געלט ווי אַנדערע וואָס זיינען פאַרמעגלאָך? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! געלט דאַרף מען קענען מאַכען! עס איז אַ טיפער סוד!...

אַט אַזוי פילאָזאָפירט דער חכם און שמייכעלט צו ווי אַ חיה אין אויסזען פון מענטש...

און קומט צו דער פראַגע פון סאָציאַליזם, איז ער גאָר אַ בריה. געלט ווילען זיי, די ליידאַקעס, און אַרבייטען אַ שטאָך ניט!

נאָר יענעמס ווילען זיי! הער נאָר אומיסטען, איך אַרבייט און אים גיב עס אָפּ... האָסטו געזען אַזעלכעס אין דער וועלט?... אַרבייט ווי איך, ליידאַקעס, פּויליאַקעס, און איר וועט האָבען!

קיין נדבה געבען וועט ער אויך ניט. ער האַלט ניט פון נדבות, עס מאַכט קאַליע דעם „נעמער"... און אַז מען וועט ניט געבען, וועט יענער מוזען זען פאַרדינען און ווערען אַ מענטש.

און אַזאַ שוואַכקייט האָט ער שוין, דער העלד אונזערער, אַז פון וואָס ער רעדט און פון וועמען ער רעדט, וויל ער, אַז יענער זאָל זיין אַ „מענטש"...

און ער פילט ניט, דער פיר־פיסעלדיגער, אַז ער איז אַזוי ווייט פון צו זיין אַ מענטש, ווי עס איז ווייט מזרח פון מערב...

האָט עמיצער געלט, איז ער ביי אים אַ מענטש, אויב יענער האָט אפילו געקוילעט אַ מענטשען...

אַט דאָס איז אונזער מענטש און מען קען זיך ניט העלפען.

צייטען בייטען זיך אָבער און דאָס לעבענס־רעדעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן און עפּעס האָט זיך פאַרטשעפּעט ביי אונזער „חכם" דער וואָגען און ער האָט זיך איבערגעקערט...

ער האָט שוין, ווייזט אויס, געוואָלט צופיל געלט מאַכען און ווערען אַ צו גרויסער מענטש... און אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אויף אַ קאָרנער פון גאַס דערציילט אַז ער האָט עפּעס אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקעל אַרבייט און האָט פאַרלוירען זיין גאַנץ פאַרמעגען מיט איין קראַך, און עס איז אַ סברא, אַז ער וועט נאָך גיין אין „חדר" אויך...

מילא, א קוק טאָן אויף אים אליין איז עטוואָס שרעקלאכעם: איינגעבויגענע אין דרייען, שווארץ ווי די ערד, פינסטער, וויסט, אויסגעריסען, אז עס איז ממש א גאָט'ס רחמנות, אָבער א מצוה! זאָל אזא כלב וויסען אז היינטיגע יארען איז ניט מיט חכמה ווערט מען א גדול און ניט דורך נארישקייט ווערט מען א יורד... א קבצן... א קליין מענטשעלע, ווי ער פלעגט זאָגען אויף דעם יעניגען וואָס האָט קיין געלט ניט...

מיט אמאָל איז פארשוואונדען דער גדלות'דיגער טאָן פון זיין שטימע און ער רעדט שוין ווי א געבוירענער קבצן, שטיל, בנעימות'דיג אז עס איז ממש א מחיה זיך צוצוהערען... הלואי, רבונו של עולם, דערלעבען מיר זיך צו פרייען אויף דער געפאלענ־קייט פון נאָך אזוינע גדולים ווי אונזער חכם איז: ראקעפעלער, א שטייגער, מארגאן, פארד. גרויסע מענטשען, הא? און איך בין זיכער אז זייער שכל איז ניט גרעסער און בעסער ווי אונזער חכם'ס, וועלכער גייט געבויגען אין דרייען און גיט יעדען איינעם אָפּ א ברייטען גוט־מארגען און שמייכעלט זיך צו יעדען איינעם ווי א גע־שלאָגענע חיה'לע...

דאָס לעבען דרייט זיך אָבער פארט און אונזער „געפאלענער חכם" איז עפּעס ווידער געווארען א שרייער, א שגץ מיט א גרוים מויל. פע! עפּעס ניט גלאטיג! מען זאָגט, אז ער האָט ערגעץ ווידער געקראָגען עטלאכע דאָלער און דיינקט אז ער איז ווידער „א מענטש"...

און ווי זיין שטייגער איז, רעדט ער ווידער פון קבצנים, אז זיי זיינען לײדאקעס, פויליאקעס און ווילען רק יענעמס...

ער איז ווידער גראָב, פאסקודנע, קליין (ער איז גרוים קיינמאָל ניט געווען און וועט עס ניט זיין) און האָט תרעומות צו ארימע, נעלטלאָזע אוממענטשען...

און דאָס לעבען דרייט זיך אלץ און אונזער „חכם", „מענטש" האָט ווידער געבראָכען דעם קארק ערגעץ, אָבער אזוי שטארק, אז ער קען זיך שוין ניט אויפהויבען...

שוין אוועק א היבשע צייט און ער איז נאָך אלץ א קבצן, א לײדאק, א פויליאק און אן אוממענטש...

געבויגען אין זעקסטען דרייט ער זיך ארום, גייט פון איין קרוב

צום צווייטען און בעט הילף, אבער זיינע קרובים זיינען אויך פון די „חכמים“, פון זיין חדר, וועלכע האסען א קבצן מיט אלע פיבערען פון זייערע נשמות (אויב זיי האבען נאר נשמות ?...)

און שאט! איך וועל אייך שטילערהייט איינרוימען א סוד, אז ער הויבט שוין אן ליב האבען די סאציאליסטען, וועלכע זאגען אז אלע מענטשען זיינען גלייך, ניטא קיין חכמים און קיין נאראנים אין געלט־פראגען! יא! יא!

און ווען א רעדנער רעדט ערגעץ אויף א קארנער, שטייט ער אפּ שעה'נווייז און שלינגט יעדערווארט.

„אט דאס הייסט מענטשען“, שרייט ער אוים מיט באגייסטער־רונג. „זיי ווייסען וואס לעבען איז און ווי מען דארף עס נעמען“...

און אט אזוי איז פון א „קליין מענטשעלע“ מיט ווערעמישע בליקען געווארען א מענטש (טאקע א מענטש) וועלכער הויבט אן צו פארשטיין אז א קבצן איז ניט קיין לעדאק, קיין פוילאק, נאר א מענטש מיט הארץ און נשמה, און זיי — די רייכע, זיינען קליין, פויל, און פארמאגען ניט קיין טראפּען „מענטשלאכקייט“!...

——<>——

דאס ניגערעל.

אין גאס איז אביסעל רוישיג: מ'זעט ווי מענטשען לויפען און זיינען איינגעשפּאנט אין יאך פון פרנסה, זארגען און לעבענס־באדערפנישען.

איך שטיי און קוק זיך איין מיט אפענע אויגען צום בן אדם, וואס לויפט, יאגט, האוועט און מוז, נעבאך, טראגען דעם „קלומיק“ וואס הייסט — לעבען!...

און מערקווירדיג, טאקע איג'ם געדרענג פון געלויף, אינ'ם רויש פון נאך עפּעס קריגען, כאפּען, קען מען דערקענען ווער ס'איז א מענטש מיט געפילען, מיט א הארץ, מיט א נשמה און ווער ס'איז א „חיה“ אויף צוויי פיס...

שטייענדיג אזוי און באטראכטענדיג דאס לעבען, דעם מענטש, דעם הימעל און אפילו דאס קעצעלע, וואס דרייט זיך און פלאנ־

טערט זיך פאר די פיס. האב איך דערזען א בילד, וואס צווינגט זיך פארטראכטען ערנסט און אונטערשיידען פון א גוטען מענטשען ביז א קליינלאכען, נישטיגען.

א ווייס אינגעלע מיט א ניגערעל האבען זיך פאר עפעס צו־קריגט און זיך גענומען שלאגען. דער ווייסער איז געווען שטאר־קער און האט שטארק אנגעשלאגען דעם קליינינקען, שוואכען ני־גערעל און צו פארבייסען נאך די קלעפ וואס ער האט אים געגעבען, האט ער אים מיט טירישען כעס א שליידער געטאן צו דער ערד.

דאס ווייסע אינגעלע איז אוועק און דאס ניגערעל האט זיך צעוויינט אויף א קול, אז ס׳האט געשניטעןביים הארצען.

שוין לאנג, אז איך האב אזוי ניט געהערט וויינען א קינד!

אזוי קלאגענדיג, רייסענד, שניידענד איז געווען זיין גע־וויין, אז מיר דוכט זיך דאס די לופט האט מיטגעוויינט מיט אים.

און מענטשען לויפען, יאגען, האווען, שמייען און קוקען זיך אפילו ניט אום אויף דעם קליינינקען מענטשעלע מיט דער שוואר־צער הויט, אבער רויטען בלוט און צאפעלדיגער נשמה׳לע, וועל־כעס קען אויך זיך קארטשען אין יסורים און ווייטאג...

איינער לויפט נאכ׳ן אנדערען אזוי ווי אין א מלחמה־צייט און וויל אים איבעריאגען, פארכאפען, בלייבען דער זיגער.

און דאס ניגערעל וויינט, קלאגט, ווארפט זיך אויף דער האר־טער ערד, אבער ווער האט עס צייט זיך אפשטעלען, כאטש אויף איין מינוט, און אויפהויבען דאס קינד פון דער ערד און פרעגען וואס ס׳איז געשען...

ניטא קיין צייט: מ׳לויפט! מ׳דארף עפעס כאפען און אפילו א מינוט איז צו טייער זיך אפצושטעלען און זען וואס א קינד טוט.

אט איז איינער אנגעלאפען ווי א וויכער און אנגעטראטען דעם ניגערעל אויפ׳ן הענטעל, אבער, גאט גרויסער, וואס איז דאס פאר א באשעפעניש? ער שטעלט זיך ניט אפ און לויפט ווייטער, ניט הערענדיג אפילו די נייע געוואלדען און געשרייען וואס דאס קינד האט געמאכט פונ׳ם פרישען ווייטאג. וואס ער האט גע־קראגען פון א מענטש — א לויפער, א יאגער, א גזלן, א רויבער, א נישטיגען ווארעם...

איך שטיי און ביים מיינע ליפען ביז בלוט! און ווי אויף צו

להכעיס קען איך ניט צוגיין צום ניגערל און טאן א ריין־מענטש־לאכע פליכט, ווייל איך מוז היטען מיין קינד ס'זאל ניט ארויס־פאלען פונ'ם קערידזש.

אט לאז איך אים שוין איבער און לויף, אבער איך ווייס אז איך שטעל איין מיין קינד, און דער קערידזש אליין איז אויך ניט מיט אלעמען — ער פארט אליין, צי איך וויל יא, צי איך וויל ניט!...

מיין קינדס רייטוואגען האט אויך דיזעלבע קראנקהייט ווי דער היינטיגער מענטש: ער לויפט און קען זיך ניט אפשטעלען...

שטיי איך אין געהאקטע וואונדען און בין אויפגעבראכט אי אויף גאט און אי אויף זיינע בני־אדם!...

און די מענטשעלאך לויפען, לויפען און שטעלען זיך ניט אפ אויפהויבען דאס וויינענדע ניגערל. פארשאלטענע!

גוואלד, וואס טוט מען? איך ווער שרעקלאך אומרואיג! און דאס ניגערל יאמערט, לייגט איין וועלטען, באוויינט ערד און הי־מעל, מענטש און מזל!...

אבער — אין א פינסטערען, כמורנעם טאג, ווען ס'ווייזט זיך אויס אז קיינמאל וועט שוין די ליכטיגע „זון" ניט באגליקען דעם מענטש, די וועלט מיט אירע ליכטיגע שטראלען און פלוצים רייסט זי זיך אריין מיט פרייד און גלאנץ און ברייינגט אזוי פיל גליק און האפנונג, אזוי האט א יונגע פרוי, ווי פונ'ם הימעל אראפגעפאלען, זיך אנגעבויגען און אויפגעהויבען דאס קליינע ניגערל, אים באַ־רואיגט, צערטלאך אים געגלעט ביים קעפעל און אום פאלקאם צו בארואיגען זיין באליידיגט נשמה'לע, האט זי אים געגעבען אן עפעלע...

דאס ניגערל האט אויפגעהויבען זיינע גרויסע אויגען, אריינ־געקוקט דער פרוי שארף אין געזיכט, א שמייכעל געטאן און אוועק...

די פרוי האט נאך א ווײלע נאכגעקוקט דעם ניגערל, נאכגע־דיינקט און זיך געלאזט גיין, מיט לאנגזאמע, רואיגע טריט, אין איר וועג.

שטיל. די מענטשען לויפען ווידער, יאגען, האוועז, שמייען און זיינען אזוי פארשאלטען, אז זיי קענען זיך ניט אפשטעלען אויף א

מינוט א קוק טאָן וואָס א צווייטער טוט, וואָס ס'איז געשען מיט'ן קליינינקען ניגערעל — מ'לויפט!...

און לאַנג־לאַנג האָב איך נאָכגעטראַכט אויף דעם קליינינקען אינצידענט מיט'ן ניגערעל, און די גאַנצע וועלט מיט איר נאַקעט־קייט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגען און כ'האָב דערזען א מיאוס'ן, אָפּשטויסענדען „סקעלעט" וואָס דערמאַנט אין עפּעס רעכטס, לעבעדיגס, שאַפענדעס, בויענדעס, גרויסעס!...

א סקעלעט! א סקעלעט! די וועלט אונזערע — א סקעלעט! ניטאָ קיין פליישׁ, קיין מאַרך, קיין גלאַנץ, קיין באַוועגונג, נאָר ביינער וואָס דערמאָנען אין עפּעס און ניט מער!...

און די מענטשען־סקעלעטען לויפען, יאָגען, ווי טויזענטער מע־כאַניזמען צו וועלכע מ'האָט צוגעמאַכט ספּרוזשינעס זיי זאָלען זיך קענען באַוועגען.

דאָס קליינע ניגערעל.

דאָס קליינע ניגערעל האָט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו זען די וועלט אין איר גאַנצער „מדבר־פאָרם". ווי עלענד, הילפלאָז, קליין און נישטיג די מענטשען זיינען!

זיי האָבען קיין צייט ניט צו באַמערקען ווי א קינד ליגט אונ־טער זייערע פּיס און קלאָגט, וויינט, בעט זיך!

ווי זשע קענען זיי באַמערקען אַנדערע ליידען, ווייען און קרעכ־צען וואָס קומען פאַר וויימער פון זייער נאָז?...

זען זיי טאַקע ניט! זיי זיינען בלינד, טויב און האָבען ניט קיין האַרץ, ניט קיין נשמה, ניט קיין געפילען — סקעלעטען!!!

א וועלט מיט סקעלעטען! סקעלעטען! סקעלעטען!

און ס'כאַפּט אָן אַזאַ נישט־גוטקייט, ווען מען דערזעט אויפ'ן אָרט פון מענטשען אַזוי פיל סקעלעטען...

ווען אַמאָל געשען א וואונדער און די „סקעלעטען" וועלען קריגען לעבען און אָנהויבען האַנדלען ווי מענטשען, טאַקע אמת'ע מענטשען, ניט אַזוינע, וועלכע לויפען פאַרביי דאָס ניגערעל און קוקען זיך ניט אום?... אָדער די וועלט וועט שוין אייביג אַזוי זיך וויקען אין צעקראַכענער געפאַלענקייט און זיין איבערפילט מיט מענטשען, וועלכע דערמאָנען אין — סקעלעטען?!

——<>——

דער קליינער ברויט־געבער

אין גאנצען איז ער צען יאר אלט, אבער דעם עול פון פרנסה האט ער שוין ווי א גאר גרויסער.

אויפ׳ן אויסזען איז ער מאגער, און מער ווי א יאר אכט קען מען אים נים געבען. צערעדט מען זיך אבער מיט אים, מיינט מען, אז ער איז שוין באלד א פערציג־יעריגער.

ארבייטען ארבייט ער ביי א פעדלער פאר זיבען דאלאר א וואך.

און אזוי ווי איצט איז „נאך סקול", איז ער פארנומען פון גאנץ פרי ביז שפעט אין דער נאכט.

ער העלפט פארקויפען באנאנעס. שרייען האט ער זיך אויסגעלערנט אקוראט ווי זיין באלעבאס.

ער לערנט זיך, אין אלגעמיין, פיל זאכען פון זיין באלעבאס, באטש צופיל גוטעס און שיינעס קען ער זיך ביי אים נים אויס־לערנען.

וואס זאל מען אבער טאן?

טאטע־מאמע זיינען ארימע־לייט און מען קען נים געבען די קינדער וואס זיי דארפען, אפילו נים גענוג ברויט.

אחוץ דעם זיינען דא נאך קליינווארג און יענע קענען נים גיין ארבייטען — מיידלאך.

איז ער דער איינציגער אויסהעלפער ביי טאטע־מאמע.

ארבייט ער, געבער, שווער און ביטער!

זיין יונג פנימ׳ל איז שוין צעאקערט פון זארגען, און קנייטשען מערקען זיך שוין וואו נים וואו.

און ארבייטען האט ער בעסער ליב ווי צו גיין אין סקול.

וואלטען אים טאטע־מאמע געגעבען פון אלעס, איז ער שוין גאר א ליבהאבער פון סקול. אבער שטענדיג איז נאך קריגערייען אין הויז. די מאמע באשולדיגט דעם טאטען, אז ער פארדינט נים גענוג און גיט אים אויך א פאר קללות.

דער טאטע, ווידער, איז שטענדיג פארביטערט און קיין גוט

ווארט הערט מען ניט פון אים; רק ער ווארטשעט און איז גרייט זיך צו ווארפען ווי א טיגער אויף יעדען איינעם.

פילט ער זיך, דער קליינער ברוסט־געבער, טאקע בעסער, ווען ער ארבייט.

דער טאטע האט אפשיי; ער ברייננגט אריין זיבען דאלאר א וואך אחוץ באנאנעס.

און ער איז ביי זיך גאר געהויבען, אייבי: דער טאטע רעכענט זיך מיט אים ווי מיט א גרויסען.

אפט, אווענט־צייט, ווען אייבי קומט פון דער ארבייט און דער טאטע זיצט שוין מיט די נאקעטע הענט און ארויסגעסטאר־טשעט הארץ און איז עפעס פארזארגט, דערציילט ער דעם פאטער פון ביזנעס־אנגעלעגענהייטען, און זאגט אים צו, אז גאר אין גיכען וועט ער אליין אנהויבען פעדלען פאר זיך, און דעמאלט קען ער מאכען צוויי אדער דריי מאל אזוי פיל.

דער בליק ביים פאטער לייטערט זיך אויס און ער דערפילט אין אייבי׳ן א גרויסע הילף אין דער צוקונפט.

די מאמע גיט אים א בעסערן ביסען און זעט אין אלגעמיין, אז ער זאל זיך פילען גוט, ווייל ער איז דאך עפעס א פארדינער.

אייבי דערלויבט זיך גאנץ אפט צו ברייננגען זיינע קלענערע ברידערלאך און שוועסטערלאך א מתנה, מעשה גרויסער.

און זיי קוועלען אז דערפון, די קליינוואַרג.

זונטאג איז אייבי גאר איז גאנצען אן אנדער מענטש.

ער צייגט ארוים זיין זעלבסטשטענדיגקייט, וואס ער נעמט מיט זיין מאמען און די עלטערע שוועסטערל אין קוני איילאנד.

זיין מאמע ליידט, נעבאך, פון רומאטיזם און זי וואלט זיך געדארפט באדען אלע טאג אין ים, אדער גאר אין ווארימע זאלץ־וואסער.

זונטאג, ווען ס׳איז נאך גרוי אין דרויסען, זיינען שוין אייבי, זיין מוטער און די שוועסטערל אויף די פיס.

מ׳קויפט איין אין א דעליקאטעסען־סטאר פון אלעם גוטען, און היידא מיט א גרויסען „טראק" צום אינזעל, וואו מ׳קריגט פארגעניגען אויפ׳ן פוד.

מ׳ליידט זיך היבשלאך אז דורכ׳ן טאג, מ׳ברענט זיך אז אויף

דער זון, מ'קאטשעט זיך אין זאמד, מ'עסט זיך אן מיט די ברע־נענדיגע „עסענס" און מ'טרינקט זיך אן מיט גענוג סאדא־וואסער.

פארנאכט קומען זיי צוריק פארמאטערט. ווי נאך א שלאכט. און מ'איז צעפרידען: די מאמע וועט קענען דערציילען אירע שכנות פון טויזענט און איין נאכט.

אייבי וועט זיך קענען בארימען פאר זיינע חברים, באים; און די שוועסטערל וועט איבערגעבען אירע חבר'טעס פון דער „גוד־טאים", וואס מ'האט געהאט אין קוני איילאנד.

מאנטאג פרי איז שוין אייבי ווידער א פערדעל און שלעפט די פושקארט מיט די באנאנעס.

ער שרייט הויך אויפ'ן קול:

„באנאנעס! באנאנעס! ביליג! טשיפּ!! קויפט! שנע־לער אהער!"

און זיין באלעבאס זעט אויס ווי אן אלטער, פארמוטשעטער פערד, פון א גרויסען יחוס אבער: דאס פערד איז אמאל געווען אן ארמיי־פערד און געקענט אלע קונצען, פארשטאנען סיגנאלען און זיך געלאזט אין גאלאפּ, ווען דער רייטער האט אים א קיצעל געטאן מיט די שפּארען.

איצט אבער פירט מען מיט אים וואסער, אדער אן ארימער פעדלער פירט מיט אים וואטערמעלאן צו פארקויפען.

אייבי'ס באלעבאס איז אויך אזוי: אמאל אין די יונגע יארען, איז ער געווען א כוואט, געקענט שלעפען די שווערסטע פושקארט. היינט איז/ער אן אויסגעדינטער פערד, קוים וואס ער שלעפט די פושקארט.

צייטנווייז, אבער, ווען עס קומט אן א מאמענט פון עראינע־רונגען, טוט ער א כאפּ די פושקארט און צעלאזט זיך, ווי דער אלטער, קראנקער פערד, ווען ער דערהערט פלוצלונג א סיגנאל פון א טרובע.

ער לאזט זיך גאוה'דיג אין גאלאפּ, הויבט מיט ארמייאישען גדלות דעם קאפּ...

אט אזוי גייען אוועק די טעג ביי אייבי'ן מיט זיין באלעבאס ארום דער פושקארט מיט די באנאנעס.

איידער אייבי איז געווארען א פארדינער, האט ער ליב געהאט צו לעזען ביכער און האט זיך אינטערעסירט מיט שריפט־זאכען.

סקול האט ער אויך געגליכען און האט געקראגען גוטע מארקס (אטמעטקעס). אבער זינט ער איז געווארען א פארדיגער און האט דערפילט דעם טעם פון א טאלער, איז געווארען אויס!

אייבי לייענט ניט, לערנט נים, אינטערעסירט זיך נים מיט קיין זאך, וואס האט א שייכות צום בוך.

ער איז אוועק אין אן אנדער ריכטונג: פושקארט, באנאנעס, פערד, מארקעט און — טאלערס.

„אי דאנ'ט קער פאר סקול עני מאר (איך קער נים פאר סקול מער) — זאגט ער אפט — „מאני דהאט'ס ווהאט אי לאיק!"

און ער קליידט זיך שוין אויך מעשה גרויסער: א שיינעם קאסטיום, א גוטען טאי און געלע שיך.

און צייטענווייז זעט מען אייבי'ן פארפוצט ווי א „שררה", מיט א סיגארעטעל אין מויל.

און ווען ער פארציט דעם רויך און לאזט אים ארויס פון מויל, פילט ער, אז ער האט עפעס א שטיקעל ווערט אויף דער וועלט — דער קליינער פארדינער.

שטיוועל־פוצער

(אן אמת'ע פאסירונג)

זיץ איך מיר אין פארק. אלעס איז ארום מיר גרין. איך ציארייז די לופט מיט אלע כוחות: דער דאקטאר האט מיר אזוי גע־הייסען. וואס מער פרישע לופט, זאגט ער, אלץ בעסער פאר די לונגען; וואס מער גוטע, פרישע שפייזען, אלץ געזינטער פאר'ן קערפער; וואס ווייניגער שווערע ארבייט, אלץ בעסער פאר'ן בלוט, פאר'ן גייסט... גאר קיין נאר ניט, דער דאקטאר מיינער! א גאנץ וואויל „מענטשעלע"... און וואס מער „טאלערס" — אלץ בעסער פאר'ן דאקטאר...

זיץ איך מיר אין פארק, איז אויף מיר דערפאר מיין אידענע

בייז און קאפריזנע (און זי איז גערעכט אויך) — ס'געהערט אביסעל! אזא געזונטער איך, קיין עין הרע, זאל עס טאן! א האנט אין קאלט וואסער וויל ער ניט ארייננטאן! אי, איך וואש אוים די „פלארס" אלע טאג, צעוואש דאס געפעס, „די דישעס", מיין איך, און ניאנטשע דעם קליינינקען? נאר דאס איז ביי א ווייב קיין ארבייט ניט! געלט, געלט! גיב זיי געלט! די געשוואלענע „פייר־דעמ" אהער! דאמאלסט ביזטו אן אנגעלייגטער פארשוין אין הויז. אבער אזוי איז ניט אי־אי־אי! א מאן איז דאך געגליכען צו אן אייזעל; אן אייזעל ארבייט אזוי לאנג ביז עס פגר'ט, און א מאן ארבייט אויך לאנג ביז ער לייגט אן מיט'ן ראש!...

זיץ איך מיר אין פארק. די זון שיינט, פרעגעלט, און אויפ'ן הארצען איז גראדע אזוי קאלעמוטנע, ווינטערלאך, שנייאיג, זאַ־ווערוכעדיג... שוין אזא לאנגע צייט ניט געטאן קיין שטאך ארבייט און גאט אין הימעל ווייסט, צי איך וועל נאך ווען עס איז קריגען ארבייט...

זיץ איך מיר אין פארק. שא, שטיל, ווי אין מיטען דער וואך אין א פארוואָרפען ווינקעל ערגעץ... עטלאכע ווייבער זיצען און פלעכטען „סוועטערס" אויף ווינטער... (האבען קיין צייט ניט). א צוויי־דריי יונגע ווייבלאך מיט די קערעדזשלאך און שיינינקע קינ־דערלאך געפינען זיך אויך אין פארק. דער פארק־אויפזעער דרייט זיך ארום מיט א שטעקען און ביים ענד פון שטעקען א טשוואָק, מיט וועלכען ער קלייבט צענויף די שטיקלאך פאפיר. און אפט קומט צו א איגנעלע, וואס פוצט שיך און באט אן זיין ארבייט.

— מיסטער, אפשר ווערסטו אפפוצען דיינע שיך? — פרעגט מיך א קליין, דאר. שוואך איגנעלע.

— ניין, — ענטפער איך — איך האב זיי ערשט אליין אפ־געפוצט.

ניין, איז ניין! און ער איז אוועק ערגעץ אנדערשוואו אנ־באטען זיין דינסט.

— מיסטער, אפשר ווערסטו זיך לאזען אפפוצען דיינע שיך?— פרעגט מיך אן אנדער איגנעלע, אין שרעקלאך אומריינע קליידער.

— צום באדויערען, — ענטפער איך — ערשט נעכטען האב איך זיי אליין אפגעפוצט.

— ניין, איז ניין, און ער איז אוועק ערגעץ אנדערש זוכען א געלעגענהייט.

— מיסטער, אפשר וועסטו זיין א גוטער און זיך לאזען א פוץ טאן די שיך ? — פרעגט מיך א קליין ניגערל מיט אזא טרויעריגען קול'כעל — וועסט זען, ווי גוט איך ארבייט. איך וויל ניט קיין סך, איין גאנצען א ניקעל און ארבייט וועל איך דיר געבען פאר צען סענט די ווערט...

גיב מיר א געלעגענהייט, מיסטער, איך האב א קראנקע מאמע. מיין טאטע איז דער'הרג'עט געווארען פון אן עקסידענט... און עסען מוז מען, ווייל דער מאגען מאנט און וויל ניט וויסען, צי ס'איז דא, צי ס'איז ניטא.

— אלרייט, אינגעלע, — זאג איך — גיב מיר א שיין, — און איך לייג אוועק מיין פוס אויף זיין „ווערקשטאט". וועלכען ער טראגט מיט זיך... און ער ארבייט מיט זיינע שוואכע הענטעלאך. מאגער ווי שטעקעלאך, סאפעט אזוי שווער און פלייסט זיך צו מאכען א גוטען „דזשאב"...

— ווי אלט ביזטו, אינגעלע ? — פרעג איך ביי אים.

— ניין יאר — ענטפערט ער מיט א זיסען שמייכעל אויף זיינע פולע, רויטע ליפען...

— איך ארבייט שוין דריי יאר ביי מיין ארבייט — טוט ער צו מיר א זאג מיט א געוויסען שטאלץ...

— פארדינסטו א סך ? — פרעג איך ביי אים.

— גאט צו דאנקען, מ'מאכט א לעבען.

— און וואס טוט דיין מאמע ? — פרעג איך.

— מיין מאמע וואשט וועש אין רייכע הייזער.

— וואו וואוינט איר ?

— אין פרינס סטריט, אין א סעלער. מ'רייסט די הויט פאר רענט — באקלאגט זיך דאס שוואכע ניגערל...

— שוין פארטיג ! א גוטער דזשאב, ע ? — שמייכעלט ער ווידער און זיינע ווייסע ציין טוען א בלאנק אויף זיין שווארצען אבער זייער קלוגען פנים'ל...

— שווער, שווער צו לעבען אויף דער וועלט — פילאזא־פירט דער בחור'ל מיט מיר.

ניטא קיין יושר, קיין מיטגעפיל, קיין רחמנות.
איך נעם ארויס א צען סענט־שטיק און גיב אים.

— ביזט א גוטער אינגעלע, נעם דאס געלט און קויף זיך עפעס דערפאר.

— א, ניין, פריינד — טוט ער א זאג מעשה גוטער ברודער — איך גיב אפ אלעס צו מיין מאמען. מ׳מוז דאך לעבען. און אויב איך וועל פארספענדען דאס געלט, וואו וועט מען נעמען צו באצאלען דעם לענדלארד, וואס רייסט די הויט, נוי א גזלן?...

— ביזט געדעכט, ליבער אינגעלע! גיב דאס אוועק דיין מאמען.

— הלואי וואלט איך שוין א גרויסער געווען, וואלט איך גע־גאנגען ארבייטען ערגעץ אין א פאבריק, ווייל מיין מאמע איז אזוי קראנק. דאקטוירים זאגען, אז זי האט „קאנסאמפשאן" — בא־קלאגט זיך פאר מיר דער ארימער, קלוגער ניגערל.

— א גוטען טאג, א גוטען טאג, מיסטער! כ׳דארף גיין פארדינען.

און ער האט שוין גענומען גיין, אבער ווי פון דער ערד זיינען ארויסגעוואקסען נאך עטלאכע קליינינקע שטיוועל־פוצער און ארומ־גערינגעלט דעם ניגערל.

— פוילער ניגער, וואס דו ביזט! — האבען זיי אנגעהויבען ליארעמען — דו נעמסט ביי אונז צו די ארבייט!

— שעמען מעגסטו זיך, וויימער — זאגט איינער צו מיר — וואס אים האסטו געגעבען דיינע שיך אפצופוצען און אונז ניט!

— מיר וועלען דיר צייגען, דו פאסקודנער ניגער! קאליע מאכען אונז די ביזנעס!...

— אלע ניגערס זיינען פוילע, ווילען ניט ארבייטען און מאכען קאליע א צווייטען — האט זיך א ווייסינקער צעווערטעלט.

— מאכט ניט אזא ליארעם, נאראנים, וואס איר זיינט! — האב איך זיך אויף זיי צעשריען — ער מאכט אייך ניט קאליע די ביזנעס. ער איז א וואוילער אינגעלע און איז בארעכטיגט צו מאכען א לעבען פונקט ווי איר!

— יא, אבער זיי זיינען ניט קיין פיינע מענטשען, די ניגערס!

— ווער האט דאס דיר געזאגט?

— וואס הייסט ווער? מיין טאטע, מיין מאמע, אלע זאגנ דאס!

— ניין, קינדער, — האב איך געפרובירט מיט א ווייכנ טאנ געבנ זיי צו פארשטיין — אלע מענטשנ זיינג גלייך, האבנ א רעכט צו לעבנ און געניסנ פונ׳ם לעבנ... מ׳דארף ניט באליי־דיגנ א צווייטנ, ס׳איז א זינד!

— ווייס איך וואס ער פלאפלט דארט! — איז איינער ארויסגעשפרונגנ א בייזער — די ניגערס זיינג פאסקודנע מענ־טשנ און מ׳דארף זיי אויס׳הרג׳ענעו! און דו ביזט א „באלשע־וויק" — האט ער צו מיר געזאגט, און די גאנצע חברה איז אנט־לאפנ, מורא האבענדיג, ווייזט אויס, אז איך זאל זיי ניט שלאגנ.

— וואס זאגסטו אויף זיי? — האב איך א פרעג געטאנ דעם ניגערל.

— וואס זאל איך זאגנ? גארניט און פארטיג. זיי זיינג ווילדע מענטשנ און אונז „שווארצע", ווילנ זיי אומברייגנגנ! מילא, גאט וועט זיי באשטראפנ! זאגט מיר, מיסטער, איז דא א גאט?

— געוויס איז דא, — האב איך גלייך געענטפערט — און ער וועט די „רשעים" באצאלנ ווי זיי קומט!...

— יא, יא, מיין מאמע זאגט אויך דאס זעלבע, וועג זי לייענט די „בייבעל" — האט ער האסטיג א זאג געטאנ און איז אוועק.

שטיל. איך בינ ווידער אליין. די זונ שיינט, און די בוימער האבנ זיך צערעדט אויף זייער שפראך, א ווינטעלע וויעט, פיעס־טשעט זיך און אויפ׳ן הארצנ איז אזוי שווער, שווער...

———<>———

אן אויפשריפט

אין א גאס פון שטאט נ. שטייט, ווי אין אייביגנ דרימעל, א פאלאץ.

אזוי וואלט ער קיין שום אויפמערקזאמקייט ניט געצויגנ,

ווען א געוויסער אויפשריפט וואלט ניט ארונטערגעקוקט פון אים מיט אזא שטאלץ און גלאנץ:

„דורך דיזען אפענעם טויער קומט קיינער ניט צו פרי און קיינער — צו שפעט“!...

און ווער עס גייט פארביי דעם טויער שטעלט זיך אפ און לייענט עס איבער.

בריליאנטענע ווערטער! זיסע ווערטער!

„קיינער איז ניט צו פרי און קיינער — צו שפעט“!

און מערקווירדיג, א שטיק צייט האב איך קיינעם ניט באמערקט אין פאלאץ.

פונקט ווי א מלאך־האנט, וואלט זיך ביינאכט ארונטערגעלאזט פונ׳ם הימעל און אנגעשריבען די צוציענדע, טרויסטענדע ווערטער!

און עס האט זיך אזוי שטארק געוואלט א קוק טאן אויף די מענטשען, וועלכע פארמאגען דעם דאזיגען פאלאץ.

זענען זיי אוים ווי אלע בשר ודם׳ם?

זיינען זיי ניט ענלאך צו גאט...

אין דער אמת׳ן ווי קענען עס אויסזען מענטשען, וועלכע שרייבען אן אזעלכע ווערטער פונקט ביים אריינגאנג אין פאלאץ!

און די צייט לויפט זיך דערווייל און קאטשעט זיך אריין אין ים פון אייביקייט.

און עס איז אויך ניט צו פרי און קיינמאל ניט צו שפעט!

דער ים פון אייביגקייט שלינגט געמיטלאך איין אלעס, אלץ וואס עס קומט אונטער׳ן האנט...

און דער פאלאץ שטייט, ווי א פארצייטיגער ריז, און דערציילט, אויף וואונק־לשון, פון אזוי פיל זאכען, אבער ניט יעדערער פארשטייט די שפראך פון וואונק־לשון, ספעציעל פון א פאלאץ, וועלכער האט אין זיך איינגעזאפט סודות פון עטלאכע דורות...

און דער אויפשריפט לאזט ניט פארבייגיין קיין מענטשען, וועלכער קען זיך נאך מיט עפעס פאראינטערעסירען, ער זאל זיך ניט אפשטעלען און א טראכט טאן:

„הא! וואס! אזוינע ווערטער אין מיטען אזא וועלט פון יאגעריי, שווינדעל און באטרוג?!...“

אפילו א שכור, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען אויף די

פיס, האט עס אויך פארכאפט און ער האט, אין א שכור־דיאלעקט, א זאג געטאן:

„קיינער קומט ניט צו פרי און קיינער — צו שפעט!“

„אבער ווער פארשטייט עס אזעלכע ווערטער?“ — פרעגט ער מיך מיט א שכור'ן שמייכעל...

איך ענטפער ניט, אבער איך עס זיך איין מיט מיינע אויגען אין שכור'ס געזיכט און וויל געפינען עפעס אזוינס, וואס זאל מיר פארענטפערען זיין קלוגע פראגע:

„ווער פארשטייט היינט אזעלכע ווערטער?... ווער???“

און אין א קורצער צייט ארום האב איך זיך איבערצייגט אין דער אויפריכטיגקייט פונ'ם שכור'ס ווערטער.

שכור'ערהייט האט ער געקענט ארויסזאגען גיכער דאס וואס מיר „ניכטערע“ קענען ניט.

אן ארימע שכנה פון יענעם געגענט, וואו דער פאלאץ געפינט זיך, איז צוגעפארען מיט אן אלטען קערעדזש, אין וועלכען עס איז געלעגען א קראנק קינד.

דער דאקטאר האט שטריינג אנגעזאגט, אז זי זאל מיט'ן קינד נאר זיין אויף דער לופט!

איז זי צוגעפארען מיט'ן קינד צום פאלאץ, וואו די לופט איז ריינער. ארום און ארום איז דער גאנצער שטח באדעקט מיט גרין גראז, ווי מיט א פלושענעם טעפיך, בוימער אלטע, דיקע, שוין העכער א הונדערט יאר אלט געווים, באשיצען דעם פאלאץ פון די ברענענדיגע זון־שטראלען און פויגעלאך זינגען מיט זייערע פרעכ־טיגע שטימעלאך שירה צו גאט, צו דער נאטור און פארוויגען זיי־ערע קליינע פויגעלאך אין די ווייכע נעסטען...

די ארימע מאמע איז צוגעפארען מיט'ן קראנקען קינד און זיך אוועקגעזעצט אונטער א בוים ניט ווייט פונ'ם פאלאץ.

זי וואלט פיליכט ניט געוואגט דאס צו טאן אויף אן אנדער פלאץ, אבער „דער אויפשריפט“ האט זי דערמוטיגט:

זיי לאדען איין יענעם אין הויז אינווייניג און זי וועט איר קראנק עופה'לע נאר האלטען דא אונטער'ן בוים.

און דאס קראנקע קינד וויינט, כליפעט: עס טוט אים ווי

דאס קעפעלע, דאס בייכעלע, עס איז אפגעצערט פון ארימקייט און דחקות...

דאס געזאנג פון די פויגעלאך האט אבער זייער גוט געווירקט אויפ'ן געמיט פונ'ם קינד און עס איז אנטשוויגען געווארען, ווערענדיג פאמעלאך אריינגעכאפט אין נעץ פון זיסען שלאף ביז, ביז עס האט צוגעמאכט די מידע אויגעלאך און איינגעשלאפען...

די ארימע מאמע האט זיך איינגעגעסען מיט איר בליק אויפ'ן קינדס פנים'על, דערזען ווי געל און בלאס עס איז, און פון אידע ניט אויסגערוטע אויגען האט זיך א טרער, א הייסע, זודיגע, ארונטערקעקייקעלט אויפ'ן גראז ניט ווייט פון גרוי־אלטען בוים און געבליבען הייגען אויף א גרעזעלע ווי א טוי־טראפען אדער ווי א דימענט און שא !... א ווינטעלע האט זיך א וויג געטאן, זיך אנגעהויבען שפילען מיט די בלעטער, קושען זיי, לאסטשען, און איין גרין בלעטעלע איז ארונטערגעפאלען גלייך צום קינד אין וויגעלע און זיך אוועקגעלייגט לעבען קינדס בעקעלע.

א שמייכעלע האט זיך באמערקט אויפ'ן קינדס פנים'על, ווייזט אויס, א זיסער חלום האט איינגעהילט זיין נשמה'לע און דער ארימער מאמען איז אויף „א מינוט" געווארען גרינגער...

אבער ? !

ווי „א נישט־גוטער" וואלט זיך פון ערגעץ פלוצים ארויסגערוקט, אזוי איז פונ'ם פאלאץ ארויסגעגאנגען אן אלטיטשקער און מיט א קול ווי פון א שד א זאג געטאן ביין :

„ווער האט עס דיר דערלויבט דא זיך אוועקצוזעצען און צעטרעטען דאס גראז ? גיי פון דאנען. עס איז מיין פאלאץ און איך וויל ניט דו זאלסט דא זיצען !..."

דאס קראנקע קינד האט זיך אויפגעזעצט, ווי פון א קאשמאר געטריבען, און אנגעהויבען וויינען מיט א מיד, קרייגקלאך קול'כעל...

די ארימע מאמע האט זיך א פארשעמטע און באליידיגטע אויפגעהויבען און מיט וואקלענדיגע טריט, ווי א שכור'ע, אוועקגעשלעפט דעם קערעדזש ערגעץ אנדערשוואו.

און דער פאלאץ שטייט און קוקט, ווי א פארצייטיגער ריז, און זאפט איין אין זיך די מעשים און האנדלונגען פון דורות און ביים אריינגאנג אויפ'ן מויער איז אויסגעקריצט דער אויפשריפט :

„דורך דעם דאזיגען אפענעם טויער קומט קיינער ניט צו פרי און קיינער ניט — צו שפעט!..."

אזא איראניע! אזא שפאס!

וואו האבען זיי גענומען די העזה נאך אזוי חוזק מאכען פון מענטשען און אנשרייבען אזוינע ברילאנטענע ווערטער ביים אריינגאנג אויפ'ן טויער?

„קיינער ניט צו פרי און קיינער — צו שפעט!..."

און ערשט איצט הויב איך אן ניכטערער צו פארשטיין די ווערטער פונ'ם שכור, וועלכער האט אין זיין שכור'ן דיאלעקט געזאגט:

„ווער פארשטייט אזעלכע ווערטער?..."

קיין ניכטערע געווים ניט.

דער לאקיי.

א שיינער זומער פרימארגען. דער הימעל זעט אויס ווי נארוואס אויפגעשטאנענע פון שלאף. אויף די גאסען אבער איז שוין ראשיג און טומעלדיג. אויטאמאבילען לויפען הין און צוריק: א הוזשעריי, א טרומייטעריי, — הית זיך: דער טויט איז לעבען אייך!...

לעבען א גרויסען „דעפארטמענט סטאר" שטייען אויסגעשטעלט גרויסארטיגע אויטאמאבילען — אין זיי פארען רייכע, פעטע, אנגעפרעסענע... זיי זיינען אריין אינווייניג קויפען זאכען פאר זייער ווירטשאפט.

פאר זייער באקוועמלאכקייט האט מען געדונגען מענטשען, וועלכע מ'רופט „לאקייען". העלפען די רייכע ארויסקריכען פון די אויטאמאבילען, עפענען פאר זיי די טירלאך, אדער זיי העלפען אריינקריכען, אקוראט ווי זיי וואלטען געווען קאליקעס און ניט געקענט זיך רירען...

שטייט אזוי איינער פון די לאקייען אויף זיין פאסטען און וואַרפט מיט די אויגען, טאמער וועט ארויסגיין א גנעדיגער האר אדער הארינטע און ער וועט עפעס קריגען פאר זיין ארויסהעלפען זיי.

מ'איז דאך אבער ניט מער ווי א מענטש, און די זון שיינט אזוי מחיה'דיג; מענטשען שטראמען הין און צוריק; אויטאמאבילען גליטשען זיך, ווי טאנצענדיגע פארלאר, אויפ'ן גלאטען וועג... נו, נו, פארגעסט מען זיך אויף א מינוט, אז מ'איז א לאקיי און מ'פארקוקט זיך, מ'פארטראכט זיך.

שטייט זיך אזוי דער לאקיי און איז פארטראכט. אפשר האט ער גאר געטרוימט אין דער מינוט גראד פון עפעס שיינס, מענטשלאכעס... ניט לאקייאישעס?... אפשר האט ער זיך פארביינקט נאך זיין פאמיליע? אפשר האט ער זיך דערמאנט אין א חנ'דעלע, וואס זיין קינד מאכט אפט? אפשר האט ער גאר א ציטער געטאן „אין זיך" אוים שרעק זיין א קינד זאל, חלילה" ניט אריבערגעפארען ווערען פון א מחבל — א מאשין?... ווער קען עס וויסען אקוראט וואס א מענטש קען טראכטען, ווען ער טראכט!...

דערוויל זיינען פונ'ם סטאר ארויסגעגאנגען עטלאכע דאמען און זיך געלאזט מיט שנעלע „טאנצענדיג-רייכע" טריט צו זייער אויטאמאביל.

און דער לאקיי איז אלץ פארטראכט, פארטיפט אין זיינע מחשבות.

זיי זיינען צו צום אויטאמאביל, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, ווי איינער רעדט: וואו ביזטו עס, שקלאף? ווארום היטסטו ניט אפ יעדען איינעם, וואס גייט ארויס פון סטאר, — ביזט דאך א לאקיי!?

נאר זעענדיג, אז ער גיט זיך קיין ריר ניט, האבען זיי מיט בייזע צעקרימטע פנימ'ער אויפגעעפענט דאס טירעל פון מאשין און אריין אינווייניג.

דערוויל האט זיך דער לאקיי אויסגעטשוכעט פון זיינע געדאנקען און אויסגעדרייט זיין קאפ.

אהא!? און ער האט זיך מיט „לאקייסקע טריט" געלאזט כמעט לויפען צום אויטאמאביל, פלינק האט ער א כאפ געטאן דאס טירעל און עס עלעגאנט מיט אן הכנעה'דיגען בויג, פון א גענייטען לאקיי, געוואלט צומאכען. איין דאמע אבער מיט א ברייטער פעטער מארדע, ווי ביי א „מאפסי-הונט", האט אים מיט א פאראכטליכער מינע אפגעשטופט, זאגענדיג אין א פאנפעוואטער שפראך

דערביי: — אָל־ראיט! אָל־ראיט! — און אליין פארמאכט האָס־טיג דאָס טירעל.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך צערעוועט, ווי אַ צערייצטע חיה, אַרויסגעלאָזט אַ „ריח ניחח" גלייך דעם לאָקיי אין פּנים אַריין — אַ דאַנק פאַר זיין טרחה... און מיט נגיד'ישען עזות זיך אוועקגע־גליטשט, קאָטשענדיג זיך, ווי אַ „פעטע קאַטשקע". אין איר גאַנג...

ווי פאַרגליווערט איז דער לאָקיי געשטאַנען נאָך אַ פּאָר סע־קונדען, עפּעס ווי נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע, און אויסשפּייענדיג האָס־טיג מיט אַ געלער מאַסע פון „טשואינג־טאַבעקאָ", אַזוי אַז ער האָט מיך שיער אָפּגעבאָדען, אַרויסגעמורמעלט: „טו העל וויטה דעם" (צום טייפעל מיט זיי!) און מיר צוגעוואָרפען אַ „עקסקיוז מי"... און — אַ שעלמישען וואונק מיט'ן אויגעל, ווי איינער רעדט: — וואָס זאָגסטו עפּעס דערויף, הא?...

ניט ווילענדיג האָב איך אַ שמייכעל געטאָן און אים אָפּגעענט־פערט מיט'ן זעלבען קונציגען וואונק. ניט מער, זיין וואונק איז אַרויס גלאַטער און עפּעס ווי צוגעפּאַסטער צום גאַנצען רימעל...

<>

דער אויל־קלאָט

אַז עס ליגט אַ שיינער אויל־קלאָט אויפ'ן פלאָר איז זייער שיין, אָבער אַז אַ קבצן קען זיך ניט צוטיילען דעם פאַרגעניגען, איז טאָקע ניט גוט.

האָבען די פאַמיליע דזשייקאָבס געוואוינט אין זייערע רומס און קיין אויל־קלאָט איז ניט געווען. ס'האָבען געפעלט אַ היבש ביסעל נאָך זאַכען, און וועלכע ס'איז שווער זיך צו באַגיין. אָבער אַז מ'מוז איז דאָך ניט שייך צו זאָגען...

מער פון אַלעמען, האָט, נאַטירלאָך, געליטען מיסעס דזשיי־קאָבס. דאָס וואָשען די פאָדלאָגע איז ממש אַן אָפּקומעניש פאַר איר. וויפיל מ'רייבט ניט מיט דער שמאַטע איז אַלץ ניט גוט. מוטשעט זי זיך שוין גוט אַן און וואָשט שוין ווי עס איז אויף די פאַרבלאָטיגטע ברעטער און זיי זען אויס, ווי געלבלאָך פון אַן

איי, איז אבער אין א האלבער שטונדע ארום באלד דאס אייגענע; ווידער שווארץ און בלאטיג.

האבען זיי אזוי פאמעלאך אפגעוואוינט אין זייערע פאלאצען עטלאכע יאר און זיך אלע שבת פארנאכט, ווען דער מאן האט גע־קראגען די „פיידע" געקליבען זיך גיין קויפען אן אויל־קלאט.

זיי האבען זיך געקליבען און די צייט האט זיך אויך גע־קליבען.

דערוויל האט זיך געמאכט, אז איינע פון די שכנים זיינען עפעס, ווי דורך א נס, אויפגעריכט געווארען און זיך ארויסגעצווי־גען אין א שענערען געגענד.

די פאמיליע דזשייקאבס האט דערשמעקט די נייעס און זיי זיינען גלייך אוועק צום לענדלארד זיך איינבעטען אויף א שטאק העכער.

און ווער וויל דאס ניט דערהויבען ווערען?

און דער לענדלארד, ניט קיין שלעכטער מענטש, האט געגע־בען די געלעגענהייט צו די דזשייקאבס זיך ארויפצוציען א ביסעלע העכער.

ווען יענע פאמיליע איז אוועקגעפארען, זיינען די דזשייקאבס ארויף א קוק טאן אויף די „פאקאיעס" און — שטעלט זיך פאר, אז אין קיך האבען זיי דערזען ליגען אן אויל־קלאט...

מיסטער דזשייקאבס האט בגנבה געכאפט א קוק אויף מיסעס דזשייקאבס, און זי האט גע'גנב'עט בליקען אויף אים און זייערע הערצער האבען זיך געפרייט פון דעם גליק.

און דער אויל־קלאט איז געווען ניט אבי וואס פאר אן אויל־קלאט, נאר א היסטארישער.

קאלירען פון כל הסארטען האבען זיך געמערקט; און נאך די פארבען האט מען געקענט וויסען וועלכע נאציאנאליטעטען ס'האַ־בען געוואוינט אין דער הויז.

אידען, פאליאקען, איטאליענער און ווער קען זיך עם דורכ־קלייבען דורך אזוי פיל פארבען־שטריכען.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, די דזשייקאבס פאמיליע איז העכסט צופרידען: פארווירקלאכט געווארען א טרוים אן בויכוויי־טאג...

און זיי האבען זיך מיט מזל ארויפגעצויגען ארויף.

די מיסעם דזשייקאבס האט גלייך א וויש געטאן דעם אויל־קלאט; און גאט, ווי ליכטיג ס'איז אין יעדען ווינקעלע.

און די פיל־פארביגע קאלירען האבען זיך ערשט בולט ארויס־געצייגט.

לעבען אויווען איז געבליבען א שטיקעל אויל־קלאט נאכ'ן גע־שמאק נאך פון איטאליענער: רויטע קוויטלאך און בלויע פאסעק־לאך אינמיטען.

לעבען סינק איז געבליבען א שטיקעל אויל־קלאט נאכ'ן גע־שמאק נאך פון פאליאקען: גרינע קעסטעלאך מיט פליגעלאך וואס פליען ממש ארונטער פאר אייערע אויגען.

אונטער'ן טיש איז געלעגען א שטיקעל אויל־קלאט נאכ'ן גע־שמאק נאך פון אידען: ווייסע רינגלאך מיט א סך פינטעלאך. און נאך, נאך שטיקלאך, וועלכע זיינען שוין אזוי אפגעריבען, אז מ'קען ניט אורטיילען דעם געשמאק פון דער נאציאנאליטעט, סיידען מ'זאל אראפברייננגען „אן עקספערט", און נאך לאנגע חקירות ודרישות וועט איהם אפשר געלינגען עפעס אויסצוגעפינען.

וואוינען זיך די פאמיליע דזשייקאבס מיט א שטאק העכער און מיט אן אייגענעם אויל־קלאט גאנץ צופרידען.

די צייט שטייט דערווייל ניט אויף אן ארט און פילע זאכען בייטען זיך אויך.

דער אויל־קלאט האט אנגעהויבען פירען א מלחמה צווישען זיך אליין.

און ס'זעט אויס ווי די פארבען, סימבאלען פון נאציאנס גע־פיל און געשמאק האבען טאקע פונקט ווי די נאציאנען גופא, אנ־געהויבען פירען קריג.

דער פאליאקען־סימבאל וויל ניט ליגען נאענט לעבען דעם איטאליענער־סימבאל, און מיט'ן אידען־סימבאל איז עפעס אויך ניט גלאטיג.

אפילו די אפגעריבענע שטיקלאך אויל־קלאט, וועלכע ס'איז שווער אורטיילען צו וועלכער נאציאנען־סימבאל זיי באלאנגען, הא־בען אויך ארויסגעשטעלט זייערע פאדערונגען און ווילען זיין אן און פאר זיך.

איז שלעכט! די פאמיליע דזשייקאבס איז פארצווייפעלט.

יעדער טאג רייסט זיך אוועק אן אנדער שטיקעל אויל־קלאט און וויל ניט ליגען מיט אלע אינאיינעם.

מיסטער דזשייקאבס שלאגט צוועקעס טיף, טיף אין הארצען פון די שטיקלאך אויל־קלאט, אבער ס'העלפט ניט. ער קרעמפעוועט זיי צוזאמען מיט דראט, אבער זיי זיינען פאר'עקשנ'ט און רייסען זיך יעדער אוועק נאך טיפער און ווייטער, און אויפ'ן קערפער פון יעדען שטיקעל אוילקלאט בלייבען טיפע איינגעשניטענע וואונדען.

פונקט ווי נאציאנען! אקוראט! וואס מער מען וויל זיי האלטען אינאיינעם, אונטער איין קראפט, אונטער איין פאן, אבער זיי ווילען זייערס! זייערע פרינציפען, זייערע טראדיציעס, זייער פארב, זייער קאליר.

און קיין צוועקעס, נאגייקעס, מעסערס, העק און אפילו טויט־שטראף העלפט ניט.

לאנג האט זיך מיסטער דזשייקאבס געמוטשעט מיט דעם אויל־קלאט, אליז געוואלט האלטען אלע שטיקלאך אינאיינעם, אבער ניין! פון די צוועקעס און דראטען זיינען פיל שטיקלאך צעריסען און צעלעכערט געווארען און מ'האט זיי אינגאנצען ארויסגעווארפען.

איינציגע שטיקלאך האט מען ווי־עס־איז צוזאמענגעקרעמפעוועט מיט די אנדערע, און ווער ווייסט ווי לאנג זיי וועלען אזוי אנהאלטען?

ניין, דער אויל־קלאט איז ניט גוט מער! ער טויג ניט! מ'וועט ווי־עס־איז מוזען ארויסנעמען די אלע שטיקלאך און לייגען א נייעם אויל־קלאט פון איין פארב, פון איין קאליר.

——<>——

נאך סקול

שוין! די קליינינקע אונזערע האבען זיך באפרייט פון סקול. פרייע פויגעלאך! פרייע פליגעלאך הויבען זיך אז באוועגען איז דער לופטען! הערצעלאך רייניקע, אומשולדיגע קלאפען מיט א

ציטערדיגען טיק־טאק. אויגעלאך, ווי ביי פישעלאך אין וואסער, רייסען זיך א קוק טאן אין דער בלויער לופט אריין און זעען אויס אזוי ריין, קלאר, אז ס'צעגייט זיך אזש אין יעדער אבר...

שוין! קינדערלאך זיינען פריי געווארען פון סקול!
הערצעלאך פילען עפעס פאר זיך!
יונגע האפענונגען דערווארטען עפעס!
אבער, אבער?

ווי אזוי נעמען מיר, דערוואקסענע, אן די פרייד פון די קליי־נינקע באשעפענישלאך?

פרייען מיר זיך אויך ווי זיי, די קלייניניקע?
ניין! ניין!

מיר קענען זיך ניט פרייען. מיר קענען ניט האפען אזוי ווי זיי.

מיר גרויסע ווייסען וואס ס'מיינט דער „נאך סקול" פאר די קלייניניקע, ארימע קינדערלאך אונזערע. וואס וועלען זיי טאן אין די הייסע זומער־מאנאטען? די גאסען זיינען שמאל, ענג, און די אויטאמאבילען שווימלען אזוי ווי ריזיגע פליגען, און לויערען אויף די יונגע, צארטע נשמה'לאך.

די טענעמענט־הייזער זיינען ענג, שטיקענד און אזוי אומריין. קיין ביימעלע ארום, קיין בלעטעלע, קיין גרעזעלע... און די מאמעס זיינען אזויגע קאפריזנע, בייזע, גיבען ניט גענוג עסען, טרינקען; און פון א פאר סענט אין קעשענע איז שוין אפגערעדט.

און די טאטעס? זיי קומען אהיים פון דער ארבייט מידע און אנגעכמורעטע אויף דער גאנצער וועלט און במילא שוין אויף די קינדער אויך.

פאלט א נערוועזער טאטע צו צו א קינד זיינס, ביי וועלכען ס'איז „נאך סקול", און מיט'ן פאסעק (סטראפ) האקט ער אריין אין מאגערען קינדס קערפערל, ווייל דאס קינד העלפט ניט ארויס דער מאמען אין הויז. און דאס גאנצע קינד איז זעקס אדער זיבען יאר אלט, און האט נאך א העזה צו בעטען פענים ביי דער מאמען! (אזא פארברעכער!).

עלטערע קינדער, א שטייגער פון ניין אדער צען יאר, גייען

שוין נאָך סקול אַרבייטעז. העלפעז אַרוים טאַטע־מאַמעז צו טראָגעז דעם עול פון פרנסה.

אַ אינגעלע פון צען יאָר האָט געקראָגען אַ קעסטעלע, אַריינ־געלייגט עטלאַכע באַקסלאַך שו־וואַקס, אַ דריי־פיר בערשטלאַך, עט־לאַכע שמאַטעס, אָפּגעריסענע פון טאַטענס אַן אַלטען רעקעל, אָדער פון דער מאַמעס אַ קליידעל, און ער איז שוין אַ שטיוועלפּוצער. בלאָנדזשעט אַרום איבער פּאַרקס און זוכט פּרנסה.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף העלפט אַרוים ביי אַ דאָקטאָר אין אָפיס און קריגט אויך עפּעס דערפאַר.

אַנדערע גייען אַרבייטען אַלס שיק־אינגלאַך אין אַ דראָג־סטאָר (אַפּטייק), אום אַלץ צו פאַרגרינגערען דעם טאַטען מיט דער מאַמען.

נאָך סקול, נאָך סקול!

אַ גאַנץ יאָר געלערנט אין סקול און געהאָפט אויף אַ באַ־פרייאונג, באַנייאונג.

אָרימע קינדערלאַך, טייערע קינדערלאַך!

שטענדיג דאָס אַלטע; שטענדיג דאָס צוגעטראָגענע. אפילו קליידער פאַר אייך מאַכט מען אויך פון אַלטע זאַכען, פון טאַטע־מאַמע׳ס אַלטע צוגעטראָגענע קליידער.

ווער קען עס היינט מאַכען נייע קליידער?

בוימער בליען, גראָזען גרינען, וואַסערען זיינען אַזוי קיל און דערקוויקענד, אָבער ניט פאַר אייך, קליינע קינדערלאַך!

ניט פאַר אייך! ניט פאַר אייך!

ערגעץ זיינען דאָ גאָר ניט ווייט בערג מיט טאָלען און פריי, פריי...

ווינטעלאַך קילע, ווי געטרייע ברידערלאַך און שוועסטער־לאַך, פליען אַרום און זוכען אייך, אָבער איר זייט דאָ אין שטאָט, אין די איינגע טענעמענט־הייזער, אין די אומריינע גאַסען.

פויגעלאַך זינגען, אַרומפליענדיג איבער דער קלאָרער, ריינער לופט, און ביינקען נאָך אייך, ליבע קינדערלאַך: זיי האָבען ליב אייך צו הערען, אייערע זיסע, קלאָרע שטימעלאַך, און איר ליגט דאָ אויף אייערע אומריינע בעטען און ווערט צעפרעסען פון וואַנ־צען און אַנדערע אינזעקטען!

וואָלקענס, וואָלקענס ציען זיך שטענדיג איבער אייערע הימלען!

אייערע הימלען זיינען קיין הימלען ניט, נאָר עפּעס רויך, טשאַד און מיט נעבעל פאַרצויגען...

דער אָרימער קען ניט געניסען פון פרילינג, זומער, ווינטער און הערבסט.

פאַר אים איז אַלץ איינס. אַלץ דאָס זעלבע!

פרילינג, ווען די נאַטור איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ווען אַלעס בליט, גרינט און ערוואַכט, איז דער קבצן אַלץ דער זעלביגער קבצן און ליגט טיף אין דער ערד.

זומער ווען די נאַטור איז שוין צייטיג און אויסגעפּוצט ווי אַ יונגע כלה־מיידעל, איז דער אָרימער, דער פאַרפלוכטער קבצן אונ־טערוואָרפען צו ליגען טיף, טיף אין דער ערד און גאָרניט געניסען פונ'ם לעבען, פון דער נאַטור.

הערבסט, ווען די נאַטור גיט אָפּ דין וחשבון פאַר'ן זומער און פרילינג, ליגט דער קבצן טיף, טיף אין דער ערד און וויינט, קלאָגט מיט דעם הערבסט, און אַנדערע געניסען פונ'ם הערבסט, אפילו פון בין השמשות.

ווינטער, ווען אַלעס איז אויסגערייניגט, אויסגעלייטערט און די נאַטור איז אין די מיטעלע יאָרען, ווען די נאַטור לעבט אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָבער אַ געזונט, פריילִיך לעבען, ליגט דער קבצן טיף, טיף אין דער ערד און געניסט ניט פון קיין זאַך, אפילו ניט פון מיטעל־יעריגקייט פון צייט, פון דער נאַטור!

צו וועמען באַלאַנגט דער פרילינג, דער זומער, דער הערבסט, דער ווינטער?

ניט צו אונז!

פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד?

——<>——

שאָטענס

ווען איך בין מיד און אנגעזאפט מיט יסורים, ליידען פון טאג־טעגלאכע זארגען פאר׳ן עקזיסטענץ, האב איך ליב ארומבלאנדזשען איבער די גאסען אין די שפעטערע שעה׳ן פון נאכט.

איך בלאנדזשע און טראכט, דיינק, ווי וועלטען און צעשטער זיי! ווי וועלטען! יא, מיין פאנטאזיע איז אזא קרעפטיגע בויערין. וואס קען אין א מינוט אויפשטעלען די גרעסטע, שענסטע מויערען און אין זיי אריינזעצען די קראנקע, ארימע, מידע, שוואכע און אומגליקלאכע...

אבער?... באלד צעשטער איך אלעס מיט מיין קאלטער לאגיק און בלאנדזשע אום דער זעלבער אנטוישטער, צעשלאגענער, דער׳הרג׳עטער, איבער די גאסען פון דער שטאט ניו יארק.

און אויבען — א הויכער הימעל מיט אומצאליגע שטערען וואס פינקלען און טוקען זיך, שפריצען מיט ליכט־זיג־זאגען און דערציילען פון עפעס א וועלט פון הויכקייט און אומבאוואוסטקייט...

און אונטען — אן ערד מיט אומצאליגע מענטשען־קינדער, וועלכע ליידען, טרינקען זיך אין בלוט, הונגערען, וואלגערען זיך ווי איבעריגע זאכען און דערציילען אויך, אבער נאר פון טרערען און נויט, צווייפעל און אומגליק...

ס׳זיינען אויך דא אויף דער ערד מענטשען וואס לעבען אין וואוילטאג, אבער יענע זיינען נעענטער צו דעם הימעל, צו דער זון און צו די שטערען...

אט גיי איך פארביי א פארק און זע ווי קנוילען ליגען אויף די בענק...

קנוילען... מענטשען האבען זיך צוזאמענגעקנוילט און פרורווען איינשלאפען, פרואווען, אבער ווי איז עס מעגלאך איינצושלאפען אויף א שמאלער, הארטער באנק...

און דער פאליסמאן?...

ער קומט צו און גיט א טארקע דעם היימלאזען און הייסט אים גיין...

גיין !? וואוהין? ווער דארף עס וויסען! דאס געזעץ דער־לויבט ניט קיין מענטשען ליגען ביינאכט אין פארק אויף א באנק, אבער דאס זעלבע געזעץ דערלויבט יא א מענטשען ניט האבען קיין היים, קיין ווינקעלע, קיין לייב און קיין לעבען!...

און צוקוקען ווי „א שאטען" הויבט זיך אויף א דערשראָ־קענער און לאזט זיך, ווי דורך אינערציע, לויפען ערגעץ וואו?! ער לויפט און לויפט, דער שאטען, אז אן אפשטעל: דער פאליסמאן האט אים א טרייב געטאן און ער קען זיך גארניט אפשטעלען, גלייך ער וואלט אן עלעקטריש קנעפעל א דריק געטאן אינ'ם מענטשען־שאטען...

און אזוי גייט ער זיך דער פאליסמאן קאלטבלוטיג, אויך ווי א שאטען, פון איין באנק צו דער צווייטער און דריקט עפעס אן און שאטענס צעלאזען זיך און לויפען, לויפען, לויפען!...

און בענק זיינען דא א סך וואו קנוילען ליגען און פרואווען איינשלאפען מיט א קאשמארען־שלאף...

און עמיצער דריקט דאס קנעפעל פונ'ם פאליסמאן און ער באווייזט זיך לאנגזאם, פאמעלאך און דריקט אנדערע קנעפלאך און יענע באוועגען זיך — שאטענס...

און מענטשען לויפען אהין און אהער, קאר ארויף, קאר אראפ. און דער קאנדוקטאר ציט דאס עלעקטרישע שטריקעל און מענ־טשען־שאטענס צעלאזען זיך אין אלע זייטען... שאטענס! שא־טענס! שאטענס!...

און אט זאגט מיר עמיצער א גוט אווענט!

איך דריי אוים דעם קאפ און דערזע א יונגע, צארטע פרוי, וועלכע קוקט מיר אריין מילד אין די אויגען און שעפטשעט עפעס.

איך קען ניט כאפען וואס זי זאגט, און פרעג איבער.

זי שמייכעלט פארלעגען און רעדט אריין גלייך מיר אין גע־זיכט:

„ווילסטו ניט אביסעלע פארברייינגען, זיסינקער!"...

— פארברייינגען??? — שטעל איך אן אויף איר א פאר אויגען.

— יא, ליבינקער! — און זי נעמט מיך אונטער'ן האנט.

— וואס הייסט ביי דיר פארברייננגען, טייערע?... — טו איך א פרעג.

— א! פרעג שוין ניט, האניג מיינער, מיר וועלען שוין פאר־ברייננגען — טוליעט זי זיך צו מיר און פרואווט וועקען פאר־לאנגען...

— אבער איך בין פארנומען אצינד, טייערע, מיינס א קינד ליגט קראנק אין דער היים און איך אייל מיר וואס גיכער!

— יא??? א קינד איז קראנק? דיינס א קינד און ביזט נאך אזא יונגעטשקער! — פליסטערט זי ארויס און גזעגנט זיך מיט מיר אויף שנעל...

זי איז אוועק און מיר האט געגעבען אזא שטאך אין הארצען, אז איך האב פאר א מינוט ניט געקענט זיך רירען פון ארט.

א יונגע צארטע בלום און וועלקט, פוילט! שלייעט זיך אום ווי א „שאטען" אין מיטען דער נאכט איבער די שטילע ווינקע־לאך פון שטאט און זוכט פרנסה...

פרנסה! ברויט! און צוליב דעם גיט זי אוועק איר גאנצע נשמה, איר גליק, טרוים, האפנונג...

זי באט אן יעדען איינעם איר קערפער פאר א שטיקעל ברויט.
און ווי יונג זי איז נאך? ווי שלאנק און בויגיג!?...
און אלץ צוליב געלט...

וואלטען דען די „קנוילען" וואס ליגען אויסגעלייגט אויף די בענק גיט געהאט קיין בעט, קיין ווינקעל ווען ניט די פראגע פון געלט?...

וואלט דען דער פאליסמאן געווען ווי אן אויטאמאט און גע־מאכט די „שאטענס" זיך באוועגען ווי טויטע זאכען, ווען ניט דאס געלט?...

און וואלט איך דען איצט אומגעבלאנדזשעט א מידער, דער־שלאגענער און אנטוישטער ווען ניט דאס געלט?...

שאטענס! שאטענס! שאטענס!

ווי טיף ס'שניידט זיך איין אין פלייש, אין בלוט, אין מארך, אין יעדען אדער דאס אויסזען פון מענטש־שאטען וואס האט קיין ווערט ניט ביי זיך, ביי אייך און ביי יענעם!...

שאטענס! קנוילען! און אלץ צוליב דער פראגע פון עקזים־טירען!?...

אז א איד, אז א ווילען, אז א פארלאנג!... און דער מענטש שווייגט, שווייגט און לויפט ארום ווי א שאטען, א טויטע זאך, וועלכע ווערט אנגערעגט דורך אן עלעקטרישען קנעפעל...

און דער הימעל איז בלוי און הויך, די לבנה קוקט ארונטער, די שטערען פינקלען און שאטענס טאנצען אום אויף דער ערד... שלייכען אום!!...

וועלען זיי אמאל קריגען בלוט און קראפט און זיך אפשטע־לען?... און דער פאליסמאן טארקעט אלץ...

———<>———

אוי, די קינדער!

מיט וואס פרייט זיך א איד מערסטענס: מיט קינדער, פאר־שטייט זיך.

קינדער לערנען זיך גוט! קינדער זיינען לייטיש! קינדער פאלגען טאטע־מאמע, און קינדער וועלען אמאל באשיינען די עלטער...

אפילו המן, זייענדיג א שני למלך ביי אחשורוש'ן, האט זיך בארימט מיט'ן „רוב בניו" און געווען איבערגליקלאך.

קומען אבער נייע צייטען מיט נייע לידער און קינדער זיינען שוין גאר ניט אזא גליק, אזא פארגעניגען, ווי אמאל, אין יענע גוטע צייטען...

איבערצייגט האב איך זיך אין דעם לעצטע וואך, טאקע אין הויז, וואו איך וואויז (וויין).

ס'האט זיך אויסגעליידיגט א „פלעט" און די לענדליידי האט באפוילען דער הויזקיפעריז, זי זאל ארויסהיינגען א „רומס טו לעט".!

און אז א לענדליידי באפוילט, מוז מען פאלגען.

נו, נו! זאלט איר שוין גאר ניט פרעגען! ס'האבען אנגע־הויבען קומען מענטשען דינגען די רומס... דור הולך ודור בא: איינ פאמיליע ארויס, די אנדערע אריין, פון כל המינים פעלקער: אידען,

פּאַליאַקען, רוטיינער, איטאַליענער, שפּאַניאַלען, און נאָך, און נאָך.

די לענדליידי האָט אָבער צײַט: זי ווייסט, אַז היינטיגע יאָרען איז מען ניט זשעדנע קיין טענענטס...

דערווייל איז אַרויסגעקומען אַ איך און געוואָלט דינגען דעם „פּלאַץ".

און ס'איז שוין באַלד אַלץ געווען אָל־ראַיט. דאַרף זיך דער לענדליידי פאַרגלוסטען אַ פרעגן טאַן דעם אידען, וויפיל קינדער ער האָט, און ער איז, ווייזט אויס, אַ מענטש וואָס קען קיין ליגען ניט זאָגען, און ער דערציילט איר, בתמימות, אַז ער האָט זיין איינענעם זעקס קינדערלאַך...

און אַזוי ווי ער וואָלט זי אונטערגעשאָסען, די לענדליידי: זי וויל אים ניט פאַרדינגען די רומס.

ער בעט זיך ביי איר, זאָגט איר צו גילדענע בערג, אַז זיינע קינדער זיינען סטאַטעטשנע, און איז איר אויפ'ן אָרט מוסיף גאַנצע דריי טאָלער אויף דער רענט; אָבער זי, כאָטש האַקט איר אַן אויער, זי זאָגט ניין: זי האָט ניט ליב קיין סך קינדער!...

איך שטיי הינטער מיין טיר און מיין פרוי שטייט לעבען מיר און מיר הערען זיך צו.

דער איד בעט זיך ממש רחמים; אָבער וואָס גייט ער אַן דער לענדליידי, צי ער האָט יאָ אַ ווינקעל, צי ער האָט ניט: זי האָט אַ גרויס הויז און קעניגט...

ער איז שוין מוסיף פינף טאָלער, אַבי זי זאָל אים אַריינלאָזען, ווייל ס'איז פרייטאָג פאַרנאַכט און ער וויל שוין גיין דאַווענען: אַ פרומער איד; אָבער זי איז איינגעשפּאַרט און זאָגט אַלץ ניין...

דער איד איז נאָך געשטאַנען אַביסעל, געפּרוּאווט ווירקען, אָבער ס'האָט אים גאָר ניט געהאָלפען. און ער איז אַ צעבראָכע־נער אַוועק זוכען ערגעץ אַנדערש־וואו רומס פאַר זיינע בידנע קינדערלאַך...

מיין פרוי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און אָנגעהויבען וויינען. אויף איר קוקענדיג האָט מיין אינגעלע אויך אויס־געשאָסען אין אַ געוויין, און איך האָב ניט געוויינט, אָבער מיין האַרץ איז ממש צעריסען געוואָרען אויף שטיקער.

אויף מאָרגען גיי איך אַזוי אין גאַס און בין פאַרטיפט אין

הלכות פרנסה, און איך דערזע, דער איך קומט־מיר אנטקעגנען און זעט אוים אזוי פינסטער, וויסט און אראפגעפאלען ביי זיך.

איך שטעל אים אפ און פרעג אים, צי ער האט שוין גע־קראגען רומם.

ענטפערט ער מיר, אז קיינער וויל אים ניט אריינלאזען צוליב די קינדער, און ער טוט אזא זיפץ, אז עס האט געקענט א שטיין רירען.

דערווייל האב איך זיך דערמאנט, אז איך האב ערגעץ אין א פארוואָרפענער גאס, וואו עס וואוינען לוימער קבצנים, באמערקט א „פלעט טו לעט", און איך לייג פאר דעם אידען מיט מיר גיין אהינצו.

ער כאפט זיך אן אן דעם, ווי אן א רעטונגס־גארטעל, און מיר לאזען זיך אהין.

גאט צו דאנקען, מיר זיינען בשלום אנגעקומען אהין און דער „פלעט טו לעט" היינגט.

מיין איך באלעקט זיך ממש: ער פילט אינסטינקטיוו, אז אהער וועט מען אים אריינלאזען, און מיר קלאפען אן אין טיר.

ס'קומט ארוים אן עלטערע פרוי און באגריסט אונז פריינדלאך.

מיר דערציילען איר נאך וואס מיר זיינען געקומען און זי לאזט זיך לאנג ניט בעטען און שטימט איין.

אמת, זי פרעגט אויך וויפיל קינדער ער האט, אבער זי פראָ־טעסטירט ניט און נעמט א דעפאזיט.

די רומם געפעלען אים אפילו ניט, ווייל א חזיר־שטאל איז פיל שענער, אבער וואס טוט מען ניט צוליב קינדער?...

איך האב זיך אפגעזעגענט מיט מיין אידען און בין אוועק.

בלייבענדיג אליין, האב איך ערשט אנגעהויבען אונטערפירען א סך־הכל פון היינטיגע צייטען: קיין ארבייט איז ניטא, דאס לעבען פאדערט אזוי פיל, קיין הייזער זיינען ניטא געננג און מיט קינדער ווארפט מען זיך, ווי מיט בלאטע...

און ס'האט אזוי טיף געשניטען דער געדאנק, אז מיט קינדער, מיט'ן צוקונפטיגען דור, ווארפט מען זיך, ווי מיט עפעס אן איבע־ריגע זאך, און ווער ס'האט קינדער, ווערט באליידיגט פון א יעדען איינעם, וואס האט ניט גאט אין הארצען...

און באלד איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנק די מלחמה, איז וועלכער עס זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען אזוי פיל מענטשען־קינדער, און איך האב מיר אליין געשטעלט א פראגע: „זיינען שוין די מענטשען אויף אזוי ווייט דעגענערירט, אז אפילו זייערע קינדער, וועלכע מען נוצט אין מלחמות, אין פאבריקען און וואו נים, לאזט מען ניט אריין אין קיין הויז, צו קענען וואקסען, זיך אנטוויקלען און ברייננען נוצען דעם איינענעם לאנד?...“

האבען דען ניט שטאלצירט די טאטעס און מאמעס, ווען זייערע קינדער זיינען געגאנגען זיך מקריב זיין פאר דעם לאנד?...

קענען די אלטע לייט זיך שלאגען און פארטיידיגען דאס פא־טערלאנד?...

קינדער!!! זיי זיינען דער שטאלץ און דער כבוד פון יעדען לאנד, און מען דארף זיי באזארגען מיט אלץ, ניט א טאטע, וועלכער האט זעקס קינדער, זאל דארפען ארומלויפען זוכען רומס און קיינער זאל אים ניט וועלען אריינלאזען!...

און ער זאל ווערן פארצווייפעלט און שרייען משוגע'נערווייז: „אוי, די קינדער! אוי, די קינדער!...“

——<>——

ווינטער אויף די בערג.

ווינטער... ווייס איז גאנס וועלט, ווייס און ליכטיג! די בערג זעען אויס פון ווייטענס ווי ריזיגע חיות, וואס זיינען גרייט יעדע מינוט זיך ארויפוואדפען אויף יעדען איינעם...

און די ביימער זעען אויס ווי מחנות סאלדאטען אנגעטאן אין ווייסע בגדים, בלאנדזשענדיג איבער ווייטע, פרעמדע וועלטען, זו־כענדיג א וועג זיך אויסצופלאנטערען פון געפערלאכען פלאץ...

ווייס איז אלץ, ליכטיג, אבער די ווייסקייט און ליכטיגקייט פרייט ניט דאס הארץ, מאכט ניט יאגען די בלוטען האסטיג און רואיג פולסירען דאס הארץ. ניין! עפעס פרעסט די ווייסע ליכ־טיגקייט און דערציילט פון גרויקייט, עלענד און נויט...

גנעהיימניספול איז די ווייסקייט פון בארגיגען שטח. סודות׳־דיג, ביינקענדיג, דיינקענד.

עפעס קאטשעט זיך אין דער לופט, ווי א שווערער שטיין, און וועט צעקוועטשען, צעדריקען אלץ, וואס ליגט אין זיין וועג...

דער הימעל איז מילכיג־ווייס און מ׳זעט, אז ער וויל זיך באַ־העפטען מיט דער ווייסקייט פון דער ערד...

טרויעריג איז דער הימעל. אזא ביינקענדע פארגאפונג מערקט זיך אויף זיין אנגעזיכט. א קראנקהאפטע מידקייט ליגט אויסגע־גאסען אויף אים און ער איז פויל, באוועגלאז, ווי א רעוומאטיקער, מיט זיינע רירלאזע אברים... ניט מיר, ניט דיר איז דער הימעל. אט גלאט אזוי זיך...

א ווינטערדיגע קאלטקייט ווייעט פון יעדען ווינקעלע און קילט אפ פארלאנג, מארד גלויבען — — — ווינטער...

א פויגעל איז דורכגעפלויגען דורך דער גראער ווייסקייט און אזוי צוועקלאז געפאטשט מיט די פליגעל, אקוראט ווי ער וואלט נאר־וואס באגראבען זיינע טייערע פויגעלאך...

הייזלאך, שטייען, ווי אפגעשמיסענע קינדערלאך אין די ווינ־קעלאך, און זיינען ביז אויף דער גאנצער וועלט...

און זיי רופען ארויס א פארדרוס און בייזקייט, למאי זיי זיינען אזוי צעפיעסטשעט און ווילען ניט א שמייכעל טאן!...

אט איז דורכגעלאפען א האז, אומקוקענדיג זיך אין אלע זייטען און אוועק, אונטערשפרינגענדיג אויף זיינע לאנגע פיס. און דער האז האט אריינגעבראכט א ביסעלע לעבען אין דער אומבאוועג־לאבער ווייסקייט, וואס מאכט דעם איינדרוק פון א ווייס־טיפען אפגרונט...

א גלעקעלע קלינגט; א זיס, הארציג, מעלאנכאליש גלעקעלע. און ס׳ווערט זיס דאס נאגען, פריי דער עלענד: א קלאנג פון עפעס פארליבטעס, רייצענדעס און אויפברויזענדעס...

און ווי זיס און קינדיש־באַ׳חנ׳ט ס׳פיעסטשעט זיך און וויינט, אז ס׳זאל טאקע רירען ביז דער זיבעטער ריפ...

אך, ווי רייך גאטס וועלט ווערט אין מאמענט, ווען דאס גלע־קעלע כליפעט!

טויזענטער ווייען וועקט עס, מאנט, צאפעלט זיך, ווי א נע־

ליבטע אין די אָרעמס פון געליבטען, ווערט פאַר'חלש'ט פון אייגע־נעם גליק און דערציילט...

אין איין דערציילען האַלט דאָס גלעקעלע פון טויזענטער מעשה'לאַך, פון ווייטע לענדער, פון סטעפּען, וואו אַ ברודער־גלע־קעלע ווײנט אויס די ווייען פון דער רייכער, ברייטער נאַטור דאָרט !...

און אַלץ הערט זיך צו צום גלעקעלע: דער הימעל האָט זיך ווי אַ טרייסעל געטאָן און הערט זיך איין, ווי אַן אַלטער זיידע צום זיסען פּלאַפּלען פון אייניקעל; די בוימער האָבען זיך אוועקגע־שטעלט, ווי אַ שערייענגע סאָלדאַטען ערב אַ גאָטס־געבעט; דער האָז איז אַרויס פון באַהאַלטעניש, איז געבליבען שטיין אַ פאַרגלי־ווערטער אויף זיינע לאַנגע פיס און וואַרפט מיט זיינע לאַנגע שנעל־באַוועגענדע אויערען, גלייך ער וואָלט געוואוסט די אמת'ע באַדיי־טונג פון גלעקעלעס געקלאַנג...

און דאָס גלעקעלע וויינט, וויינט און דערציילט. סאַמעט־ווייך און גלאַט זיינען די טענער און גלעטען דאָס קראַנקע, מידע האַרץ. גלעטען, ווי אַ געליבטע... גלעטען, גלעטען און פאַרשאַפען אַ וויי, וואָס ס'וואָלט זיך וועלען ער זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען...

איך הער זיך איין און טרינק דעם געקלאַנג, ווי אַ דורשטיגער. זשליאַקע שנעל, שנעל און וויל גאַרניט אויפהערען. כאָטש איך בין שוין אַ געלאַשענער... שוין מער ניט דורשטיג...

אַ הויכער באַרג האָט, מיר דאַכט, אַ שמייכעל געטאָן צו מיר, גלייך ער וואָלט זאָגען:

— אָזאַ קליין שטיפערעל און ס'האָט אויפגעוועקט די ווינ־טער־שטימונג, די פוילע האַמעטנע געדאַנקען, און אַריינגעטראָגען לעבען און שוואונג, פרייד און יוגענט־האָפענונג !...

איך ענטפער דעם באַרג מיט אַ שמייכעל און טרינק דעם פלי־סענדען קלאַנג, טרינק אויפ'ן פולען מויל...

שטילער ווערען די קלאַנגען, פאַרגייען, ווי אַ קליין קינד, ווען ס'האָט שוין קיין כח מער צו וויינען, כליפּען, און די שווערע וויים־קייט דריקט ווידער, פּרעסט און וואַרגט...

דער באַרג שמייכעלט ניט מער. ערנסט זעט ער אויס, ווי אַן אַלטער זיידע, ווען ער בלייבט אייגער אַליין מיט זיך...

ס'ציט זיך די צייט, ווי מ'וואלט פלעכטען א שטריק פאמע־לאך, פאמעלאך. און דאס בלוט הערט אויף זידען, דאס הארץ פולסירט ניט אזוי ווי פריער: דאס גלעקעלע איז געשטארבען. דער קלאנג איז זיך צעגאנגען אין דער גרויער לופט, ווי א נאכ־טעם פון א גוטען, געשמאקען געקעכטס...

שא, שטיל. דער שניי רעדט מיט א ווייסער שפראך, וואס איז קאלט און פרעמד; צו באַ'ישוב'ט, צו אויסגערעכענט, א צו באיארענטע...

א גלעקעלע פעלט... א קליין שטיפערעל — אין דער באיא־רענטער משפחה... א קלאנג פון א יונג שטימעלע, צו דערפרייען, מאכען פארגעסען, אז ס'איז ווייסער ווינטער, און אנפלאפלען א פולען קאפ, א פולען קאפ...

און דער בארג ווינקט צו מיר פון ווייטענס: ער ביינקט נע־באך נאך א קינדעלע, א שטיפערעל: א גלעקעלע...

און ארום איז ווייס, קאלט און ווינטערדיג...

——<>——

פארנאכטיגע שטריכען.

די זון האט א שמייכעל געטאן און געבליבען ערנסט. דער הימעל האט אנגענומען אן אויסזען, ווי א יונגע מיידעל, וואס פאר־שעמט זיך פאר עפעס, הייבט זיך אן רויטלען און פארשטעלט מיט דער האנט איר געזיכט...

שאטענס האבען זיך א לאז געטאן מיט אימפעט, ווי שעפעלאך פון טשערעדע: ווילען איבעריאגען איינס דאס אנדערע, שטויסען זיך, בוצקען זיך, רייבען זיך איינס אין דאס אנדערע.

א חלשות־געמיט האט ארומגעכאפט אלץ און אלעמען: ס'ווייזט זיך אויס, אז די וועלט זינקט, טוקט זיך און וועט איינ־געזונקען ווערען.

די לופט שטייט אויף איין ארט און דאך, ווען מ'קוקט זיך שארף איין, זעט מען, אזוי ווי קליינע מוראשקעלאך וואלטען אנ־געפילט דעם חלל פון דער ערד און צווישען הימעל...

ס'איז ניט צו שטיל און ס'איז ניט צו ראַשיק, ס'איז ניט צו ראַשיק און ס'איז ניט צו שטיל — — — פאַרנאַכט...

דער טאָג וויל נאָך אַלץ איבערוועלטיקן אַלעס און זעט אויס, ווי אַ געזונטער קולאַקען־קלאַפּער, וועלכער כאַפּט שרעקלאַכע קלעפּ. וואָס הילכען אָפּ איבער'ן גאַנצען שטח און בלייבט אַלץ שטאַרק און מעכטיק, דערלאַנגענדיק דעם געגנער מיט דער זעלבער מאָס און פּינקטלאַכער עקשנות.

און אויסערגעוויינלאַך אינטערעסאַנט איז צו מערקען, ווי דער גבור — דער טאָג — קריגט דעם אַנטשידענעם קלאַפּ און פאַלט אַוועק...

אַ וואונדערבאַרע שלאַכט איז עס און דאָס אויג קען זיך גאָר ניט אָפּרייסען דערפון.

גלייך ווי צוויי לעבעדיגע באַשעפענישען וואָלטען זיך גע־שלאָגען, געבאָרעט, געוואָרפען, געקנוילט, און איינער איז גובר, וואַרפענדיג זיין געגנער אַ האַלב־טויטען צו דער ערד.

פאַרנאַכט. אבל'דיג זעט אויס דער פאַרנאַכט. אַ חרטה מערקט זיך אויף יעדער זאַך. ס'טוט ווי און באַנג, למאי דער געגנער ליגט אַ צעשלאָגענער, אַבאַזיגטער...

אַזוי, שטעל איך מיר פאָר, האָט אויסגעזען קין, ווען ער האָט זיין ברודער הבל'ן צום טויט דערשלאָגען...

און וואָלט די לופט פון פאַרנאַכטיגע שטריכען־גייסטער גע־קענט ריידען, וויינען, קלאָגען אויף אַ קול, וואָלט זי איינגעלייגט די וועלט, צעריסען הערצער, פאַר'סמ'ט נשמות מיט איר וויינען און קלאָגען פאַר'ן חבר'ס נידערלאַגע...

אַ שטערענדעל האָט אַ צאַפּעל געטאָן אויפ'ן הימעל, ווי אַ נאַר־וואָס געבוירען קינדעלע, און די פאַרנאַכטיגע לופט האָט אַ קוק געטאָן, ווי אַ מאַמע אַ קימפּעטאָרין וואַרפט אַ מידען בליק צו־פיסענס־צו, וואו דאָס נאַר־וואָס געבוירענע קינדעלע ליגט... זי איז פול מיט גליק, און קען נאָך אָבער ניט פאַרגעסען די געפאַר, די שלאַכט, וואָס זי האָט נאַר־וואָס אַנגעפירט...

ערגעץ אין אַ נידעריג הייזעל האָט אַ קינדעלע זיך צעוויינט און דאָס יונגע קול'כעל האָט זיך געקאַטשעט איבער דער פאַר־

נאכטיגער לופט, ווי א קייקעלע, און עפעס אויסגעקלאפט צום ריט־מישען טאקט פון פארנאכטס אילוזיעס...

א קו האט זיך צערעוועט „נאריש" און אנגעמאכט אזא ליארעם, גלייך גזלנים וואלטען די וועלט באפאלען און זי געוואלט בארויבען... און אפשר האט דער קוען־אינסטינקט ווירקלאך דער־פילט עפעס א געפאר?...

פייערלאך, ווי ריינע קינדישע אויגעלאך, האבען זיך אנגע־צונדען און געפינקעלט, גערופען, געמאניעט און זיך געפיעסטשעט. און די גרוי־טונקעלע לופט האט אויסגעזען, ווי אן אלטע ניאניע, וואס איז גרייט אליץ פארנעמען פון די קליינע שטיפערלאך — אירע ליבלינגע...

אן אימה׳דיגען אויסדרוק האבען פון זיך געווארפען די רויטע קוימענדלאך און מיט זייער עלענדען, קלוג־פארטראכטען אויסזען האבען זיי אונטערגעפירט א שטומען „סך־הכל" פון הימעל, ערד, מענטש און שיקזאל...

און אזוי ווייטאגדיג פרעסט דער רואיגער זיידע־אויסזען פונ׳ם הימעל מיט זיין איראניע־בליק אויף דער טונקעלער, שטילער פאר־נאכטיגער אטמאספערע...

און אט האבען זיך וואלקענדלאך באוויזען, ווי ווייסע שעפע־לאך, און שפרינגען, לויפען ערגעץ אין די פרייע לאנדשאפטען פון הימעל.

פארנאכט און נאכט. צו דער גרויל־אכער פארב האט זיך צו־געמישט א ביסעל טונקעלע פארב פון נאכט־קאליר...

און רואיגער זעט אויס דאס בילד, געלאסענער, בא׳ישוב׳טער, ערפארענער, ניט מיט אזוי פיל האסט, דראנג, פארלאנג: פאר־נאכט — נאכט...

עפעס וויגט זיך אין דער לופט: א בארואיגונגס־געמיט, א נאך־שבעה־צייט, א ניט וועלען זינדיגען פחד...

און שטיל גיסט זיך די לופט, אזוי ווי א רואיג טייכעלע, וואס פליסט אין איין ריכטונג יארען לאנג...

פארנאכט און נאכט: צוויי לייבלאכע ברידער, וואס פאר־שטייען זיך טיף און האבען איין בליק, איין ריכטונג, איין לעבענס־גאנג פון קלאנג, ריטם, לופט און מעלאדיע...

און דער וואלד איז פון ווייטענס געשטאנען, ווי א געטרייער שומר, וואס האט ליב זיין פרנסה, איז איבערגליקלאך פון אביסעל געפאר, און געוואונקען צו עמיצען, ער זאל באוואונדערען גאטס פראכט, נאטורס שיינקייט, הימעלס קלוגשאפט, און דאנקען, לויבען פאר אזא מתנה פון גאטס האנט — פארנאכטיגע שטריכען איינגעוועבט אין נאכטס לאנדשאפט...

און א שטערענדעל האט געצאפעלט דארט אויבען, ווי א זיס. קליין שטיפערעל...

———<>———

אין פעלד.

זומער. ס'איז נאכמיטאג. די זון האלט אין ברענען אלץ, וואס ס'געפינט זיך ארום.

די ארבייט איז אין פולען גאנג.

די גוי'אים און גוי'עס שניידען די תבואה מיט אזא עקשנות און אינטערעס; די אפגעשניטענע זאנגען פאלען מיט א חלשות־געמיט ארונטער צו דער ערד און ווידער דאס אייגענע, ווידער דאס זעלבע: דער שניידער שניידט און האט קיין טראפען געפיל צו די פארוואונדעטע זאנגען... פארקערט, זיין הארץ פרייט זיך: ער ווערט אנגרייטען ברויט אויף א גאנץ ווינטער ביז דעם צווייטען שניט...

דער הימעל איז לויטער, בלוי און רחבת'דיג. שוין לאנג קיין רעגען ניט געגאנגען.

און באפט זיך וואו ארוים פון א ווינקעל א גרוי וואלקענדעל. פארשווינדט עס באלד און דער הימעל איז ווידער ריין און אומבאפלעקט...

א קלאר טייכעלע, ווי א בלויע סטיינגע, ציט זיך ערגעץ ווייט. ווייט און שלעפט אוועק מיט זיך ערגעץ אין שיינע, ווייטע וועלטען פון טרוים און גליק... א שיפעלע הוידעט זיך ביים ברעג און מאכט גרימאסען, ווי א פארשייטע מיידעל, וועלכע דערזעט פון ווייטענס איר געליבטען...

ס'איז שטיל און ס'איז רואיג, ס'איז רואיג און ס'איז שטיל...

די קאַסעס און די סערפּען אַרבייטען און גלאַנצען, שימערירען אַנטקעגען דער זון, ווי שטיקער פייער וואָלטען געשפּרונגען אין אַ פייער־טאַנץ... די אויגען ווערען מיד און מאַכען זיך צו: צופיל ליכט, פרייד און רואיגקייט אַרום!...

זומער. אין פעלד! אַ מין רחבת־ידים אַרום! גאָט איז מיט די מענטשען און גיט זיי פון כל טוב...

אַ גערעטעניש. ווי כוואַליעס, יאָגען זיך איינע נאָך דער אַנ־דערער די פולע זאַנגען און גלעטען אַזוי די נשמה, דאָס געמיט...

ערנסט זעען אויס די גוי׳אים און די גוי׳עס. אַ פריידיגער פחד פרעסט דאָס האַרץ: גאָט האָט געגעבען און ס׳זאָל, חלילה, קיין בייז אויג ניט קאַליע מאַכען! ?..

פריידיגע זיינען די קליינע קינדערלאַך, וועלכע זיינען אויך דאָ אינמיטען און שפּרינגען, טאַנצען, לאַכען, שלאָגען זיך און פילען אַז די לופט מיט אַ געקלאַנג פון יוגענט־שטימעלאַך...

עטלאַכע הינטלאַך שפּרינגען אום און מאַכען אַן איינדרוק, ווי וואַנזיניגע: זיי קייקלען זיך איבער אין געלויף, בלייבען ליגען כמעט ווי טויטע, און אָט, זיי שפּרינגען ווידער, וואַרפען זיך, בייסען זיך אויף קאַטאָוועס... און ס׳איז לעבעדיג...

אַ געזונטער שייגעץ האָט אַרומגעכאַפּט אַ שיקסע און לאָזט זיך מיט איר אין אַ וואָויל־רוסישער קאַמאַרינסקע... און אַלע גוי׳אים און גוי׳עס קוועלען אַז פון אַזאַ „פּאַרוויילונג“ און וואַרפען מיט די טשופּרינעס, לאַכען אַ הילכיגען געלעכטער.

פריי! פעלד און הימעל, זאַנגען און סערפּען! קאַסעס און גראָז. גרין גראָז. יונג און אַלט, אַלע — אויפ׳ן פעלד.

ניטאָ קיין זאָרג פאַר׳ן מאָרגען, ניטאָ קיין שרעק פאַר׳ן שפּע־טער: פעלד איז ברייט, פּראָסטאָרנע, און זאַנגען קאַטשען זיך, ווי שיינע, גראַציעזע מיידלאַך מיט חנ׳עוודיגע צעפּ (קאָסעס).

אין פעלד...

גאָט האָט אַזאַ ברכה געשיקט דעם מענטשען פונ׳ם הימעל און אים געהייסען אַביסעלע אַרבייטען. אַרבייטען, און דערפאַר וועט ער עסען מיט אַפּעטיט, מיט גרוים הנאה דאָס ברויט, די ציבעלע, קאַרטאָפלי, וואָס וואַקסט מיט אַזאַ רוחה...

די זון זעצט זיך. שאָטענס פון די שניידער און שניידערקעס

צעלאָזען זיך איבער'ן פרייען פעלד און מאַכען אַ ציטערדיג־זיסען איינדרוק; וואָלקענדלאָך ציען זיך איבער'ן הימעל דאָרט אויבען, ווי פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלאָך. די געזיכטער ווערען ערנסטע, פאַרנאַכטיגע...

די קאַסעם און סערפען זיינען שטיל געוואָרען מיט אַמאָל, און איין קליין שטערענדעל האָט זיך אַ וויז געטאָן, אַ שימעריר — און ס'איז געוואָרען טונקעל...

אַ טומעל מיט אַמאָל:

די פירלאָך סקריפּען, קליינע קינדערלאָך וויינען, די הינטלאָך זיינען געוואָרען ערנסטער און האַוקען: טוען אויך זייער פליכט... און מ'פאָרט אהיים אין דאָרף אריין.

שטיל אין פעלד. אַ שטילקייט, וועלכע פילט זיך באַלד נאָך אַ רוישיגען טאָג, נאָך אַ קאַפּריזנעם געלעכטער, נאָך אַ שטילען גערויש... קופּקעס גראָז ליגען אויסגעלייגט אומעטום און סוד'ען זיך... הויכע „סטייגען" תבואה קוקען מיט געלאַסענער גאוה ארונ־טער צום פעלד און דאָס טייכעלע מורמעלט אַ נאַכטיגע תפילה, ווי אַ בעל־תפילה אין שול. און אַלע הערען נאָר, פאַרנעמען עס... פאַרשטייען עס...

טונקעל. פינסטערלאָך...

דאָס פעלד איז איינגעהילט אין אַ שוואַרצען שלייער, מ'זעט ניט מער קיין זאַך, מ'פילט אָבער די שטילקייט און פינסטערניש... אין פעלד... מ'פילט... מ'פילט...

פאַרנאַכט אין פאַרק.

(אַ מתנה סילי'ן)

ערשט צוריק מיט אַ מינוט זיינען נאָך אַלע געזעסען רואיג, שטיל, און יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אויף זיין שטייגער, אויף זיין געביט, אויף זיין אַרט.

גרויס און ברייט איז דער פאַרק. פריי אַרום און אַרום. בוימער ציען זיך, ווי שטאַלצע היטער, אַרום אים, פאַרשטעלען אים פון שטויב און רויך, וואָס וויל זיך גראָד נאָר אריינרייסען אהינצו, וואו די לופט איז אַביסעל ריינער, פרייער, פרישער...

גראָז, גרין, הויך גראָז באַדעקט דעם גאַנצן שטח. אַזוי ווייט, העט ווייט ציט זיך אַוועק אַ גרינער טעפּיך אַז אַ קנייטשעלע, גלאַט, פון אַ געניטער, ווירטזאַמער האַנט אַוועקגעלייגט געוואָרען...

קומען מענטשען אַהער אויסרוען די מידע ביינער, אריינציען אַביסעל פרישע לופט: אַ גאַנצע וואָך ליגען זיי אין די נאָרעס, ווי מייז, און אָטעמען מיט שמוץ, שטויב און אומריינקייט...

און שוין. געענדיגט איז דער טאָג. די זון האָט אָפּגעטאָן איר אַרבייט, איר מיסיע, און אויסגעטאָן אירע אַרבייטער־קליידער... זי רוקט זיך לאַנגזאַם, פּאַמעלאַך אַוועק, אַוועק. און זי איז ניט געבליבען...

פּאַרנאַכט. שאָטענס האָבען פון ערגעץ דערלאַנגט אַ שפּרונג און זיינען דאָ... מ'האָט זיי ניט באַמערקט אָנקומען. די ביימער זעען אויס ווי אַז עדה אידען, וואָס קלייבען זיך דאַווענען מנחה... ס'מערקט זיך אַ באַוועגונג: איינער בינדט צו דעם גאַרטעל,—אַ צווייטער שפּילט צו אַ קנעפּעל פון דער קאַפּאָטע, אַ דריטער מעסט אָפּ מיט זיינע טריט אַ שטיקעל פּלאַץ און שוין — ער דאַווענט און איז פאַרטיפט אין דער תפילה...

די ביימער מורמלען עפּעס אַזאַ שטילע געמורמעל־שפּראַך, און יעדער בוים אויף זיין אייגענעם שטייגער, אויף זיין אייגענעם סטיל: איינער בויגט זיך לאַנגזאַם, געלאַסען, ווי אַ רואיגער בעל־תפילה, דער צווייטער — באַוועגט זיך מיט'ן גוף שנעלער, האַסטיגער, און די בלעטער שאָקלען זיך, פּונקט ווי ביי אַ הייסען חסיד די פּאות, ווען ער צעוואָרעמט זיך שטאַרק ביי דער שמונה עשרה... און אַזוי יעדערער פאַר זיך בעט עפּעס ביים האַר פון אַלע וועלטען, ביי אַ העכערער קראַפט...

און דער עולם צעגייט זיך: מענער, פרויען, קינדער. אייניגע פאָרען און רוישען מערער. אַ פּראָצעסיע, וועלכע איז צעשטערט געוואָרען פון אַ רעגען, און פון די גלייכע רייען איז געוואָרען אַ מיש־מאַש... אַ געטומעל... אָדער צייטענווייז נעמט עס אַן אַן אויסזען, ווי נאָך אַ שרפה, און אַלע זיינען אויפ'ן פעלד מיט'ן ביסעל גוטס. וואָס מ'האָט פאַרכאַפּט מיט זיך: עטלאַכע קישעלאַך, אַ קליידעל, אַ וויגעלע, אַ ביינקעלע...

ש־ש־ש־אַ! ס'איז שטיל געוואָרען מיט אַמאָל! דער גע־

פילדער הערט זיך פארדומפּען פון גאנץ ווייט... אין פּארק איז שוין קיינער ניטאָ. העט־וואו אין אַ פּאַרוואָרפען ווינקעל זיינען ווי פארלוירען געגאנגען עטלאכע פּארלאך — פארליבטע מסתמא! און זיי ריידען אוים אין דער שטילקייט זייערע פארבייגקטע הער־צער... פילען זיך אמת׳דיגער, נאָענטער און אויך — ווייטער...

פריער איז געווען רוישיג און אַז אמת וואָרט איז פארוואַנ־דעלט געוואָרען אין אַ מיספארשטענדניש און — פארקערט...

אין פּארק איז אַזוי שטיל, אַז מ׳הערט ממש ווי די לבנה רוקט זיך דאָרט אויבען אויף׳ן הימעל און שמייכעלט... שמייכעלט, ווי אַ ליבע, קלוגע מאַמע, ווען זי באַמערקט ווי איר זון הויבט אָן ליבען און שעמט זיך צו צוביסלאַך...

אין פּארק איז שטיל. אַ שטילקייט, וואָס דערציילט פון אַזוי פיל, אַזוי פיל...

און די ווייסע שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס וואַלגערען זיך ארום, זעען אוים ווי ווייסע שטיינערנע מצבות, וואָס דערציילען: אָט דאָ איז היינט געזעסען אַ מיידעל און פארשפּראָכען ליבע צום יונגען בחור׳ל... אָט דאָ האָט איינער געביינקט נאָך עפּעס אָדער נאָך עמיצען... אָט דאָ איז היינט עמיצער געווען... אָט דאָ האָט היינט אַ דיינקענדער מענטש באַגראָבען אַ טיפען, לויטערען געדאַנק... אָט דאָ האָט היינט איינער שטילענקערהייט פארלוירען אַ הייסע טרער, וועלכע האָט זיך פארוואַנדעלט אין אַ דימענט און וואַלגערט זיך ערגעץ אין גראָז... ביז עמיצער וועט עס געפינען?... אָט דאָ איז היינט געבוירען געוואָרען אַן אידעאַלער געדאַנק צו פארבעסערען דעם ליידענדען מענטשענס לעבען!...

און אין פּארק איז אַזוי שטיל... אַזוי שטיל... פארנאַכט...

פארנאַכט אויף די בערג.

אַ שפּיל האָט זיך געטאָן דער הימעל מיט פארבען... דער מערב ברענט מיט אַ העליש פייער און די בערג זיינען איינגעהילט אין חלום... ארום איז אַזוי שטיל און האַרץ־פארכאַפּענד טרוימענד... איך לאָז זיך אוועק אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל, וואו קיינער גייט

ניט און זעץ זיך אוועק אויף א שטיין הינטער א הויכען בארג. ווי פרום און גוטהערציג גאטס וועלטער זעט אויס דא ארום... קאפ־ריזנע האבען זיך צעשפרונגען די בערג: גרויסע און קליינע און נאך קלענערע, גלייך זיי וואלטען בייז געווען איינער אויפ'ן צווייטען, און ווילען איז קיינע עסקים ניט קומען... ליבענד־איבערגע־געבען ליגט די מוטער־ערד אונטער זייערע פיס און קוקט ארויס אויף א באפעל, ווי א געליבטער ביי די פיס פון זיין הארצענס־שיינהייט... דא און דארט האבען בוימעלאך זיך אנוועקגעשטעלט, פונקט ווי קליינע קינדערלאך וואס פאר'גנב'ענען זיך זען וואס עלטערע טוען...

און זיס און חיות'דיג איז צו זען ווי, די נאטור שפילט איר אייגענארטיגע פרימיטיווע שפיל פון ליבע, טרוים און פאנטאזיע... בלויז איז דער הימעל אין דערמיטען, רויט איז דער מערב און העל־בלייך איז דער מזרח... וואלקענדלאך, ווי קליינינקע, ווייסענסע אויסגעבאדענע שעפעלאך, גליטשען זיך פון אן אנדער זייט ווינקעל פון ערגעץ... די לופט איז טרוקען. רייז, און ס'ווייזט זיך אויס, אז די לופט האט א געהיימע קראפט און רעדט, שמועסט מיט עמיצען... איך האלט איין מיין אטעם און הער זיך איין, אפשר וועל איך קאנען כאפען כאטש איין זילבע פון נאטורס שפראך... ווי רייך די שפראך מוז זיין! אלע שפראכען לערנען מענטשען גרינג זיך אויס, אבער דאס איז די איינציגע שפראך, וואס זייער ווייניגע קאנען פאר־שטיין און לערנען... פויגעלאך סוויטשערען אויף זייערע דינינקע סאפראנא־שטימעלאך און זינגען שירה, נאכט־געבעט... זינגט, זינגט, פויגעלאך און דערקוויקט מיין נשמה!... איך האב ניט ליב אנדערע געזאנגען — די פאלשע, וואס מ'קריגט פאר געלט אין דושנע היי־זער... איך ליב פריי געזאנג, אייער געזאנג, אייערע טענער... יענע טענער דערציילען פון וויי און אומגליק, אייערע דערציילען פון רו און פרייהייט... א קליין שמאל טייכעלע שפיגעלט זיך אין דער טונקעלקייט פון לופט... אזוי שיין, רייז, ווי אויגעלאך פון א קליין קינד, זוכט עס אין דער לופט אין ווייטען, טיפען שטח... א זשאבקע שפרינגט געמיטלאך איבער'ן וועגעל, וואס פירט צו א מענטשלאכען ישוב און בלייבט אלע ווייכע שטיין, זיך איינהערען צו עפעס... וואס איז עס פאר א באשעפעניש און וואס פאר פארלאנגען פאר־מאגט עס? און אט בליאסקעט דאס קאלירטע פעלכעל פון א שלאנג

און שוין ניטאָ, פאַרשוואונדען, איז גראָז זיך באַהאַלטען... און שאַ. און שטיל איז אַרום, די לופט רעדט, שמועסט, פאַרגייט זיך ווי אַ קליין קינד, און דאָס האַרץ קלאַפּט: טיק־טאַק! טיק־טאַק! און די נשמה לעכצט נאָך עפּעס וואָס, און דאָס בלוט ציטערט אין די אָדערען, און די נאַטור דערציילט עפּעס אויס פאַרנאַכט... אויף די בערג...

———<>———

ביינאַכט.

שטיל... די וועלט שלאָפט, רוט. אַ נאַכטיגע גלאַסענקייט שפּאַצירט אום אַליין.

דער הימעל איז בלוי און אַזוי פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט וועגען עמיצענס שיקזאַל און זעט אויס ווי אַ געטרייע מאַמע, וועלכע בייינקט נאָך אַ ליב קינד...

די לבנה שווימט אויבען אַרום, ווי אַ שטאָלצער שוואַן אין אַ קרישטאַל־לויטערען טייך.

און קוקט מען לאַנג אויף איר, ווייזט זיך אויס, אַז עפּעס אַ שטיל גערודער טראָגט זיך אין שטח פון די הויכע הימלען.

שטיל... ס'פאַלט אַן אַ געמיטלאַכער פּחד און דריקט דעליקאַט ביים האַרצען: ביינאַכט! שאַ, שטיל און דאָך עפּעס אַזוי רוישיג!

ס'פילט זיך ווי אַ פאַרבאָרגענער קוואַל וואָלט זיך געשלאָגען ערגעץ טיף, טיף אין דער ערד און דאָס לויפען, דאָס דורכקעמפען אַ וועג פאַר זיך דורך שטיינער און העלצער, לאָזט זיך פילען אין שטילען וואַסער־געמורמעל...

שטיל... מ'שלאָפט, מ'רוט און דאָך איז מען וואַכענדיג און אַ קלאַפּעריי, ווי פון טויזענטער מאַשינען, וואָלט זיך הערען פון ווייט, זייער ווייט!

די הייזער שטייען אַזוינע ערנסטע, מיט אַזוי פיל דאגה אויפ'ן אויסזען, אַז ס'ווייזט זיך אויס, אַז אָט־אָט און זיי וועלען אויס־שיסען אין אַ געוויין און אויסדערציילען פון זייער ביטער געמיט, — פון זייער סוד, וואָס זיי טראָגען טיף, טיף אינווייניג באַגראָבען...

שטיל... און ערגעץ האָט אַ לאָקאָמאָטיוו אַ רעווע געטאָן, אַ

וואָס גענאָרט, ווי אַ הונגעריגער וואָלף, און מיט אַמאָל אַנטשוויגנען געוואָרען און אַ נאָכגעשריי האָט זיך צעגאַסען, ווי אַ קרעכץ פון אַ גוסס'ן לייב, איבער דער שטילער לופט פון בייגאַכטיגער אַט־מאָספערע...

אַ הילכיגער געלעכטער האָט באַליידיגט די שטילקייט: אַ שיכור האָט זיך געשלעפּט איבער'ן טראָטואַר, זיך געוואָרפען פון זייט צו זייט און אַ שיכור'ע אילוזיע האָט אים אַ שטויס געטאָן זיך צעלאַכען הויך אויף אַ קול, הויך און שיכור'דיג...

אַ מרה־שחורה באַפאַלט, ווען אין אַזאַ שטילער, עלענדער שטונדע פון נאַכט צעלאָזט זיך אַ פּראָסטער געלעכטער, וועלכער דערמאָנט אייך גלייך, אַז די וועלט איז ניט קיין שטילע, נאָר אַ שיכור'ע, פאַרדאָרבענע און זייער פּראָסטע, זייער פּראָסטע...

שטיל... אַ טראַמוויי האָט זיך דורכגעטראָגען מיט אַ האַס־טיגען אימפּעט, אויסגעשפּיגען עטלאָכע באַשעפעניש'ען און אַוועק. אַקוראַט ווי ס'וואָלט זיך נאָך איר עמיצער נאָכגעיאָגט און גע־וואָלט זי איבערקערען.

אַ פּאָליסמאַן האָט אַ פייף געטאָן מיט זיין קליין פייפעלע און דער טרויעריגער סוויסטש האָט ווי דערלאַנגט אַ הילכיגען פּאַטש אין פּנים דער שטילער, רואיגער, אומבאַוועגלאָכער לופט.

און שווערע טריט פון אַנטשלאָסענקייט האָבען אויסגעקלאַפּט אין אַ קלאַפּען־שפּראַך, אַז אַ היטער פון געזעץ גייט!

און דאָך איז זיין געזיכט אַזוי מילד און רואיג, פּונקט ווי די סאָלידע וויבראַציע פון דער לופט אַליין...

איך פּרוּאוו לייענען אויף זיין געזיכט זיינע געדאַנקען; עפּעס שרעקט אים אַליין די נאַכט מיט איר שטילקייט, מיט איר פרומ־קייט און מיט איר פאַרבאָרגענקייט. ער וואָרפט דעם „קלאָב" און שפּילט זיך מיט אים און פּלוצים טוט ער אים שטייף אַ נעם אין האַנט: שפּעט אין דער נאַכט! געזעץ! פליכט! מ'טאָר ניט דיינקען!

שטיל... די שטילקייט וויל גאָרניט אַנטשוויגען ווערען און רעדט אַזוי פיל, רעדט און דערציילט. די נאַכט איז פאַרליבט און גיסט אויס אירע ליבעס־געפילען צו דער לופט, צום הימעל, צו דער לבנה און צו דער נאַכט — אירע אַ לייכלאָכע חבר'טע...

ערגעץ אין א „שיינק“ איז ליכטיג: עטלאכע פיגורען באַ־וועגען זיך אקעגען דער שיין פון עלעקטרישען לאמפּ, א בראַזגעריי פון גלעזער דערהערט זיך פלוצים און א ליד — פון שכור׳ע ברוסטען, צעפלאַסענע מארכען, לאזט זיך הערען.

א שכור־ליד פון צווייפעל און יאוש, פון ליבע און פאראכטונג, פון גלויבען און אנטוישונג, פון האפען און וואקלען זיך — א שכור־ליד!!!

און א טאפּען פון שכור׳ע פיס, וועלכע קלאפּען אויס צום טאַקט דאס ליד, די מעלאדיע פון שכור׳ן מארד...

שטיל... ביינאכט איז אלע מאל שטיל, אבער אלע מאל פילט זיך אין דער עלענדער, רולאזער שטילקייט פון נאכטס־רואיגקייט, א קלאַנג, א ליד, א שיכור־ליד פון ניכטערע מענטשען, וועלכע שיכור׳ן בייטאג, און א ליד, א שיכור־ליד פון שיכור׳ע מענטשען, וועלכע שיכור׳ן ביינאכט.

שטיל...

און די נאכט האלט זיך קוים אויף די פיס! זי איז שכור.

——<>——

קלאנגען.

שטיל איז ארום די נאכט. די לופט איז קיל און דערקוויקענד; דער הימעל איז אזוי הויך און בלוי באשפּרינקעלט מיט מיריאדען שטערענדלאך און א לבנה, ווי א זילבערנער טעלער, מיט עפּעס א פּנים, קוקט ארונטער...

איך ליג אויף׳ן בעטעל... ניט ווייט פון מיר נאך איינער און נאך איינער: פילען עפּעס ניט גוט!

מ׳רעדט ניט!

שא! שטיל! ארום ברייטע פעלדער און בערג ציען זיך אוועק ערגעץ ווייט־ווייט און ס׳ווייזט זיך אויס, אז דארט, וואו זיי ענ־דיזען זיך, איז סוף וועלט — דער עק פון דער וועלט...

בוימער זיינען אויך דא אין מיטען, און מיט זייער רואיגען אויסזען אין דער נאכט־לופט, מאכען זיי אן איינדרוק ווי שומרים.

וועלכע מען האט אוועקגעשטעלט מיט א שטרייגנגען אנזאג, זיך ניט רירען פון ארט!...

שטייען זיי און קוקען מיט ערנסט און היטען עפעס, וואס אין דער נאכטיגער אטמאספערע.

א שטערענדעל רייסט זיך אפ פון הימעל און פאלט ערגעץ ארונטער: עמיצענס מזל, זאגען אלטע ווייבער, צעבראכען גע־ווארען...

שרעקט זיך דאס הארץ: אפשר, אפשר?... און מזל איז אזוי ווייניג דא הינטער׳ן הימעל, אזוי ווייניג!

א הונט האט זיך ערגעץ צעוואיעט מיט אז יללה־קול, אז ס׳רייסט זיך ממש אפ דאס הארץ און די בלוטען הויבען אן שטעכען אין די אדערען.

ווייט־ווייט טראגט זיך אוועק דער געביל און קלאפט זיך אן אין די הויכע, מאסיווע בערג, גלייך א פארוויטאגטער מענטש וואלט זיך געשלאגען מיט׳ן קאפ אין וואנט...

און די לופט ציטערט, ווארפט זיך, קארטשעט זיך אין אנג־סטען אויס בענקשאפט נאך עפעס וואס.

קלאנגען טראגען זיך אום אין דער לופטען און ווייברירען. וויברירען קוים וואס דער אויער פארכאפט זיי, קוים וואס די נשמה דערפילט זיי...

אקעגען פון ערגעץ זייער ווייט ווארפט זיך א פייערל און מאכט אזוינע חלשות־גרימאסען, בעט רעטונג, הילף, און אט איז עס ניט געבליבען!

און ס׳טוקט זיך ווידער און ווארפט זיך אליץ, נאר מיט מער ברען און וויטאג...

א פויגעל האט א פלי געטאן בליץ־פלינק און ניטא! א בלעי־טעלע האט זיך אפגעריסען פון צווייגעלע און גליטשט זיך אין דער לופט ארונטער; א זשוקעל זשומעט פונקט לעבען מיין אויער און איך פיל עס אזוי נאענט, נאענט, און ס׳איז פלוצים שטיל געבליבען.

די גאנצע נאטור האט זיך צערעדט, צעזונגען אין דער פאר־חלום׳טער לופט פון נאכטס־קלאנגען... ס׳איז, דוכט זיך, שטיל און דאך רעדט אליץ, שרייט אויף קולי קולות, באקלאגט זיך און בעט תחנונים!...

און צום טאקט פון אלע קלאנגען זיינען צוגעקומען מוזיק־קלאנגען און האבען באריכערט די נאכט־לופט, די זיסע, שטילע געבעט־סימפאניע...

פיעסטשעט זיך א פידעל וואו, וויינט, קלאגט, דערציילט פון הערצער געבראכענע, געפילען אנטוישטע, גלויבענס צעטראטענע, און באלד קומען קלאנגען פון האפענונג, פון יוגענט־גלויבען, און קילען, שמירען די הערצער, ווי מיט א פעטער זאך, מיט בוימעל.

און די נאכט זאפט אין זיך אלע איין, שלינגט, ווי א הונגעריגער, רייסט, שלעפט און שווייגט, וויל קיין זאך ניט זאגען, איז פארגיטיגט מיט כל־טוב...

ארום איז שטיל, שטיל! א ווינטעלע האט זיך א וויג געטאן און שפילט זיך מיט מיינע לאנגע האר, גלעט זיי, ווי א היים־געליבטע און סוד'עט מיר עפעס אין אויער: „א גוטע נאכט" מסתמא.

איך בין אומרואיג און קען ניט איינשלאפען. געדאנקען מאטערען מיך, טראגען מיך אוועק ערגעץ ווייט־ווייט, און וואו „די ווייט" איז, ווייס איך ניט!

ווייט!!! דאס גאנצע לעבען איז א ווייטע שטרעקע און איז אזוי נאענט לעבען דער נאז...

בלינד זיינען אבער די געפילען און האבען אפילו ניט די קענטנים אנצוטאפען, ווי א בלינדער, זאכען...

קלאפט דאס הארץ און יאגט האסטיג! אט און ס'אנטלויפט ארויס פון ברוסט און לאזט מיך איבער אן עלענדען, קראנקען, מידען, מיט א ליידיג ברוסט־קעסטעל...

און אפשר? אפשר איז שוין מיין הארץ לאנג ניט אין ברוסט? די געהירען אין קאפ? דאס בלוט אין די אדערען?...

ליידיג און פוסט! אנטוישט און צעבראכען!

געוועז אמאל א מענטש און איצט? עפעס יא און ניט?!

וויינט, קלאגט, צאפעלט א קלאנג פון פידעל!

א מענטש פירט מיט'ן „סמיק" איבער די סטרונעס און קלאנגען צעלאזען זיך, טרינקען זיך אין דער לופט, בעטען רעטונג, און ס'קומט ניט!

ס'קומט ניט פון ערגעץ!

די לופט איז קיל און די נאכט איז שטיל, שטיל! איך פאר־טשע זיך אויפ׳ן געלעגער, ווארף זיך און קען נים איינשלאפען!

און א שכן כראפעט!...

איך גיב אויף אים א קוק און זע ווי רואיג זיין געזיכט איז און ער פילט נים, ווייסט קיין זאך.

איך בין אים מקנא! ער הערט נים די נאכט־קלאנגען!

און איך הער זיי יא!!!

טרינק זיך אין זיי, ווער פארפלייצט, און אט איך בין א דער־טרונקענער!!!

א פייף האט איבערגעריסען די נאכט־שטילקייט, די זיסע, מע־לאנכאלישע קלאנגען פון פידעל, די לויפעניש פון מיינע בלוטען, דעם ריטמישען טאקט פון לופט געמורמעל, און ס׳איז גארנים געבליבען!

געשטארבען אלץ אין לעבען פון לופט, בארג און פעלד... מ׳האט צעריסען די קלאנגען! צעריסען!

די בוימער רעדען.

ס׳איז מיר נמאס געווארען די שטאט מיט אירע תענוגים, מיט אירע פריידען. אן אייביגער טאראראם, א געלויף, א יאגעריי נאך עפעס נישטיגעס, טאג־טעגלאכעס. ווידער ארבייט אין פאב־ריק און ווידער אין איינגען חדר׳ל, און ווידער דאס אייגענע און נאך אמאל דאס אייגענע!... עפעס נייעס?... עפעס הארץ־פארכא־פענדעס?... וואו איז עס?... וואו נעמט מען עס? גיין! איך גיי היינט נים ארבייטען! היינט גיי איך זיין א מענטש פאר זיך אליין... און איך בין אוועק אין א פארק. ווי שטיל!... ווי רואיג־זים ס׳איז צווישען די בוימער... שא... קיינער איז ניטא אין פארק — איך אליין, אליין... און ארום אזוי פיל בוימער... בוימער! בוי־מער! איך לייג זיך אוועק אויפ׳ן גראז און קוק אויפ׳ן הימעל. אוי, ווי בלוי און ריין ער איז עס! אזא מילדקייט, ווייכקייט ליגט אויסגעצויגען אויף זיין אנגעזיכט... אויפ׳ן הארץ איז אזוי גוט, אזוי

שטיל־פארגעניגענדיג... און דאך אזוי ביינקענד־דריקענד. שא. שטיל! די בוימער מורמלען, דערציילען עפעס אויף זייער שפראך צו דער לופט, צום הימעל... און אפשר אויך צו מיר? איך הער זיך איין, או, גאט! ווי זאנפטיג ס'איז די שפראך פון בוימס געמורמעל אין אזא פרעכטיגען פרילינגס־טאג!... די בוימער רעדען! די בוימער רוישען אויס זייער געמורמעל־שפראך... א שטילע, דיינ־קענדע שפראך פון איין זילבע נאר: הוזש! הוזש! הוזש! הוזש! זש — זש— זש — זיי רעדען! רעדען און בארואיגען און מאכען נערוועז, אבער ניט קיין משוגעת־נערוועזיטעט, נאר א זיסע, וואַ־רימע, צעגיסענדע־זיך נערוועזיטעט, ווי גוטער־ שטארקער וויין — איבער אלע גלידער... די בוימער רעדען... קען דען זיין א זיסערע שפראך? קען דען זיין א לאסטשענדערע ווייכקייט ווי דער גע־מורמעל פון די בוימער אין אן אויסדערוויילט־שיינעם טאג פון גע־טרייען פרילינג? איז דען דא עפעס מער דערקוויקענדעס? מער מעלאנכאליש־זיסעס? מער היילענד־וויטאגדיגעס? מער זארג־פרייכאבדיגעס ווי וועז?... די בוימער רעדען! ?...

א ווינטעלע ווייעט.

א ווינטעלע ווייעט... שא. הער זיך איין צום געוויין־געמור־מעל, ווי דאס ווינטעלע גיסט אויס א געבעט צו עמיצען.

ס'ווייעט אזוי שטיל. קוים הערבאר, און בעט זיך מיט אזא ווייך קול: — הער מיך אויס, איך וויל עפעס, פארלאנג עפעס ביי דער וועלט!...

שטיל... ווען א ווינטעלע ווייעט, ווערט די וועלט שטילער, רו־איגער, געלאסענער, שטעלט זיך אפ אויף א מינוט און הערט זיך איין צום ווינטעלע'ס געוויין, הערט זיך איין און בלייבט פאר־טראכט.

ס'ווייעט... ש־ש־ש־א! ס'ווייעט א ווינטעלע און שאקעלט א בלעטעלע פון בוים, בויגט עס הין און הער, ווי א קליין קינדעלע רייסט דער מאמע'ס פארטוך, ווען ס'וויל עפעס וואס...

און דער הימעל ווערט ערנסט און הערט זיך איין צום ווינ־טעלע, וויל וויסען וואס א קליין, שטיפעריש ווינטעלע קען וועלען און פאדערען... ס'איז, דאכט זיך, אזא שטיל געוויין, ניט קלאַ־גענדיג, ניט ברעכענדיג מיט די הענט, ניט איינגעלייגט וועלטען און ס'רירט אזוי דאס הארץ, די נשמה, פארכאפט און הייסט זיך פארטראכטען, צוהערען צו זיינע וויספערענדע ווערטערלאך...

שטיל... א מחיה'דיגע, דערקוויקענדיגע שטילקייט פילט זיך אינ'ם ווינטעלעס געוויין. ס'וויינט מיט סאמעט־ווייכע טענער. ס'גלעט, צערטעלט און ווירקט אזוי שטארק און אנגרייפענד.

אַט, הער זיך איין ווי ס'וויינט! א מיסטישע הוזשעריי טראָגט זיך, ווי „א קול דממה דקה", קוים, קוים וואס מ'הערט עס און דאך איז עס אזוי שטארק, גלייך ס'וואלט א דונער געקנאלט און איינגעלייגט וועלטען...

א שטיל געוויין, א שטילער געמורמעל, א שטילער פליסטערן. א שטילער געוויספער רעגט טיפער אויף די נשמה, מאכט גיכער פארציטערט ווערען, ווי די רוישיגסטע קלאנגען.

א ווינטעלע וויינט... א קליין, שטיל, שוואך ווינטעלע וויינט און וועקט אויף א וועלט מיט איר גאנצער קראפט, מיט איר גאנצער אילוזיע־מאכט, — א ווינטעלע וויינט.

האסטו זיך ווען צוגעהערט, מיין קינד, ווי א פידעל וויינט אויף דער דינסטער, צארטסטער סטרונע?

האסטו פארנומען יענע לאַסטשענדע אקארדען, די געבעט־טענער, וועלכע רייסען זיך ארויס „שטום" נאר מיט א וואונק און רודערען אויף די נשמה, וועקען און רייסען פאסעם פונ'ם גאנצען איך?...

זיינען זיי ניט ריזיגער, מעכטיגער ווי די הויכע, שרייענדע טענער? רירען זיי ניט טיפער, דערציילען זיי ניט א שענער גע־שיכטעלע פון לעבען, וועלט, פארלאנג און ווען א פידעלע וויינט שטיל, בעט זיך אין א פארבארגען־סודות'דיגען קלאנג, פילסטו ניט ווי צופאלען צו דער ערד מיט'ן פנים און שטילערהייט „קוים הער־באר" העלפען מיטוויינען, מיטבעטען יענע טענער פאר עפעס בע־סערס, שענערס?

פילסטו ניט ווי צופאלען צו דער געליבטער'ס זוים פון קלייד

אין יענע מינוטען און שווייגענד, שטיל אויף גאר נידעריגע טענער בעטען:

— קום, א, שיינע, מיט מיר אין אלע וועלטען און גיס מיר אריין אנמעכטיגע מאכט אין בעבער און לאמיר טרינקען שטיל אויפ׳ן וואונק און נאך שטילער זינגען „א זייער שטילעס" ליבעס־ליד, קיינער זאל עס ניט הערען און דאך זאל די גאנצע וועלט פאר־גאפט ווערען!...

שטילע, נידעריג־ווייכע טענער! ווי הארציג איר זיינט, ווי טיף איינגעבאקען אין הארצען!איר זיינט מיר פון תמיד אן! נאך אלס קליין קינד האב איך אייך געליבט. ווען איך האב זיי גע־הערט פון זעליג דעם קלעזמער׳ס פידעלע, ווען ער, א מידער, אן ערשעפטער, האט אויף דער דינסטער סטרונע דערציילט די „חתן כלה" פון וועלטס־באנג, וועלטס־בראנד, וועלטס־פארלאנגען און פון גארינט!...

טענער פון גארניט. כא! כא! כא! האט איר אמאל גע־הערט טענער „פון גארניט"?

איך האב זיי אפט געהערט! מיר דאכט, זיי זיינען די שענס־טע, ריינסטע טענער, ווען זיי דערציילען פון גארניט און פון גאר דער וועלט...

אט זיצט ער, דער קינסטלער־קלעזמער זעליג און שפילט פון גארניט, פון גארניט, פון גארניט...

און דער עולם קוועלט, לעקט די פינגער פון די טענער. לאזט א טרער, ווייל די „פון גארניט טענער" קענען אויפרייסען א טוי־טען, אויפוועקען די נאטור און מאכען דעם הימעל וויינען מיט ביטערע טרערען...

דאס פידעלע וויינט פון גארניט, פונקט ווי א שטימונגספולע קינד וויינט פון גארניט...

און וויינען פון גארניט איז אזוי פייערדיג־אנגרייפענד, אזוי היסטעריש־אנשטעקענד, אזוי רירענד!

ס׳וויינט זיך און ס׳וויינט זיך פון גארניט.

מוז מען דען האבען אן אורזאכע צו וויינען? צו שרייען? צו שלוכצען? ניין! אפט וויינט מען, ווייל ס׳איז גארניט. און דע־מאלט ערשט איז עס „גאר" און זייער געפערלאך...

א ווינטעלע ווייגט פון גארניט. ס'ווייגט שטיל, שטיל...

ווער האט דאס ווינטעלע געטשעפעט? קיינער ניט! ס'ווייגט זיך אוים אביסעלע דאס הארץ, ווייל ס'וויל עפעס אזוינס, וואס ס'איז גאר נישטא...

א ווינטעלע ווייגט... און הער זיך איין, מיין קינד, צום גע־רויש־שטילען געוויין. מ'הערט עס דאך ניט. ערגעץ אין א ווינ־קעלע ליגט עס באהאלטען און ס'ווייגט, ווייגט מיט א שטילען געוויין.

האסטו עס ליב? יא! ס'צעגייט זיך אין יעדען אבר דאס שטילע, בא'חנ'טע כליפען... יא, איך האב עס אויך ליב, ווייל ווען דאס ווינטעלע ווייגט „שטיל", ווילט זיך מיר דעמאלט פאלען כורעים און ליגען מיט'ן פנים צו דער ערד לאנג, לאנג...

ס'איז אזוי גוט, ווען ס'ווייגט מיט אזוינע שיינע טרערען. מ'זעט זיי ניט און מ'הערט זיי ניט און זיי פאלען אריין גלייך אין דער נשמה און ברען, בריען שטיל...

אלעס ווערט געטאן אין דער שטיל, ווען דאס ווינטעלע ווייגט מיט אזוינע שטילע טרערען. איך וואלט געקענט שטילער־הייט איבערשניידען מיין האלז מיט א מעסער און ניט פילען... איך וואלט געקענט ארונטערשפרינגען פון א הויכען בארג און ניט פילען ווי איך ווער דער'הרג'עט...

אבי ס'ווייגט נאר שטיל און קושט זיך מיט די בלעטלאך און רייצט זיך פאליך מיט דער זון.

איך וואלט געקענט זיך שטעלען גאט אנטקעגען, ווען די דינע, ריינע טענער פונ'ם ווינטעלע רירען אן מיין נשמה...

וואס הייסט דאס, הא? ווער איך דעמאלט משוגע? פארליר איך מיין פארשטאנד אין יענע מינוטען פון שטילער נאטור־אי־דיליע?...

וואס ברענט אין מיר אזוי שטיל מיין בלוט? וויין, ווינטעלע, וויין! איך קריך אויף די גלייכע ווענט, ווען דו ווייגסט אויף דיינע שטילע ניט רייסענדע טענער!

אהער קומט איר אלע, מענטשען־קינדער, און הערט ווי א קליין, שוואך ווינטעלע ווייגט און הערט זיך איין מיט הארץ, ניט מיט קאפ צו די משוגע'נע, שטילע טענער!

איר הערט ווי ס'וויינט, צי איר הערט ניט? ס־וו־ייי־נ־ט! ס־וו־ייי־נ־ט!

און איך וויין אויך, ווי דאס ווינטעלע אין דער שטיל, קיינער זאל ניט הערן, אבער פילן פילט איר, הא?...

פילט איר ווי טויזענטער, מיליאנען מענטשען־קינדער וויינען שטיל אויף די פיינסטע טענער און זיי רירען אייך גארניט ביז בלוט? איז עס מעגלאך?

אט האב איך נעכטען געהערט, דורכגייענדיג א פאבריק, ווי מיידלאך־ארבייטארינס האבען געוויינט אויף די שטילסטע טענער: זיי האבען געזונגען א ליד אין דער שטיל פון „פרייהייט" און איך האב מיטגעוויינט מיט זיי אויף די שטילסטע טענער...

זיי האבען נאר געזונגען דאס ליד. שטיל געזונגען. און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אינווייניג אין פאבריק לויפט ארום א קליין ווינטעלע און וויינט זינגענדיג, אדער זינגט וויינענדיג... א ווינטעלע וויינט.

אלעס וואס איז שטיל, רואיג איז ווי א ווינטעלע וואס וויינט אין דער שטיל, בעט זיך אין דער שטיל און שאקעלט א בלעטעלע צארט...

אבער דאס שטילע געוויין, די שטילע טענער זיינען אזוי רירענד, אזוי אנגרייפענד, אז מ'קען משוגע ווערען דערפון.

א ווינטעלע וויינט! א מיידעל זינגט! א קינדעלע וויינט! א פידעלע קלאגט!

הערט איר דען ניט? פילט איר דען ניט, הא?

יענע ערשטע דינע טענער פון זעליג דעם קלעזמער האבען צעריסען מיין נשמה און איך האב מער ניט געקענט הערען קיין ראש, קיין טומעל, דעם פויק!...

דאס פידעלע וויינט אויף דינע טענער און ס'וועקט, רופט. דאס ווינטעלע בלאזט מיט א קול דממה דקה קול און ס'ווירקט. א מיידעל זינגט „שטיל" א פרייהייטס־ליד ביי דער ארבייט און איך בין גרייט די וועלט איבערקערען... שטילע, שטילקייט קען וועלטען אויפרודערען...

און אצינד הער איך ווי א ווינטעלע וויינט... א קליין, שוואך ווינטעלע. ס'ברעכט ניט קיין בוימער, רייסט ניט קיין דעכער.

ניין! ס'ווייגט אויף די שטילסטע טענער און איר הערט ווי ס'לייגט איין וועלטען שטילערהיים?...

אוי, די שטילע טענער, די שטילע טרערען, די שטילע, ווייכע בײנקשאַפטס־לידער, די סאָלידע וויבראַציע פון בוים'ס בלעטעלאַך מאַכען מיך משוגע, מאַכען מיך ווילד און איך צעוויין מיך דעמאָלט „אין דער שטיל“, קיינער זאָל ניט הערען, קיינער זאָל ניט זען. אָבער פילען וועט די גאַנצע וועלט, ווי מ'פילט דעם ווינטעלע'ס געוויין, דעם פידעלעס שטילע קלאַנגען, דער ארבייטערס מיידעל שטילע פרייהייטס־ליד!...

א ווינטעלע ווייגט. א קליין ווינטעלע — און שאָקעלט די ביימער קוים וואָס מ'זעט, קוים וואָס מ'הערט. אָבער פילען!? יאָ, מ'פילט און מ'דערפילט זיי די שטילע, איידעלע קלאַנגען פון ניט איינלייגען א וועלט, נאָר פון רופען מיט'ן וואונק: — קומט אהער, איר אלע מענטשען־קינדער, און זאָגט וועלכע טענער זיינען די ווירקענדסטע: די שטאַרקע, באַרוישענדע, אָדער די שטילע, וועיך־אנגרייפענדע?...

א ווינטעלע ווייגט. שטיל... שטיל... שטיל...

און — — — מ'קען דאָך פון זינען געריהרט ווערען פון אזוינע זיסע, פאַרוויגענדע טענער, קלאַנגען און נאָמעס...

א ווינטעלע ווייגט שטיל... שטיל... שטיל...

און איך הער אַן ענטפער פון ערגעץ: — מיר פילען! מיר פילען!...

—<>—

הומאָרעסקעו און פעליטאָנעו.

יאנקעל־עלי.

אז ער איז אנגעקומען צו קאלומבוס׳ן אין דער מדינה, האט ער די ערשטע זעקס־גארענדיגע קללה דערלאנגט קאלומבוס׳ן, געבאד...

וואס עפעס א צרה איז „קאלומבוס" שולדיג און לייזט קללות. אז א סוחר וואלט זיך געוואונשען לייזען אזוי פיל געלט בהרחבה...

— אז פארברענט זאל געווען ווערען קאלומבוס, איידער ער איז נאך געקומען געפונען אמעריקע! נו, נו! א מדינה, אז א כאליערע זאל אים געווען טרעפען אויפ׳ן וועג ערגעץ, דעם נארישען לעקיש! — שעלט אים יאנקעל־עלי.

ארימער קאלומבוס! קארג זיך אויסגעשטאנען צרות מיט שרעק אויפ׳ן ים און שיר אריינגעווארפען געווארען אין ים אריין צוליב דעם, וואס ער האט געוואלט, אז יאנקעל־עלי זאל קומען אהערצו און געפינען א ווינקעלע...

יאנקעל־עלי אבער שעלט און ווארפט שטיינער אויף זיין קאפ, אקוראט ווי קאלומבוס וואלט אים געשלעפט פאר דער פאלע קיין אמעריקע.

אזוי ווי קיין שוואך מענטשעל איז יאנקעל־עלי ניט געווען, האט ער גענומען א „פושקארט" און זיך געלאזט איבער די גאסען פארקויפען באנאנעס, אוגערקעס, ציבעלעס, קרויט, מייערלאך, רע־טעכלאך, און האט אנגעהויבען „מאכען" א לעבען...

אז יאנקעל־עלי האט דערזען, אז מ׳קען מאכען א לעבען, און זיינע מוסקולען דינען, גאט צו דאנקען, ארומשלעפען די פוש־קארטס, איז ער געווארען „מילדער" צו קאלומבוס׳ן...

די ערשטע צייט האט ער גענעסען ווייניג. ער האט גע־האלטען אין אונטערשעלטען קאלומבוס׳ן און קלייבען א פעני צו א פעני.

ווען די ביזנעס איז אבער אוועק גוט, האט ער אז „עס" גע־טאן, ווי אין פסוק שטייט: ער האט געריבען אויף אלע ציין...

און קאלומבוס'עס מדינה האט שוין אזא טבע, אז וואס ווייטער גייט בעסער, אויב ס'גייט גוט... און יאנקעל־עלי האט אנגע־הויבען פארגעסען זיין נאמען.

וואס הייסט פארגעסען? ווער איר הערען. איינמאל גיי איך מיר אזוי דורך פרינס סטריט און דערזע יאנקעל־עלי'ן ווי ער שרייט: ווייבער, ווייבעלאך, צערייסט מיך! צעפליקט מיך! איך האב די אמת'ע „גודס"! רייסט שטיקער, ווייבעלאך! די פרישע! די גוטע! קויפט! זעקס פענים א דאזען (טוץ) פיקעלאך, אוגערקע־לאך, קויפט ווייבעלאך!

און ווייבער, ווייבעלאך קויפען ביי אים און האלטען פון אים א וועלט. קיין זאך בארשט ווּאלטען זיי פאר יאנקעל־עלי'ן ניט אוועקגעגבען, ווי מ'זאגט.

— העלאו, יאנקעל־עלי! — באגריס איך אים. ענטפערט ער ניט.

— ווי גייט'ס, יאנקעל־עלי? — גיב איך אים א קלאפ איז פלייצע.

ווערט ער בייז און רופט זיך אפ צו מיר: — וואס דיינקסטו, אז איך האב ניט באצאלט פאר א שיפסקארטע גלייך מיט דיר, הא?... איך הייס „איזי", הייס איך, און אזוי רופט מען מיך דא! ס'אמעריקע! ס'איז קאלומבוס'עס מדינה און יאנקעל־עלי רופט ער מיך! אזא מנובל!...

— נאר איינער וואס דו ביזט, יאנקעל — און דעם עלי צעביים איך צווישען די ציין און זאג: איזי! איך וועל דיך רופען אזוי ווי דו ווילסט!

איך בין נאך געשטאנען אביסעל און אוועק, טראכטענדיג ביי זיך: ווי קומט יאנקעל־עלי צו „איזי" — מה ענין שמיטה להר סיני?... אבער — ס'אמעריקע!...

א צייט איז אוועק און איך האב יאנקעל־עלי'ן, איזי'ן מיין איך, ניט געזען. ווי אין וואסער אריין.

אין עטלאכע יאר ארום באגעגען איך איינמאל איזי'ן פירענ־

דיג „געארעמט“ א גאנץ שיינע פרוי און ער? — מאמעניו מיינע, א שררה! א באראן! א פירסט — — יאנקעל־עלי?!...

— ווי גייט'ס, לאנדסמאן? — טוט ער מיך א פרעג און גיט ניט אן מיין נאמען...

— א, א דאנק, יאנקעל־עלי! — גיב איך אפ מיט פראצענט...

— וואס? — דערלאנגט א פרעג זיין פרוי.

יאנקעל־עלי קוקט אויף מיר, ווי א גזלן, און פרעגט ווייטער:

— ביזט נאך אלץ א קבצן?

איך איגנאריר זיין פראגע און גיי ווייטער אן מיט מיינעם:

— ביזט געווארען א מענטש, יאנקעל־עלי! איך געדיינק נאך ווי דו האסט געשטאכען לאשעקלאך און געשינדען פון זיי די פעל־לעכלאך! א וואוילער בחור געווען: ארויסגעהאלפען דעם טאטען אין פרנסה!...

— וואס? — דערלאנגט זיין פרוי א פרעג.

יאנקעל־עלי וויל מיך דורס זיין, אבער ער מאכט זיך הארץ און רעדט ווייטער:

— באקאן זיך, טעסי, מיינער א לאנדסמאן, א לערער געווען אין דער היים!

איך ריר אן מיין שליאפע און לאז זי ליגען אויפ'ן קאפ, ווייל „טעסי“ זעט מיר אויס צו זיין א היבשע קו...

— גוד־באי! — געזעגענט זיך יאנקעל־עלי און זיין פרוי גיט א פינטעל מיט איין אויג צו מיר: זשאלעוועט עפעס דאס מיילעכען, וואס זעט מיר אויס צו זיין א גאנץ שיין מילכען...

— גוד־באי! — ענטפער איך און לאז מיך גיין מיין וועג.

איך א צייט ארום האב איך זיך דערוואוסט: אז יאנקעל־עלי איז געווארען קורח־רייך, האט עטלאכע הייזער און האט חתונה געהאט מיט א יענקיש־לעקישעוואטער מיידעל, וועלכע האט פיינט רעדען „דזשואיש“ און האלט אין אלגעמיין ניט פון אידען, ווייל זיי האבען ניט קיין מאניערען, זאגט זי, טעסי...

און ער, יאנקעל־עלי, וועלכער קען ניט קיין ענגליש, ניט קיין אידיש, ניט קיין טאטעריש און ניט קיין וואלעכש, טוט וואס זי, טעסילע, וויל און ליגט נייז איילען אין דער ערד... און איז א ספארט, אבער א ספארט.

ער זעט אויס ווי א מאלפע, וועלכע מ׳האט אנגעטאן „בגדי אנוש" און מ׳הייסט איר זיין סטאטעטשנע, פיין, אמעריקאניש, אויף טעסי׳ס שטייגער און באגריף...

און דעם גראבען סיגאר האלט ער, ווי אן עכטער אמערי־קאנער.. דעם מארגען־ראק טראגט ער ווי טעסי וויל און איז א לענדלארד!

פון די שכנים ציט ער די קליי און קוקט אויף זיי, ווי אויף „גארנישטען", ווייל זיינע הייזער האט ער אין אידישען געגענט. וואו זיין טעסי גלייבט ניט צו קומען: זי האט ליב דזשענטייל פיפל!...

און דאס טשיקאווסטע איז, וואס ער באלאנגט צו א טעמפעל און הייסט שוין א יאהודי, ניט קיין איד...

און ווער איז שולדיג? קאלומבוס! ער האט עס געמאכט פון יאנקעל־עלי׳ן א מאניאק בצורת אדם...

אבער וואס, וואס. קיין קללות גיט ער שוין ניט קאלומבוס׳ן. א, ניין! ווען ער רעדט פון אים, ווערט ער ממש פארגאפט און שרייט אויס: „הי וואז דהי ראיט מען! (ער איז געווען דער ריכ־טיגער פארשוין!)

געווים. ווען ער איז געשטאנען מיט די פערלערס צוזאמען אויף פרינס סטריט און געשריגען: „ווייבער, ווייבערלאך, צע־רייסט מיך! האט ער אים געשאלטען, ווייל וואס איז א פעדלער? א פליין דזשו! (א פראסטער איד.) אבער אצינד איז ער דאך א לענדלארד און א מיטגליד פון טעמפעל „לוקח ביד", איז קאלומ־בוס אל־ראיט, דער אמת׳ער מאן!...

און זיין טעסי לערנט אים, ווי מ׳לערנט א בער טאנצען... און ער טאנצט נעבאך. אוי, טאנצט ער!

צייטענווייז אבער, ווען ער גייט פארביי די פושקארטס אליין און זעט ווי א פעדלער עסט געשמאק די שטיק ברויט מיט ווארשט אדער „קארנד־ביף", כאפט אים אן א קנאה און די סליונע רינט ביי אים ממש פונ׳ם מויל: ער וואלט אויך געקענט זיך אוועק־שטעלען, ווי אין יענע גוטע יארען, און אז „עס" טאז פראסט. אז פוצען, ניט ווי זיין טעסי לערנט אים שוין אזוי פיל יארען:

— איזידאר, עס פאמעלאך! סמאקע ניט! זופ ניט אזוי

שטארק, מ'הערט דאך פאר א מייל!... די נעפקין (סאלפעטקע) איז ארונטערגעפאלען! דעם גאפעל האלט אין האנט בסדר, ווען דו עסט!... דעם מעסער אויך! שמייכעל, ווי א נגיד, נים ווי א פליי־נער בשר ודם!...

— משוגע קען מען ווערען פון אזא לעבען. אבער זיין טעסי ווייטס דאך: געלערנט צוויי יאר אין פאבליק־סקול, געבוירען אין אמעריקע, איז עפעס פארט א „ליידי"! — און ער גייט אוועק פון די פעדלערס...

אמאל, ווען ס'דערעסט אים אבער טעסי'ס לערע, טוט ער א ווארף אראפ מיט אמאל דעם גאנצען „דזשענטעלמען" און שרייט אוים:

— הער מיך אויף באדערען (דערקוטשען) מיט דיינע פיפל! איך וויל עסען ווי א מענטש, און ד'האט'ס אלל!...

און ער כאפט זיך צו צום פלייש מיט אימפעט, לייגט אוועק דעם גאפעל, כראמזשעט אויף אלע ציין און ווייסט, אז ער לעבט אויף גאטס וועלט...

ער האט דאך אבער ליב טעסי'לען און הויבט ווידער אן פאלגען: לערנט זיך זיין א דזשענטעלמען...

און רענט הייסט זי אים נעמען נאך און נאך פון די פליין פיפל — די קבצנים...

זי איז דאך א דזשענטעל־ליידי!...

און ער פאלגט איר, יאנקעל־עלי (איזי מיין איך...), רייסט די הויט פון די ארימע פליין פיפל און רעדט צו זיי פון אויבען אראפ. ווייל ער איז דאך עפעס א יאהודי, א לענדלארד, א דזשענטעלמען... און טעסי'לע, די טעסי'לע די אמעריקאנער געבוירענע, וואס האט געענדיגט צוויי קלאסען פאבליק־סקול, הייסט אזוי...

דאס איז געווארען פון יאנקעל־עלי'ן!...

———<>———

אַן אָפּטער גאַסט.

אויף ווענען מ'ריכט זיך ניט, דער קומט גראדע יא!
זיץ איך מיר אזוי אין א שיינעם פרימארגען און טרינק טיי.

מיין פרוי דערציילט מיר, אז אין קעלער איז שוין באלד קיין קויל ניטא און די ווינטען דערציילען מיר, אז באלד, באלד און א צאפעלדיג פרעסטעלע, א כרופּנע שנייעלע וועלען זיין ביי אונז צו גאסט.

נאטירלאך, ווייס ניט קיין אנגעלייגטע געסט.

דערווייל טוט מיין קליין אינגעלע א הוסט און פארענדיגט דעם הוסט מיט א תקיעה גדולה: א סימן פון קאקליש...

מיין פרוי ווערט א פארציטערטע און ווארפט אויף מיר אזא שטרייגנע בליק, אקוראט ווי איך וואלט געפּעדעלט מיט קייך־הוסט און עס געבראכט אין שטוב אריין...

און דער קלייניגקער, זעענדיג אז די מאמע איז דערשראקען, הויבט אן הוסטען גאר ניט אויף קאטאוועס און בלאזט שופר מיט אלע קליפּערלאך...

און איך טרינק טיי, ביים צו מיט א שטיקעל פּוטער־ברויט און ציטער, ווי א פיש: איך ווייס, אז אט באלד און דער דאקטאר וועט קומען, צונעמען די עטלאכע דאלאר, וואס איך האב ניט, און וועט, אין איין וועג, געבען דעם דראגיסט אויך א געלעגענהייט, וויל דאקטוירים מיט דראגיסטען זיינען אלע מאל גוטע פריינט: איין האנט וואשט די צווייטע און ביידע זיינען ריין, און אפשר בלייבען ביידע אומריין?...

דערווייל קלאפּט מען אין טיר.

איך עפען שנעל אויף און... ס'קאצעל קומט: די לענדלײידי איז דא!

— א גוטער מארגען אייך!

— א גוט מארגען, א גוט יאר — און איך וויל איר שוין זאגען: גייט געזונטערהייט, אבער דער צונג פארטשעפּעט זיך און איך שווייג.

— איר ווייסט, אז איר צאלט ווייניג רענט פאר אייערע פיר רומקעס? — זאגט זי ארוים געלאסען.

— איך ווייס! — ענטפער איך שטיל און עפּעס שטעלט זיך מיר אוועק אין גארגעל...

— וועל איך אייך העכערען אייער רענט (מיין רענט!) מיט גאנצע פינף דאלאר.

— וואס??? מיט גאנצע פינף דאלאר? — שטעלט מיין פרוי אן אויף איר א פאר אויגען, אז איך מעג שווערען, דאס די לענדליידי האט זיך זייער שטארק דערשראקען.

— וואס־זשע, ס'איז דען אזוי פיל? — פרעגט זי מיין פרוי.

— וואו נעמט מען עס אבער אין אזעלכע שלעכטע צייטען? — רעדט שוין מיין פרוי מיט א תחנונים־קול...

— וואס הייסט וואו! — ענטפערט די לענדליידי מיט נצחון: — מ'ארבייט און מ'פארדינט!

— וואו־זשע נעמט מען ארבייט? — פרעגט מיין פרוי.

— קארג ארבייט איז דא אין אמעריקע, מאמעניו מיינע! — ווערט שוין די לענדליידי צעווארעמט...

— יא, יא! ס'איז ניטא — ענטפערט מיין פרוי.

אהער, אהין, אהער, זי וויל ניט וויסען און ראט אונז זיך ארויסקלייבען, ווייל זי קען נעמען פאר אירע רומס א שלל מיט געלט!...

קוים מיט צרות איז געלונגען עפעס אראפדינגען ביי איר און זי איז אוועק.

מיין פרוי נעמט מיך ווידער דורך מיט די אויגען: איך בין אלץ דער שולדיגער...

און מיין אינגעלע בלאזט שופר און איך זע, אז מ'וועט מוזען גלייך רופען א דאקטאר.

געקומען דער דאקטאר און צוגענומען די עטלאכע דאלאר, דער דראגיסט האט אויך ניט געשוויגען, און מיין פרוי קוקט אלץ בייז אויף מיר.

איך ווער אומרואיג!

אזוי איז אוועק דער טאג אין עושר און אין כבוד.

אויף מארגען גאנץ פרי זיץ איך ווידער און טרינק טיי מיט פוטער־ברויט.

מיר רעדען ניט, ווייל ס'איז ניטא פון וואס צו רעדען, אז קיין געלט איז ניטא, קיין קוילען זיינען ניטא, דאס אינגעלע הוסט און רייסט שטיקער פונ'ם לייב און פון דער נשמה און די פרוי קוקט נאך בייז אויך צו אלע גליקען...

דערווייל קלאפט מען אין טיר.

איך עפען אויף און... ס'קאצעל קומט: די ליינדליידי איז דא!

— א גוטער מארגען אייך!

— א גוטער מארגען, א גוט יאר, — און איך וויל איר שוין זאגען: גייט געזונטערהייט, אבער דער צונג פארטשעפעט זיך און איך שווייג.

— איר ווייסט, אז איר נוצט צופיל וואסער און וואסער קאסט געלט!

— געוויס ווייס איך! — ענטפער איך מיט א שמייכעל.

— זייט־זשע טאקע שפארזאם, ווייל אלץ איז בראנד טייער!

— גיט זי אונז א נאטאציע.

— אל־ראיט! אל־ראיט! — ענטפער איך און פיל ווי צו־ ליגען מיין האנט צום קאזיראק, ווייל איך רעד דאך עפעס מיט א לענדליידי...

— וואס איז אייער באשעפטיגונג? — טוט זי מיר א פרעג.

— באשעפטיגונג? איך בין א אידישער שרייבער! — ענט־ פער איך און האב גלייך חרטה, ווייל מיר שטייט ניט אן, אז מיין לענדליידי זאל וויסען ווי ווייט אידישע שרייבער שרייבען...

— אזוי? איר זיינט גאר א שרייבער? אין וועלכען פייפער שרייבט איר? איך ליין דעם „מארגען זשורנאל" און מיין מאן איז גאר א גרימטנער ליינער! — בארימט זי זיך.

— און איך שרייב טאקע אצינד פאר'ן „מארגען זשורנאל" — ענטפער איך מיט שטאלץ.

— וואס שרייבט איר, ראמאנען? איך האב ליב לייענען א ראמאן און מיין מאן לייענט פעליטאנען און וועלט־זאכען: ער וויל וויסען וואס אויף דער וועלט טוט זיך.

— איך וועל שוין זאגען מיין מאן, אז אונזערער א טענענט איז א אידישער שרייבער, און איך וויל איר ארויסהעלפען: א גרויסער קבצן!..

זי געזעגענט זיך און גייט אוועק.

אויף מארגען גאנץ פרי זיץ איך ווידער און טרינק טיי מיט פוטער־ברויט...

מיין פרוי איז שוין אביסעלע מילדער צו מיר, ווייל זי האט

געזען, אז אזא „פערזאן", ווי די לענדליידי, רעכענט זיך מיט א אידישען שרייבער...

פון מיר איז שוין אפגערעדט, אז איך וואקס, ממש ווי א פורים־קוילעטש: איין קליינינקייט, א אידישער שרייבער.

דערווייל קלאפט מען אין טיר.

איך עפען אויף און... ס'קאצעל קומט: די לענדליידי איז דא!

— א גוטער מארגען אייך!

— א גוט מארגען, א גוט יאר! — און איך בין שוין צו־פרידען זי זען...

— מיין מאן האט אייך געזוכט אין פייפער און אייך נית געפונען! — האט זי ממש צו מיר א טענה.

איך פיל זיך אין א פארלאגענהייט און גיב אן א תירוץ.

זי נעמט אים אן, אבער, ווי איך זע, דיינקט זי, אז איך האב זי אפגענארט...

זי רעדט ווייך, אבער שוין נית ווי נעכטען, ווייל אויב איך בין נית קיין שרייבער, בין איך דאך א פראסטער בשר ודם און ס'קומט מיר שוין קיין כבוד נית, וויבאלד אזוי...

זי מאכט נאך עטלאכע באמערקונגען מיין פרוי, למאי זי פאסט נית אויף אויף איר „הויז" און גייט אוועק.

מיין פרוי איז ווידער בייז אויף מיר און קוקט מיט גזלנ'ישע אויגען און איך שוויינ און בעט גאט, אז דעם רעדאקטאר זאל געפעלען מיין פעליטאן און מיין לענדליידי וועט מיר געבען כבוד, ווי ס'קומט א אידישען שרייבער...

מיין פרוי וועט נית קוקען אויף מיר, ווי אויף א „טויגע־ניכטס", און די גאנצע וועלט וועט טאקע אנדערש אויסזען אין מיינע אויגען, ווען כ'וועל קריגען דאס „טשעקעל"...

ווייל נאך אלע מעשיות איז דאך א שרייבער נית מער ווי א מענטש: א מענטש וויל עסען און א שרייבער וויל אויך עסען... א מענטש וויל כבוד און א שרייבער וויל אויך כבוד... א מענטש וויל האבען צו באצאלען דער לענדליידי און א שרייבער וויל אויך דאס אייגענע...

און אז גאט וועט העלפען, דער רעדאקטאר וועט אפדרוקען דעם פעליטאן אין זיין פייפער און דער לענדליידים מאן וועט עס

איבערלייענען און זי וועט קומען צוגיין גאנץ פרי צו אונז, ווייל זי איז „אן אפטער גאסט". וועל איך זיך דערפילען גאר געהויבען, ווייל פאר א שרייבער, מעג ער אפילו זיין א קבצן, האט אפילו א לענדליידי אויך אפשיי... העלף, גאטעניו, העלף!...

——<>——

ווי די רייכע...

מיסעס שפיגעל האט ליב צו לעבען ווי די רייכע, זיך פירען ווי די רייכע, נאכטאן די רייכע און אפילו זיין רייך ווי די רייכע...

איז דאך עס אבער א שווערע הלכה. ליידט זי טאקע א היבש ביסעל.

אלע ליידען זיינען אבער כדאי, אבי זיין ענלאך צו די רייכע און לעבען ווי זיי...

ס'וואלט נאטירלאך, אלץ געווען פיין און שיין, ווען מיסטער שפיגעל וואלט זיין „רייך"...

ער איז אבער „ניט" רייך, נאר — א גערדיכטער קבצן, און מוטשעט זיך אויפ'ן טויט גאנץ קיין מעשה ניט...

מוטשעט ער זיך און אויך זי — מיסעס שפיגעל, און מ'מור־טשעט זיך נאך צו אלע צרות צו לעבען ווי די רייכע...

די קינדערלאך קליידט זי ווי ביי די רייכע... עסען גיט זי זיי ווי ביי די רייכע, אין הויז האלט זי אלץ ווי די רייכע...

ס'איז אבער א פאקט, אז א קבצן וויל נאכטאן די רייכע, האט ער א פנים ווי חוזק...

אט האב איך „אליין" געוואלט לעבען ווי די רייכע און ביז שיר ניט געבליבען אן אייביגער קאליקע: איך האב זיך ארייננגע־זעצט אין אן אויטאמאביל (ניט מיינעם) און געפרואווט פארען ווי די רייכע...

נו, נו! זאלט איר שוין גארניט פרעגען! איך בין קוים מיט צרות צוריק געווארען א קבצן און ביז געווען גליקלאך, ווי די ראבע קאץ: פטור געווארען פון אן אומגליק... און איך האב ביי זיך אפ־געמאכט בלייבען א קבצן און לעבען שטיל און רואיג...

מיסעס שפּיגעל אבער וויל זיין גלייך צו די רייכע און זי דאקאזשעט עס.

אט האט זי צוריק מיט א צייט געקויפט א נייע ביורא (א שראנק אזא מיט קאטשקעלאך און פּיפּערנאטערס...) און זי אוועקגעשטעלט אין „פראנט-רום".

זי האט עס גענומען אויף אויסצאלען — דריי דאלאר א מאָנאט, און זי איז שוין באלד טאקע ענלאך צו די רייכע...

אבער וואס-זשע טוט מען מיט דער זון, וועלכע שיינט אזוי עזות-פּנים'דיג אריין אין פראנט-רום און מאכט קאליע די ביורא ?...

איז ווידער דאס אייגענע — ווי די רייכע: מ'נעמט די פארהאנגען און מען רוקט זיי ארונטער ביז העט-העט ארונטער און די זון קען ניט אריינקוקען...

איז דאך עס אבער „די זון" און האט העזה דורכצולאזען א שייג דורך די פארהאנגען... האט מיסעס שפּיגעל גענומען א דיקע, שווערע „שאל" און פארהאנגען די פענסטער...

און ווען איך בין אנומעלט אריינגעקומען צו איר הויז איז מיטען א העלען, ליבען, זוניגען טאג, האב איך דערזען, אז ביי מיסעס שפּיגעל איז פינסטער: ממש חושך...

— וואס איז דאס ? — האב איך דערשראקען א פרעג געטאן...

— גארניט, גארניט ! איך וויל די ביורא זאל ניט קאליע ווערען, האב איך פארהאנגען די פענסטער !... — ענטפערט זי מיר בתמימות.

— נו, און די זון ?... — פרעג איך.

— וואס איז מיט דער זון ? ווען זי פארגייט, נעם איך ארונטער די שאל ! — גיט זי מיר צו פארשטיין...

— יא, אבער ווייסט איר, מיסעס שפּיגעל, אז די זון איז דער בעסטער דאקטאר און זייער א גוטער פריינט צו קראנקע און ארימע ? — פרעג איך ביי איר און זאג איר...

— יא, ביי די רייכע איז אויך אזוי : זיי פארהייגען די פענסטער, און איך פיר מיך פונקט ווי זיי ! — ענטפערט זי מיר.

— נו, און ביי די רייכע שלאפען אויך די קינדער אין פראנט-רום, מיסעס שפּיגעל ? — פרואוו איך זי באליידיגען...

— וועל, די רייכע האבען גענוג צימערען און די קינדער

האבען באזונדערע שלאף־צימערען — דערציילט זי מיט טרויע־ריגקייט...

— געווים, געווים! איך זייט דאך אבער „ארים" און מוזט זען, אז אייערע קינדער זאלען האבען פרייע, פרישע לופט וואו זיי שלאפען! — דערקלער איך איר.

— ניט געפערלאך, זיי האבען א דאנק גאט אלעם כמעט ווי די קינדער ביי די רייכע! — בארימט זי זיך שוין פאר מיר...

— ווי קענען זיי האבען אלעם ביי אייך, ווי די רייכע קינדער, ווען איר פארהייצט די פענסטער?...

זי האט זיך אנגעהויבען באליידיגען און איך האב פאר־שטאנען, אז איך „מוז" אויפהערען, ווייל זי קען מיך נאך אויס־זידלען ווי די רייכע...

הכלל, איך האב זיך געזעגענט און בין אוועק.

אז איך בין ארוים אין גאס, האט א זיסע פרילינגס־זון מיך ארומגעכאפט און אנגעהויבען האלדזען, לאסטשען, און איך האב געפילט, אז די וועלט איז גרויסהארציג, ליב און רייך...

איך האב אבער געמוזט אריינקומען צו א מיסעס שפינבערג און דארט איז ווידער געווען פינסטער...

און אויך די זעלבע געשיכטע: מ'וויל זיך פירען ווי די רייכע, און די ארימע, „רייכע" קינדערלאך, נעבאך, שלאפען אין „פראנט־רום", וואו די פענסטער זיינען א גאנצען טאג פארהאנגען מיט א שווערער שאל, די זון זאל ניט קאליע מאכען די „ביורא", אדער דעם טיש מיט די ברייטע בערישע פיס, און ס'זאל זיין פונקט „ווי די רייכע" טוען...

איך בין קוים אנטלאפען פון דארטען, און אז איך בין אריין צו זיך אין הויז אריין, האב איך דערפילט, אז ס'איז טאקע אז „ארים הויז", אבער אין פראנט־רום האט די „זון" זיך געשפילט מיט'ן טיש און געלעקט מיט די שטראלען יעדען ווינקעלע...

יא, איך שעם זיך ניט, ליבע לעזער, צו זאגען, אז איך בין א איך א קבצן, אבער לעבען „ווי די רייכע" וויל איך ניט, ווייל — איך קען ניט!...

ביי מיר אין „פראנט־רום" שלאפט א בארדערקע און איך וויל

זי זאָל האָבען פרישע לופט: ארבייט, נעבאָד, א גאַנצען טאָג אין א סיגאַר־פאַבריק...

יאָ, מיין ביורא, דער טיש, די ביינקלאך זיינען אביסעלע אָפּ־געקראַכען פון דער „זון“, אָבער קיין דיקע „שאָל“ וועל איך דאָך ניט אויפהייבען: זאָל די זון שיינען, לייכטען און אויסוואַרעמען די אָרימע ווינקעלאך פון מיין הויז!...

ס'איז אָבער א גאָטס „רחמנות“ אויף די מיסטערס און מי־סעסעס, וועלכע ווילען לעבען ווי די רייכע און לאָזען ניט אריין די זון, ווייל די ביורא וועט קאַליע ווערען, וועט אָפּבליאַקעווען...

פאַר זייערע קינדערס לונגעלאך אָרט זיי ניט, אַבי זיי לעבען „ווי די רייכע“!...

——<>——

מזל.

אַז גאָט העלפט מיט אביסעלע „מזל“, איז אוראי א גרויסער דאַנק צו דעם. וואָס לעבט אייביג!...

א קליינינקייט מזל!... וואָס דאַרף דען א מענטש מער א חוץ מזל?... אַז ער האָט מזל דאַרף ער קיין געלט ניט האָבען און קיין שיין פּנים, און קיין חכמה, און קיין בילדונג. ער דאַרף גאָרניט האָבען, אויב ער האָט נאָר דאָס ביסעלע „מזל“!...

א מענטש אָן מזל איז ווי אַ פּאַראַסאָל אָן דראָטען: ס'טויג ניט! ס'א שמאַטע! ס'רינט אויפ'ן קאָפּ און אונטער'ן קאָלנער...

וואו־זשע נעמט מען עס דאָס טשיקאַווע מזל?... אידביז שוין אויסגעפּאָרען מדינות ביז איך שוין און געוואָלט קריגען מזל. אָבער ס'אַנטלויפט פון מיר, ווי פאַר א נישט־גוטען!...

ווען איך בין נאָך געווען א קליין אינגעלע, האָב איך געהערט, ווי א גוי (ניט קיין נאַר) האָט דערציילט צו מיין מוטער, אַז ערגעץ אויף א לאַנקע הינטער'ן שטאָט לויפט אַרום „דאָס מזל“, און ער האָט עס געזען מיט זיינע אייגענע אויגען און עס געוואָלט כאַפּען. אָבער אַזוי ווי ער איז נאָך צוגעקומען נאָענט צו דעם און עס ממש א כאַפּ געטאָן, האָט זיך דאָס מזל אַרויסגעגליטשט און אַנטלאָפען ווייט־ווייט!...

אויסזען זעט עס אויס, ווי א שטיק פייער, און ס'פינקעלט אין אויג, — האט ער ערנסט עס איבערגעגעבען צו מיין מוטער... מיין מאמע, זאל לעבען, האט זיך איינגעהערט מיט גרויס אינטע־רעס און, ווי איך פארשטיי, האט זי געפלאנעוועט עס ווען עס איז צו כאפען, ווייל זי איז אויך זשעדנע נאך דאס קווינט מזל!

מיר האט עס אבער שטארק פארשמעקט און איך האב בא־שלאסען אוועק אויף דער לאנקע און כאפען „דאס מזל“!...

אין א זומער פארנאכט, ווען די זון הויבט אן זיך רוקען הינ־טערוויילעכץ צום מערב און מאכט חנ'דלאך, ווי א שיינע מיידעל; דער הימעל צינדט זיך אן אין א העליש פייער און ברענט, ברענט גלאט אזוי זיך; די לאנקעס ווערען פארגאפט פון זיך אליין און זעען אויס אזוינע שטילע, רואיגע, ערלאכע און דערציילען עפעס אוים צו דער גאנצער וועלט, ביז איך געקומען צום גרייטענס: כאפען דאס מזל!...

איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף א בערגעלע און געקוקט, גע־קוקט, געווארט ביז דאס „מזל“ וועט מיר אריינלויפען אין האנט אריין, און וועל איך עס נאר האלטען אין האנט, דעמאלט ביז איך „מלך“!...

זיץ איך און ווארט, ווארט ביז ס'וועט קומען!...

דערווייל באטראכט איך מיר אזוי דעם גאנצען „פאראנדעס“, וואס דער רבונו של עולם האט געמאכט ארום אונז: איך קוק אויפ'ן וואלד, טייך, הימעל, בוימער, הער זיך איין צום קווא־קווא פון די זשאבעס, צום זשומען פון די פליגעלאך, צום געהיימניספולען ריט־מישען־קלאנג פון דער לופט אליין און פארגעס גאר, אז איך בין געקומען אהער זוכען און כאפען דאס מזל!...

ווי אזוי קען מען אבער זיין אזוי „גראב“ און ניט כאפען א סוס אויף אזא הערלאך בילד?... מ'דארף דאך זיין אן „אנזועצער“ ניט צוהערען זיך ווי גאט רעדט צו די מענטשען דורך דער נאטור. אבער ס'מזל! ס'מזל קריכט מיר אריין אין יעדען אבר און איך הער אויף מזל זיין א מחותן מיט'ן קאפ און הויב אן זוכען מזל — מיט די הענט!...

און — ס'איז דא! ס'קומט! ס'קאטשעט זיך צו מיר, ווי א קיילעכדיג „ביינקעלע“, אזויך פיל, אז איך וועל עס כאפען!...

ס'ווערט מיר פרייליך אויפ'ן הארצען, פאר די אויגען הויבט אן מישען און נאך איין מאמענט אז איך ווער א מזל'דיגער!...

אבער מיין קאפ?... אוי, מיין קאפ!... שוין אזוי פיל מאל מיך אומגליקליך געמאכט און איך בין געבליבען דער זעלבער נאר ווי אלע מאל, אן מזל!...

פונקט ווען ס'האט שוין געזאלט ארייגשפרינגען צו מיר איז האנט אריין, אהא! האב איך „חכם" גענומען און זיך פארקוקט וואו „פויגעלעך פליען" און ווידער געווארען אנטציקט פון דער נאַרישער נאטור מיט די בוימער, בלומען, פעלד און הימעל און ארויס־געלאזט „דאס מזל" פון דער האנט!...

און אזוי איז שוין א חשבון פון דרייסיג יאר, אז איך האב קיין מזל ניט און, בויגט זיך צו, וועל איך אייך איינרוימען א סוד, אז איך בין שוין א פארפאלענער: קיין „מזל" וועל איך שוין ניט האבען, ווייל איך ווייס ניט ווי אזוי עס צו כאפען!...

ס'זיינען דא מענטשען אויף גאטס וועלטעלע, וועלכע זוכען עס ניט און ס'קומט צו זיי אין שטוב אריין, ווייל זיי ווייסען ניט פון קיין נארישקייטען פון קיין בוימער, בלומען, טייך, הימעל, זשאבעס!... זיי זיינען אליין „זשאבעס" און קוואקען אין בלאטע כל ימיהם און מיט אן עק!...

מזל האט ליב א זשאבע, א נאר, א בהמה, אדער אפילו א פערד, אבער ניט קיין מענטשען, וואס האט ליב גיין אין פעלד און זיך פארקוקען וואו פויגעלאך פליען, פיסטשען, קוקען אויפ'ן וואלד, ווי ער טרוימט, אויף די בלומען, ווי זיי בליען, און אויפ'ן טייכעלע, ווי ס'פליסט אוועק ווייט־ווייט ערגעץ אין אנדער וועלטען...

וועמעס עסק איז עס וואוהין דאס טייכעלע פליסט?... ווער דארף עס קוקען אויפ'ן הימעל?... א משוגע'נער סיידען!... וועמען ארט עס, אז א פויגעלע זינגט?... זאל עס זינגען וויפיל עס וויל!

מזל האט ליב מענטשען מיט ווייניג שכל און א סך נאריש־קייט!... דעמאלט גילט עס און ס'לויפט אריין גלייך אין האנט אריין!...

מזל האט פיינט מענטשעלאך, וואס קליגלען זיך און ווילען נאכקרימען כאטש גאט אליין. מזל האט ליב „מזל'דיגע" און אזוי־

נע, וואס הויבען ניט אן צו וויסען ווי מ'רופט זיי!... אט יענע זיינען די מזל'דיגע און ס'מזל לויפט צו זיי!...

„אי ביזטו א שלים־מזל־ניק". רופט זיך צו מיר אפ לייגגער א לאנדסמאן, שוין אכט יאר אין אמעריקע. „און קענסט קיין „טשעקס" ניט שרייבען!"

אזא יאר זאל איך האבען, ווי ער איז גערעכט; אבער גע־רעכט: ער שרייבט „טשעקס" עטלאכע מאל אין טאג און א „צלם" איז אויך א סחורה. אבער וואס טו איך?... שרייב פעליטאנען, וועלכע זיינען אפשר ניט אלעמען געפעלען.

גערעכט משה פראיקע, מיין לאנדסמאן! גערעכט! בראווא!

מ'דארף ניט! מ'טאר ניט זיין קיין שלים־מזל'ניק, ווייל ס'איז זייער ניט גוט. אבער ווי אזוי ווערט מען א מזל'דיגער, ווי אזוי? גוואלט, אידען, גיט אן עצה!...

—<>—

הילף.

מיסטער זינדעל האט געקראגען א בריף פון זיינע עלטערן פון יענער זייט ים, אין וועלכען זיי שרייבען אים, אז זיי גייען אוים פון הונגער און האבען ניט אפילו א העמד אויפ'ן לייב...

האט אים שטארק פארקוועטשט אונטער'ן „לייב־צודעס": א קלייניגקייט אויסצורעדען, טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער הונגערען, גייען אום נאקעט, און ווער ווייסט וואס ס'קען מיט זיי חס וחלילה פאסירען?...

האט ער — דער מיסטער זינדעל הייסט עס — אנגעגורט די לענדען און גענומען טראכטען וועגען „הילף" פאר זיינע ליבע טייערע און אומפארגעסענע...

ער איז אין א שיינעם טאג ארונטער אין קעלער און גענומען צונויפשלעפען אלטע הויזען מיט היבשע לעכער... אלטע העמדער „ווי די בעכער, זעקם מיט לאטעס, צען מיט לעכער"... (מ'זינגט ערגעץ אזא לידעל) צעריסענע קאלנערס, און ווער קען זיך עס אנ־דערציילען וואס ביי א אידען א נגיד געפינט זיך אין קעלער...

איין זאך וויים איך אבער אויף זיכער — ער האט געמאכט א היבשען „פאק" און איז געקומען צו זיינע שוועסטער און קרובים (זיי זיינען אין אמעריקע), זיך בארימען מיט זיין „גוט הארץ" און מעשים טובים...

מ'האט אים אויפגענומען זייער פיין און אים אנגעווינשעוועט גאר דאס גליק אין דער וועלט.

און ער האט/אלע „ברכות" צוגענומען, ווי א קאזאק נעמט צו דאס ביסעל האב און גוטס ביי א אידען, מיט א זיסען שמייכעל אויף די ליפען...

הכלל, מיסטער זינדעל האט געמאכט דעם „פאק" הילף, אים איבערגעלאזט ביי די שוועסטער און אליין אוועק זיך העלפען... ווי מ'זאגט אין אמעריקע: העלפ יורסעלף!...

די שוועסטער האבען אויף „טשיקאוואסט" געוואלט זען וואס פאר א מתנה א זון, און דערצו נאך א פארמעגלאכער, קען שיקען צו טאטע־מאמע, און זיי האבען אויפגעבונדען דעם „פאק הילף".

און — — — ווייי געשריגען!!! א זאק מיט שמאטעס, וועלכע א שמאטניק, א רעגנס־פעדלער קלייבט צענויף אדער קויפט פאר עלף א האלב סענט מיט א שפילקע א צוגאבס...

ס'איז זיי פינסטער געווארעזאין די אויגען, מיינע שונאים!...

איין שוועסטער האט זיך גוט אויסגעוויינט... די צווייטע האט אויסגעבייטעלט אלע חלומות, און ס'איז געווארען חושך...

וואס־זשע טוט מען פארט מיט'ן „פאק הילף" פאר טאטע־מאמע און נאענטע?...

זיינען זיי געפאלען אויף א שכל: זיי האבען צעלייגט אלע „שמאטעס" ביי איין שוועסטער אין הויז און ארויסגעשיקט ספעציעלע קארדס צו אלע קרובים און קרובות, זיי זאלען קומען אנקוקען די אנטיקען, וואס א זון שיקט צו טאטע־מאמע...

און מ'איז געקומען! די טיר האט זיך געעפענט און פארמאכט, פארמאכט און געעפענט...

איין קרוב (א איד א וויצלער) האט אויפגעהויבען א פאר פלידערען און אנגעהויבען ציילען די/לעכער...

א קרובה האט צונויפגענומען אלע העמדער און די גאנצע „קרובה'שאפט" האט א זינג געטאן דאס ליד:

„האט א זון געשיקט מתנות
זיבען העמדער ווי די בעבער...
דריי מיט לאטעם היבשע, גרויסע,
פיר מיט גוואלדיג־גרויסע לעבער..."

און ס'איז געווען א פרייד און א שמחה, אז ס'איז גארניט צום באשרייבען...

נאטירלאך, האט מען די אלע שמאטעס אוועקגעגעבען צו א שמאטניק. דער שמאטניק וועט זיי אוועקשיקען צו א גרויסער פירמע, וועלכע מאכט פון שמאטעס פאפיר, און אויפ'ן פאפיר וועט א שרייבער, א פעליטאניסט, אנשרייבען א געשיכטעלע, ווי אזוי א זון האט געשיקט „הילף" צו טאטע־מאמע קיין יוראפ, און טאטע־מאמע וועלען פילייכט לייענען די געשיכטע אין א צייטונג און ניט אנהויבען פארדעכטיגען, אז זייער זונדעלע האט עס געטאן...

אט אזעלכע געשיכטעס פארלויפען זיך אין מיטען אמעריקע און גארניט...

איך וואלט וועלען, אז דער „זון" און נאך פיל אנדערע אזעלכע זין, זאלען איבערלייענען מיין פעליטאן און זיך אביסעלע פאר־טראכטען איבער אזוינע מעשים טובים, וואס ער טוט אפ צו טאטע־מאמען.

מעגלאך, אז ניט איינער וועט אויף מיר זיין ברוגז'לאך פאר אזא „זאך", אבער איך קען גארניט העלפען דערצו. איך קען קיין עוולות ניט פארטראגען, און איבערהויפט צו טאטע־מאמע.

לכן איז מיין עצה: ווען עמיצער שיקט „הילף" צו טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, קרובים און קרובות, באקאנטע און פרעמדע, זאל מען זען שיקען נייע, גאנצע זאכען, אז לאטעס און אן לעבער, ווייל פאר צעריסענע הויזען איז דא גענוג פלאץ אין אמעריקע, פאר צעריסענע העמדער אויך, און פאר צעטריפעלטע קראגענס אודאי און אודאי...

פון די אלע „שמאטעס" מאכט, ראשית חכמה, דער שמאטניק א לעבען... דער פאבריקאנט אויך — א לעבען... נאך מיט א סמיטשיק... און נאכדעם, ווי די פלידערען ווערען פארוואנדעלט אין פאפיר, דרוקט מען אויף דעם אלעם גוטעס און דער עולם לייגט...

פון ליינען, ווערט מען קליגער, בעסער, און אַז מען איז קלוג און גוט, ווייס מען ווי צו האַנדלען, איבערהויפּט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען הילף פאַר איינעם.

אַ שפּיץ פון אַ „פּופּציגער".

גאָט האָט אייב'ן געהאָלפען און ער איז געוואָרען אַ שטיקעל מענטש. זעקס יאָר האָט ער זיך געוואָלגערט און געאַרבייט עבודת פּרך אין פאַבריקען, אָנאויפ'ן זיבעטען — איז ער געוואָרען אַ מענטש — פאַר זיך אין ביזנעס.

מהיכי תיתי! יעדער איינער פאַרגינט עס אים מיט'ן גאַנצען האַרצען. אָבער ער דאַרף דאָך מיט זיינע גראָבע שטיוועל יענעם ניט קריכען אין האַרצען אַריין.

דער מענטש איז שוין אָבער אַזאַ פאַרשאָלטענע חיה, אַז פון נעכטען ביז היינט פאַרגעסט ער, ווי אַן דעם טויט.

אים — דעם אַלרייטניק, ווייזט זיך אויס, אַז דורך זיין חכמה איז ער עס אַזוי עולה לגדולה געוואָרען...

און אייבי האָט מיט כשרות באַלאַנגט צו יענעם קלאַס אַל־רייטניקעס.

ס'איז אים אַוועק גוט! ס'איז געווען אַ צייט פון פּראָספּע־ריטי, און אין זייד־ביזנעס איז מען ממש גליקלאַך געוואָרען.

אייניגע זיינען אַריינגעקראָכען אין די מיליאָנען און אייניגע אין שווערע טויזענטער.

אייבי האָט באַלאַנגט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע.

ער האָט פאַרמאָגט אַ היבש ביסעל טויזענטער און געלעבט ווי אַ שררה.

און דערפאַר איז שוין, אַז איינער ווערט באַרייכט, ווערט דער צווייטער אַ געדיכטערער קבצן...

זיינען טאַקע אייבי'ס פריינט און קרובים געוואָרען גרעסערע קבצנים, ווי זיי זיינען געווען, און אייבי איז געווען דער שפּיגעל אין דער משפּחה.

א מענטש פארמאגט געלט, אז אויטאמאביל און קריגט שוין כבוד אויפ'ן פוד.

קיין שלעכטער איז נאטור איז אייבי ניט געווען, אבער קיין צו־גוטער אויך ניט.

ער האט געהאלפען, און צייטענווייז מיט א גאר ברייטער האנט, אבער ער פלעגט אפט מאכען פילען דעם קרוב זיינעם, אז יענער פלעגט פאר חרפה ניט וויסען וואו דאס פנים צו באגראבען.

— זאג מיר נאר, בעני, האסטו שוין אויף דיין לעבען געזען א פופציגער, הא? — פלעגט אייבי, אין א שעת הכושר, א פרעג טאן זיין קרוב און אים צייגען נאר א שפיץ פון א פופציג־דאלאר־ביל, וואו ס'איז אנגעצייכענט: „50".

ער האט, ווייזט אויס, מורא געהאט צייגען דעם גאנצען פופ־ציגער, מאמער, ווי א זאך מאכט זיך, דער קבצן ווערט צע־פאלאכעט און מאכט א האלד־אפ...

בעני, א מענטש מיט דינע געפילען, פלעגט רויט ווערען און ווי פאר זיך, ארויסברומען: „עט! ניט איינגאנצען איז דאס געלט!..."

אייבי האט זיך אין אזא מאמענט א כאפ געטאן, ווייזט אויס, דערפילט, אז ער טוט א נארישקייט, און ווי עס איז פארגלעט די האנדלונג.

א צווייטען מאל, ווען אייבי האט זיך געקויפט א נייעם אנצוג פאר הונדערט דאלאר און איז געקומען צו פיליפ'ן, האט ער פאר־געסען זיין האנדלונג ביי בעני'ן און געשטעלט דעם ארימען פיליפ'ן אזא קלאץ־קשיה:

„זאג מיר, פיליפ, ווי לאנג, אז דו האסט זיך שוין ניט גע־מאכט קיין נייעם קאסטיום? איך גלויב, אז דו וואלסט זיך געפילט שרעקלאך שלעכט אין א גוטען סוט, הא? צוגעוואוינט אלץ צו שמאטעס!

פיליפ פארבייסט מיט די ליפען און שווייגט, און אייבי פאר־שטייט שוין וואס ס'מיינט.

די טויזענטער, דער אויטאמאביל מאכען אים אבער אזוי „דיינקלאז", אז די חוצפה באהערשט אים אלע מאל און ער טוט זיינס.

אמת, ער העלפט ארויס, אבער ער איז ווי א קו, וועלכע גיט א סך מילך און פּלוצים א זעץ מיט'ן פוס און דאס גאנצע שעפעלע מילך איז אויסגעגאסען...

און די צייט לויפט אזוי שנעל, ווי אייבי'ס אויטאמאביל, נאר שנעלער פיליינט, און דאס „לעבענס־רעדעל" דרייט זיך, אזוי ווי דאס רעדעל פון זיין מאשין...

און ווי אין לעבען מאכט זיך: מ'פארט אזוי לאנג מיט'ן אויטאמאביל, ביז ער צעברעכט זיך.

אזוי איז אויך געווען מיט אייבי'ס טויזענטער. זיי האבען זיך אזוי לאנג געדרייט ביי אים אין די הענט, אין די קעשענעס, אין זיין באנק־ביכעל, ביז זיי האבעןזיך, ווי דורך א מאגישען מאך מיט דער האנט, אוועקגעדרייט צו אן אנדער אייבי, אדער בעני, אדער דזשייק!...

און... אייבי איז געווארען אוים קאפּעליוש־מאכער.

און אז ס'גייט מיט דער פּוטער אראפּ, קלעפּט זיך נאך צו בלאטע אויך: מ'האט אייבי'ס געשעפטען פארקויפט אין „אוקשאן", דעם אויטאמאביל אויך, און ער איז ארויס ריין — אן א פעני כמעט.

דאס ערשטע האט ער גענדונגען א רום ביי איינעם פון זיינע ארימע קרובים, און ווען מ'קומט זיך אלע צענויף אין אן אווענט ווען פארברייננגען א פּאר שטונדען, דערמאנט אפט אייבי זיינע גוטע צייטען, ווען ער איז געווען אין די פעדערען, און מאכט אפט א באמערקונג, אז א מענטש טאר ניט זיין שטאלץ און נאריש, ווען ער האט געלט, ווייל ער קען גארניט וויסען וואס מארגען קען זיין מיט אים...

אין לעבען איז אבער אזוי, אז איינער ווערט ארים, ווערט א צווייטער רייך, און אייבי לערנט זיך ניט פון דזשייק'ן, פיליפ נעמט ניט אראפּ קיין מוסר פון סעמי'ן — ס'א אייביגע „דריי־שפּיל" — ארויף, אראפּ, אהין, אהער!

און אויך איצט קומט אפט איינער פון דער משפחה, אן אויפ־געקומענער אלרייטניק, און צייגט א שפּיץ פון א פופציגער צו זיינע ארימע קרובים, און אייבי קוקט זיך גוט איין אויפ'ן נומער: „50", און טראכט ביי זיך:

„רבונו של עולם! ערשט צוריק מיט א צען מאנאטען ביז איך געווען „איד“, און איצט זיץ איך און קוק ווי מארים, וועלכער פלעגט פיכנען פאר א פעני, עפענט אויף דעם טייערען לעדערנעם טייסטער און צייגט א שפיץ פון א פופציגער...

אבער לאמיר אייבי׳ן אביסעלע טרייסטען.

מארים׳ן האט גאט אויך ניט מער געצייגט, ווי א שפיץ פון א פופציגער.

אויפ׳ן צווייטען מאל זאל ער וויסען ווי זיך צו האלטען!...

——<>——

א גוט הארץ.

מיסטער ליפקין האט א זייער, זייער גוט הארץ, און דערצו נאך א צוגאב א זיבעציג־אכציג טויזענט דאלאר.

מילא, איז ער א גוטער און טוט טובות אויף רעכטס און אויף לינקס.

אבער אז ער טוט א טובה, האט ער ליב אז מענטשען זאלען וויסען, ווייל אנדערש האט ער קיין שום הנאה ניט דערפון...

קרובים און אזוי לאנדסלייט האט ער א סך, וועלכע נויטיגען זיך אלע מאנטאג און דאנערשטאג אין אן אנדער טובה׳לע:

איינער דארף באצאלען רענט און האט ניט, א צווייטער דארף קוילען און האט ניט, א דריטער דארף חתונה מאכען אן עלטער מיידעל און האט ניט מיט וואס.

הכלל, קיינער האט ניט און מיסטער ליפקין האט יא, און ער גיט, העלפט, לייט, בארגט, אבער דער „נעמער“ דארף פארשטיין, אז דער „געבער“ האט ליב מענטשען זאלען וויסען פון דעם.

קומט צו אים, א שטייגער, א קרוב פון ווייבס צד און בעט אויף קוילען, וועט מיסטער ליפקין ניט געבען עטלאכע דאלאר און שא! נייז!

ער וועט אריינרופען א מאן פון גאס און אויף א פושקארט אוועקליינען עטלאכע זעקלאך קוילען פון זיין קעלער און דערוויי

מאכען אַ שטיקעלע טאַרעראַם און בכבודו ובעצמו העלפען אויפ־
הויבען די זעקלאַך און מאַכען אַ אַנגעשטריינגט פּנים:

„אַט זעט, מענטשען, וואָס עס הייסט אַ גוטער, זעט און
ווייסט, אַז אַ גוט האַרץ איז ניט קיין אַבי וואָס.

און מענטשען זעען טאַקע! אַ ברירה האָבען זיי?

און מיסטער ליפּקין איז העכסט צופרידען: געטאָן אַ טובה
אַ קרוב און אַלע האָבען געזען.

קומט אַ צווייטער קרוב פון זיין צד און בעט אַ טובה'לע. נו,
וועט ער דען, חלילה, אָפּזאָגען?

ער גיט וויפיל מ'וויל, אָבער יענער מוז וויסען! אַניט האָט
מיסטער ליפּקין קיין הנאה ניט...

צייטענווייס איז ער גרייט אָוועקגעבן אַ האַלבע מלוכה זיינע
עמיצען, אָבער מענטשען זאָלען וויסען, הערען, אַז מיסטער ליפּקין
איז אַ נדבן, אַ געבער, האָט אַ גוט האַרץ.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז ס'האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס
אַ ווייטער קרוב זיינער — און אויך אַ קבצן...

אַזאַ מזל האָט ער שוין, אַז אַלע זיינע נאָענטע זיינען אויף
גרויסע צרות און ער דאַרף העלפען.

בדיעבד טוט עס אים אַ הנאה, ווייל אין דער אַלטער היים
איז ער געווען אַ פּראָסטער בחור און זיינע קרובים פלעגען פון אים
לאַכען, שפּעטען, אַלמאַי ער וויל ניט לערנען און גייט אין פּאַס־
קודנע וועגען.

אין אַמעריקע אָבער, וואו „דער דאָלאַר" איז מער פון אַלץ
און קלייבט ניט איבער: גראָב, איידעל, איז מיסטער ליפּקין גע־
וואָרען דאָס, וואָס ער איז.

קריגט ער כבוד פאַר'ן „געלט" אומעטום, וואו ער קומט: אין
שול, אין באַד, אין דער סאָסייעטי, איבעראַל!

איז אַז ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ווייטער קרוב, איז ער גלייך
געקומען צו מיסטער ליפּקין'ען.

און מיסטער ליפּקין האָט אָנגעהויבען געבען!

ער האָט אים געהאָלפען זיך שטעלען אויף די פיס ניט איינ־
מאָל, ווייל אַ קבצן איז ווי אַ קליין קינד: ס'פאַלט!

דער נייער קרוב האָט אָבער ניט געוואוסט פון זיין רייבען

קרוב׳ם שוואכקייט: ער האט ליב, אז מענטשען ווייסען פון זיינע טובות.

און אזוי ווי דער ארימער קרוב איז געווען א איד א למדן און האט ניט געקענט אט אזוי אנקומען צו עמיצען, האט ער גע־שוויגען און געשלונגען טרערען שטילענקערהייט...

מיסטער ליפקין איז אבער א איד, קאטארי, וועלכער קען אזוינע עוולות ניט פארליידען: — ממה נפשך, גיב איך, טא זאלען לייטען ווויסען!

האט ער טאקע אויפגעהערט העלפען דעם קרוב. און יענער איז געפאלען מיט׳ן פנים צו דער ערד...

און האט ער שוין עפעס געגעבען, איז עס געווען א „פעני־זאך", ניט ווי פריער, דאלארס!

איז ביטער! דערווייל האט זיך דער „גרינער" קרוב צוזאמענ־גערעדט מיט נאך קרובים מיסטער ליפקינ׳ס און זיך באקלאגט אויף זיין ביטער מזל.

יענע האבען זיך איבערגעקוקט און, לכתחילה, ניט געוואלט אויסזאגען פונ׳ם „סוד", אז „ער" האט ליב מ׳זאל צעפויקען איבער דער גאנצער וועלט זיינע טובות, אבער קבצנים זיינען דאך גוטע... און זיי האבען אים פארטרויט דעם סוד...

דער קרוב (א פיינער מענטש) האט זיך אפילו געקווינקעלט, אבער נויט איז שטארקער פון אייזען, און ער׳האט אנגעהויבען צע־לייגען אויף טעלערלאך יעדע „גאב" דעם נגיד׳ס...

און ס׳האט געהאלפען! מיסטער ליפקין האט אנגעהויבען געבען וויפיל דער ארימער קרוב האט נאר געדארפט, און דער קרוב האט שוין געזען, אז לייטען זאלען וויסען:

— איר הערט, מיסטער וויינער, מיין קרוב, זאל לעבען, האט מיר היינט געגעבען צוויי הונדערט דאלאר, און וואס טוט ער דען ניט פאר מיר? א דימענטען הארץ האט ער! ער גיט און גיט!

— און דיינקט איר, אז ווען איך וועל א שידוך טאן מיט מיין מיידעל, וועט ער ניט געבען א היבשע מטבע?...

— אזא יאר זאל איך האבען, ווי גוט ער איז!

און קומט עס אן צו מיסטער ליפקינ׳ען, איז ער איבערגליקלאך:

ער וואלט אוועקגעגעבען די נשמה. אזא מענטש איז ער! אזא גוט הארץ האט ער!

און ניט איינמאל טראכט איך ביי זיך:

„רבונו של עולם! פראוואס האסטו מיך ניט מזכה געווען מיט אזא טייערען קרוב, וואס האט אזא „גוט הארץ"...

אט האב איך קרובים רייכע און זיי האבען גאר אינגאנצען קיין הערצער ניט!

זיי ווילען ניט געבען און ווילען ניט הערען, און ווילען ניט „מענטשען" זאלען וויסען...

אז גאט העלפט א קרוב מיט אזא „גוט הארץ", דארף מען אודאי דאנקען און לויבען דעם, וואס לעבט אייביג.

א קליינינקייט — א גוט הארץ?!

———<>———

א טרוקענע טובה.

מיסטער ליטמאן איז א מענטש, וואס טוט טובות. ער איז אזוי איינגעטונקען אין „טרוקענע טובות", וואס ער טוט יענעם, אז ער איז אליין געווארען טרוקען, ווי א דראניצע, ווי א טראנקע... (א געטריקענט פישעל.)

קומט צו אים אריין א שכן לייען עטלאכע דאלאר א גמילת חסד, ווערט מיסטער ליטמאן אזוי צעווארימט און הויבט זיך אן ווארפען, קארטשען, מאכען גרימאסען און רעדען:

„אוי, וואלט איך ווען אייך עטלאכע דאלאר לייען. ס'איז דאך נאר א „טרוקענע טובה", אבער ערשט נעכטען אויף דער נאכט בין איך געווען אין באנק און אריינגעלייגט דאס גאנצע געלט! ס'טוט מיר לייד, ווייל איך האב אלע מאל ליב צו טאן א „טרוקענע טובה", אבער גיי מאך עפעס, אז איר האט קיין הצלחה ניט!..."

דער שכן גייט אוועק צו אן אנדער שכן און קריגט די פאר דאלאר, ווייל ס'איז דאך באמת ניט מער ווי א טרוקענע טובה...

אין א וואך ארום מאכט זיך: א שכנה לויפט אריין צו מיסטער ליטמאנ'ען בעטען א הלואה'לע פינף דאלאר, ווייל דער

„געז־מאן“ שטייט און ווארט און זי האט ניט ביי זיך. זי זאגט אבער צו, אז איר מאן וועט פארנאכט קומען פון דער ארבייט, וועט זי מיט דאנק אפגעבען.

„אוי וויי, וויי! איך האב ערשט מיט א שטונדע פריער גע־ליען א באקאנטען פינף און צוואנציג דאלאר און ס'טוט מיר ממש וויי, וואס איך קען אייך ניט געבען, ווייל מיין גאנצער פארמעגען באשטייט פון איין דאלאר! ס'איז א „טרוקענע טובה“. און ווי אזוי טוט מען ניט קיין מענטשען אזא זאך?...“

די שכנה לויפט אריין צו אן אנדער שכן און קריגט די עט־לאכע דאלאר...

קומט מען פון הכנסת אורחים נאך געלט, הויבט ער אן זוכען דעם טייסטער און גיט אן תירוצים, אז זיין אידענע האט ערגעץ פארווארפען דעם טייסטער, און גיט עטלאכע סענט, וואס ליגען ביי אים אין קעשענע... „ס'א „טרוקענע טובה“ פאר ארימע וואנ־דערער, נעבאך!“ און אט־אט צעוויינט ער זיך, דער גוטהערציגער מיסטער ליטמאן...

קומט א קרוב, וואס איז נעבאך א גרויסער ארימאן, און דער־ציילט מיסטער ליטמאנ'ען, אז זיין פרוי דארף זיך אפערירען אויף גאל־שטיינער, הויבט ער אן קרעכצען, אויקען, וויי'קען, קנאקען מיט די פינגער, גלאצען מיט די אויגען, ארומלויפען איבער'ן שטוב, און צולעצט זאגט ער, לאמר:

„הארצעניו, נשמה'ניו! איך האב דערלייגט אין „ריעל־עס־טייט“ א פארמעגען און בין ממש ארוים אין איין העמד! איך וואלט אזוי וועלען געבען פופציג דאלאר, ווייל ווער דען וועט געבען, אויב ניט איך? ס'איז דאך אזא נאענטער קרוב און דאך א „טרו־קענע טובה“ (גראד א נאסע און נאך א בלוטיגע!...). אבער מער ווי צען דאלאר, הארצעניו, קען איך ניט געבען!“

דער ארימער קרוב נעמט צו די צען דאלאר, ווייל פון א חזיר א האר איז אויך גוט, און גייט אוועק צו אנדערע קרובים, אפשר וועלען זיי אויך טאן א „טרוקענע טובה“...

איינמאל איז צו ליטמאנ'ען געקומען א שכן און געוואלט לייען פינף און צוואנציג דאלאר. צום גליק האט ליטמאן געמיינט, אז זיין אידענע דארף אריינקומען, און אזוי ווי ער האט געהאלטען

אין ציילען געלט, האט ער ניט אויפגעהערט ציילען, נאר א זאג געד טאן ברייטלאך: „הערסטו, ביילע, מיר האבען געמאכט א פיינע פאר דאלאר ביי דער פראפערטי! ס'וועט בלייבען ריוח א פינף הונדערט דאלאר!" און ער האט אויפגעהויבען די אויגען א קוק טאן, ווי ס'שמעקט זיין אידענע אזא בשורה'לע...

„א גוטער מארגען, מיסטער ליטמאן!" — האט דער שכן אים באגריסט...

„א גוטער מארגען, א גוט יאר! זיצט!"

דער שכן האט זיך אוועקגעזעצט און מיט א שמייכעלע, ווען מ'דארף ביי יענעם לייען א גמילת חסד, א זאג געטאן מיסטער ליטמאנ'ען, וואס ער בעט פון אים.

„פינף און צוואנציג דאלאר?... ניין, מיין פריינט, איך קען ניט! איך דארף ענטפערען א חוב פון טויזענט דאלאר און האב עפ ניט! איך וועל אייך לייען צען דאלאר, אבער געדיינקט, ניט מער ווי א וואך צייט קענט איר עס האלטען, ווייל איך דארף נעקסטע וואך ענטפערען אן אנדער חוב! איך בין איינגעטונקט אין „חובות" און מיר איז מען שולדיג א שלל מיט געלט! (א גרויסער ליגען!...)

„וואס רעדט איר, מיסטער ליטמאן, איך וועל עס אייך, מיט דאנק, אריינטראגען!"

מיסטער ליטמאן האט דערלאנגט דעם שכן צען דאלאר און שטיל געשעפטשעט:

„ניט מער ווי א „טרוקענע טובה", אבער געדיינקט, פונקט צום טאג!..."

„וואס רעדט איר, וואס? צום טאג וועל איך עס אייך ברייד נגען!" — האט דער שכן אויסגעשריגען און אוועק.

און מער האט מיסטער ליטמאן ניט געדארפט: וואו ער איז געגאנגען און וואו ער איז געשטאנען האט ער געהאלטען אין איין דערציילען:

„א טרוקענע טובה" געטאן א אידען! מ'איז דאך ניט מער ווי א מענטש איז מען דאך, און ער איז א פיינער שכן, נאר א פיינער! א געלערנטער! קען גאנץ ש"ס מיט עין יעקב! ער איז א איד א לערנער! איר קענט אים, ניין?"

און זיין שכן האט ער ניט געלאזט דורכגיין די גאס:
„וואס הערט זיך עפעס? שוין געקראגען געלט?... שוין באלד אוועק די וואך!... ס'א „טרוקענע טובה"! מ'איז דאך מענטשען איז מען דאך! (ער האלט זיך אויך פאר א מענטשען!).
און דער שכן האט גראד פארשפעטיגט מיט א טאג: ס'מאכט זיך!...
נו, נו! איז שוין מיסטער ליטמאן געווען ביי איהם און גע'מוסר'ט:
„גיי טו א מענטשען א „טרוקענע טובה".

———<>———

א מיליאָנער.

ווער וויל עס ניט זיין א מיליאנער?... אט האב איך א גוטען פריינט מיינעם א „קאמוניסט", האט ער מיר אליין געזאגט, אז ער וואלט וועלען ווערען א מיליאנער, איידער די וועלט ווערט „ארים" נעבאך און קיין צורת מטבע וועט ניט זיין בנמצא...
און איך אליין וואלט „אסור" זיך פארקרימט, ווען א מיליאן פאלט צו מיר אריין פון ערגעץ א פאבגארגען ארט, וואו קיין ביין אויג האט נאך נים אריינגעקוקט...
דערוויל אבער בין איך נאך, במחילה גמורה, א קבצן אין זיבען גארען!... נאר מילא, וואס זאל איך טאן? מסתמא מיין מזל אזא ביטערס, וואס איך בין ניט זוכה צו זען ווי א מיליאן זעט אויס...
ווער ס'האט אבער מזל, דער איז שוין זוכה צו ווערען א מיליאנער, ווי למשל: ראקעפעלער, מארגאן, ראטשילד, א. אז. וו.
לעצטע וואך איז אבער צום צעטעל „מיליאנערען" צוגעקומען נאך איינער, און, ווי איך פארשטיי, וועט ער א לעב טאן א טאג ווי גאט האט געבאטען.
דער נייער מיליאנער איז מיינער א באקאנטער קרעמער (סטארקיפער), און רייך איז ער געווארען דורך א ירושה, וועלכע ער האט געקראגען פון רוסלאנד...

ער האלט ציימונגען אין זיין געוועלב און איך בין זיינער א קונה.

א מענטשעל איז ער א וואוילער, א טאטענס א קינד, און טאקע ווייל ער איז ניט קיין שלעכטער, איז ער אויך „טאקע־טאקע" א קבצן...

באקלאגט ער זיך אפט פאר מיר, אז ציימען זיינען ביטער און קוים־קויב וואס ער מאכט א לעבען.

טומ מיר ווי דאס הארץ למאי ער איז א קבצן און למאי ער האט קיין געלט ניט צו לעבען ווי א מענטש...

ס'איז אוועק אזוי זיך א צייט און מיין באקאנטער איז אלץ געוועזען א קבצן און געווען ביין אויף דער וועלט, פארוואס ער האט ניט קיין סך געלט, ווייל אביסעל האט ער יא...

איינמאל, אין א געוויסען פרייטאג, בין איך אריין צו אים נאך א ציימונג און האב דערזען, אז ער איז עפעס בגילופינ'דיג: זיינע אויגען ברענען, ווי ביי א וואלד־גזלן, און ער שמייכעלט גע־מיטלאך...

מיר האט זיך געוואלט וויסען די אורזאך, אבער מ'איז דאך עפעס א „ציוויליזירטער" מענטש, און איך האב זיך געמאכט ניט וויסענדיג.

— מיסטער ר—ן, איר קענט געווים גוט חשבונ'ען און וועט אונז זאגען, וויפיל עס באטרעפט די גאנצע סומע! — האט זיך דער סטארקיפער (קרעמער) צו מיר געווענדט.

— וואס איז דען דא? — האב איך א פרעג געטאן.

— אי, פרעגט ניט, מיסטער ר—ן! איך האב געקראגען א בריף פון רוסלאנד, וואו ס'איז געשטארבען מיין פעטער (פון הונגער) און מיר איבערגעלאזען א שלל מיט גאלד! — האט זיך דער סטארקיפער ממש פארכלינעט...

איך האב א נעם געטאן דעם בריף אין מיינע ידים אריין און געפרואווט איבערלייענען די ציפערען.

אבער, גאטעניו, פאטער, וואו האבען עס מענטשען געקראגען אזוי פיל „גולען"?

איך בין א איד, א מאטעמאטיקער, אבער אזוי פיל גולען האב איך נאך קיינמאל ניט געזען!...

איך נעם א בלייפעדער אין האנט און צעטייל די גולען אויף קלאסען, ווי איך האב געלערנט אין שקאלע אין ראגאטשעוו. אבער וויי, וויי! מער ווי פינף קלאסען אין חשבון... און מער ווי פינף טאר דאך משמעות נים זיין!?

אויף היינטיגע צייטען פרעגט מען אבער קיין קשיות נים! אט קאסט א בריף פון אדעס צו מיר, קיין ניו־יארק, א סימא לז פון פופציג טויזענט רובעל!??

בקיצור, איך האב אנגעזאגט מיין באקאנטען סטארקיפער די בשורה, אז זיין „ירושה" איז אזוי די גרויס ווי טויזענט מיליאן רובעל און אפשר נאך מער...

— טאקע??? — איז ער געווארען בלאס...

— זאל איך אזוי דערלעבען משיח'ן מיט מיין פרוי און קינד. רבונו של עולם, אויב איך זאג א ווארט ליגען! — גיב איך אים צו „קוראזש" מיט מיין שבועה...

— בעקי! מיר ווערען מיליאנערען! — האט ער א רעווע געטאן צו זיין פרוי...

— שוין צייט! שוין צייט, סעם! — ענטפערט אים בעקי און ווישט א טרער פון אויג...

— זאגט מיר נאר, מיסטער ר—ז, וויפיל איז דאס אמעריקאנער דאלארס?...

— אמעריקאנער דאלארס?... דאלארס?... אזוי די גרויס... ווי... א... פופ־ציג... אזוי דיינק איך, טוי־זענט דאלאר! — האב איך ארויסגעזאגט מיט קנאה אין מיין קול... ווייל איך אליין האב שרעקלאך ליב געלט...

איך האב נאך אביסעל פארבראכט מיט מיין באקאנטען „מיליאנער", כאטש ער האט שוין אנגעהויבען באווייזען נגיד'ישע שטיק, און בין אוועק דער זעלבער קבצן, וואס איך בין אריינגעקומען.

לעצטע וואך טרעף איך ווידער מיין סטארקיפער.

— וואס איז עפעס נייעס, סעם?...

— נייעס? איך הא געקראגען הונדערט מיט פופציג טאלער מיט צוויי און דרייסיג א האלב סענט פון רוסלאנד — מיין פעטערס „ירושה"!

— וואס ? ? ? ? — האב איך אויסגעראטשעט א פאר אויגען... דאס אלעס ?...

— יא, דאס אלעס ! און איך האט געענטפערט „א ביל“ היינט ! א מחיה, אויף מיין ווארט ! געעפענט די אויגען !...

——<>——

א גוטע שכנה.

מיסעס שעפטעל איז א גאנץ גוטע שכנה. זי באזיצט אלע מעלות פון יענע ווייבער וואס האבען ליב גיין פון טיר צו טיר און דערציילען מעשות...

און מעשות פארמאגט זי גאנצע פעק ! ווען א שרייבער זאל וויסען פון אזוי פיל מעשות, ווי זי, וואלט ער געקענט מאכען א גאנץ שיינעם לעבען, אויב דער רעדאקטאר וואלט געווען א גוטער ברודער און געגעבען פלאץ פאר זיי !...

ווען מיסעס שעפטעל שטייט אויף פונ'ם בעט, איז איידער זי וואשט נאך אפ נעגעל־וואסער, עסט זי שוין עפעס...

זי האט א שוואך הארץ, זאגט זי, און זי קען עס ניט לאזען איבער'חלש'ן, ווייל טאמער עפעס חלש'ט זי שוין: זייער א וויד הארץ און א שוואכע ?...

אז זי כאפט איבער דאס שוואך־ווייכע הארץ מיט דריי גלעזער „קאקא“, פיר ריפטעלאך ברויט מיט פוטער (מער פוטער ווי ברויט...), הויבט זי אן ארומגיין איבער די הייזער: זי האט ליב וויסען וואס ביי א שכנה טוט זיך...

— א גוטער מארגען, מיסעס גלאז, וואס מאכט עפעס אייער אינגעלע ? אוי, איז ער, קיין עין־הרע, זיס ווי האניג ! — שמייכעלט זי, ווי א ווארענע...

— טהענק יו, מיסעס שעפטעל, ער איז אל־רייט !

— א גוט מארגען, מיסעס גרייפער, וואס הערט זיך עפעס ביי אייך ? איר האט שוין געהערט פון מיסעס גרינבלאט, הא ?...

— וואס איז עפעס מיט מיסעס גרינבלאט, מיסעס שעפטעל ?

— אַ, זי גייט אַרום גאַנצע נעכט מיט'ן באַרבער, און מ'שמו־עסט, אַז זי וועט מיט אים אוועק קיין קענעדע!...

— טאַקע? — איז מיסעס גרייפער ערנסט.

— אַ גוטער מאָרגען, מיסעס זימבעל, ווען זיינט איר נעכטען געקומען פונ'ם טעאַטער? עפּעס געווען אַ פיינע שאָו, האַ?... וויפיל קאָסט אייער פאַר־קאַוט? אייער פּעטיקאָוט איז דאָך אַזוי ביוטיפול! וואו האָט איר עס געקויפט?...

— איך האָב עס געקראָגען אַ פּרעזענט! — ענטפערט מיסעס זימבעל פויל, ווייל זי קען שוין גוט מיסעס שעפּטעל מיט אירע פּליאַטקעס...

— אַ גוטער מאָרגען אייך, מיסעס בורעווסקי! דאָס שיט מען אָפּ אייערע קוילען אין קעלער? פיינע קוילען! וויפיל האָט איר באַצאָלט אַ טאָן?...

— דרייצען דאָלאַר! — ענטפערט מיסעס בורעווסקי שטיל, ווייל זי האָסט מיסעס שעפּטעל, ווי אַ שפּין אויף דער וואַנט...

— אַ גוטער מאָרגען, מיסעס גרויפּטשיק! וואָס קאָכט איר עפּעס היינט? איך האָב גענומען צוויי פונט סטייק און וועל מאַכען אַ בראָטען מיט פּאָטייטעלאַך! איר האָט שוין געהערט די געשיכטע מיט מיסעס זיראָפּ? וואָס? ניין? מען האָט איר עפּעס געמאַכט אַן אָפּעראַציע און זי איז זייער קראַנק: וויל קיין קינדער ניט האָבען! אַ גאַנצע צעראָמטע! איר ווייסט, אַז זי איז אַ שטיקעל שמעלקע מיט'ן אַפּטייקער?!...

— איך ווייס גאָרניט, מיסעס שעפּטעל! איך בין אַ שטוב־זיצעריו, און ווען איך האָב פרייע צייט, לייען איך אַ בוך אָדער אַ צייטונג.

— איך קען ניט לייענען, ווייל מיינע אויגען טוען מיר וויי!

— ענטפערט מיסעס שעפּטעל און גייט צו אַן אַנדער שכנה...

אָט אַזוי שלייעט זי זיך אַרום ביז דינער און גייט איבערכאַפּען דאָס שוואַד־ווייכע האַרץ מיט אַ פונט סטייק, צוויי פונט פּאָטייטאָלאַך, אַ האַלבען ברויט און אַ פיר, פינף גלאָז טיי מיט לימענע...

ווען דאָס האַרץ איז שוין איבערגעכאַפּט, לאָזט זי זיך אַרויס צו שכנים מיט נייע געשיכטעלאַך...

און זי ווייסט אַלץ! וואָס ס'טוט זיך ביי דעם און ביי יענעם און ציינט אַרוים געטריישאַפט צו אַלע שכנים.

פעלט אויס אַ שכנה עטלאַכע דאָלאַר, וועט זי, חלילה, ניט געבען, כאָטש זי האָט שוין צופיל. זי וועט אָבער וויינען ניט קראָקאָדיל־טרערען פאַר אַ צווייטער שכנה, אַז יענע און יענע האָט נעבאַך ניט און ס'איז אַ גאָטס רחמנות!...

— האָט איר שוין געהערט, מיסעס גוטמאַן, אַז מיסעס וואָר־טשיק איז מסוכן קראַנק און איז אָרים, נעבאַך! (פאַרגלאָצט די אויגען...)

— יאָ, איך האָב געהערט, און מ'וואָלט געדאַרפט זען שאַפען עטלאַכע דאָלאַר פאַר איר, ווייל זי וועט חלילה אויסגיין פון הונגער! — ענטפערט מיסעס גוטמאַן.

דערהערט „געלט", איז די שוואַך־ווייך־הערציגע מיסעס שעפ־טעל ממש פאַרשטיינערט געוואָרען און אַוועקגעגאַנגען, ווייל מיט איר „פה־קדוש'ל" קען זי איבערקערען בערג: זי גיט יענעם אַוועס ראַקעפעלערס מאַיאָנטעק, אָבער זי זאָל עפּעס געבען, איז כאָטש גיט איר אַ קריינק אַ גוטע!...

גאָט איז דאָך אָבער אַן אל רחום וחנון, און מיסעס וואָרטשיק איז געוואָרען געזונט, אַ לייטישע, שטילע שכנה, האָט געליען אַ פּאָר דאָלאַר, און מיסעס שעפטעל איז דאָ!...

— אַ גוטער מאָרגען אייך, הארצעניו מיסעס וואָרטשיק! ווי פילט איר? איך האָב נעכט ניט געקענט שלאָפען צוליב אייך, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איר זיינט אַזוי מסוכן! ווייי איז מיר!... איך האָב אייך געבראַכט אַביסעלע „איינגעמאַכטס", זיך דער־קוויקען דאָס האַרץ!...

— איך דאַנק אייך, מיסעס שעפּטעל, אָבער קיין איינגע־מאַכטס דאַרף איך ניט, ווייל איך טאָר עס ניט עסען: דער דאָק־טאָר ערלויבט ניט!

און אַלע שכנים האָבען שוין געוואוסט, אַז מיסעס שעפּטעל האָט געבראַכט איינגעמאַכטס צו מיסעס וואָרטשיק און דער דאָק־טאָר ערלויבט איר, נעבאַך, ניט צו עסען!...

אפילו שכנים מיט שכנות פון אנדערע הייזער האבען דערפון געוואוסט...

———<>———

ביים דאָקטאָר.

מיינע א שכנה האט מיך געבעטען, איך זאל מיט איר גיין צום דאקטאר, ווייל זי קען קיין ענגליש ניט ריידען.

נו, ווי איז מען אזוי שלעכט און מ'טוט יענעם ניט אזא טרוי־קענע טובה? כאטש ס'זיינען דא אזוינע, וואס האבען קיין „הארץ" ניט אפילו א טרוקענע טובה יענעם צו טאן...

הכלל, בין איך מיט מיין שכנה אוועק צומדאקטאר.

אריין אין אפיס, בין איך געבליבען געפלעפט: אוי, אזוי פיל פאציענטען?...

איך זאג אייך, ליבער לעזער, אז איך האב זיך ממש פאר־לארען: ער וועט דאך מאכען א וועלט מיט געלט, דער דאקטאר! ווארים פאר א וויזיט נעמט ער פינף דאלאר.

איך טו א רעכען אויף שנעל וויפיל פאציענטען ס'זיינען דא און איך געפין אוים, מיט דער הילף פון חכמת החשבון, אז ער וועט היינט האבען ניט קיין שלעכטען טאג הכנסה. הונדערט פאציענטען און יעדער איינער גיט אים פינף דאלאר.

וויפל איז עס?... איך האב שנעל בארעכענט און באלעק זיך ממש!...

און מיינט איר, אז איך בין שוין מיט אייך פארטיג? ניין, נאך ניט! מ'קומט אלץ און מ'טראגט די „פינפערלאך"!...

דאס הייסט אז הצלחה!...

און מיינט איר, חלילה, אז ס'העלפט עפעס — וועט איר הערען!

זיין ספעציאליטעט איז אויער, אויג און נאז, און נאך איין „ספעציאליטעט", וועלכע, ווי איך דיינק, איז די גרעסטע: ער נעמט קונציג צו די פינפערלאך, אבער מייסטערהאפט!...

זיץ איך לעבען מיין שכנה און קוק אויף איר ווי זי קרעכצט.

נעבאך, און קען זיך קיין ארט ניט געפינען: זי האט שרעקלאכע קאפ־שמערצען!...

דערווייל רופט זי עפעס א מענש, וועלכען מ'רופט דאקטאר. זי גייט צו און ער הייסט זיך איר אוועקזעצען אויף א שטול, און ער הויבט זי אן דרייען, ווי אויף א „קארוסעלקע"...

מיין שכנה הויבט אן שרייען און בעט זיך, איך זאל זי ארונ־טערנעמען, ווייל זי פילט, אז אט וועט זי ברעכען!...

איך אליין בין, ניט פאר אייך געדאכט, זייער א שוואך־קאר־פיגער און פיל, אז דער דאקטאר, דער שטול און מיין שכנה דרייען זיך פאר מיינע אויגען און איך בלאנדזשע אויף פרעמדע וועלטען...

דער דאקטאר, ניט קיין חכם, — אבער דאס מאל האט ער געהאנדעלט ווי דער גרעסטער חכם, — האט מיך אנגענומען פאר דער האנט און אנידערגעזעצט, אניט וואלט איך געווען געפאלען כורעים...

און מיין שכנה שרייט: „מיסטער שכן, ראטעוועט! אבער איך בין אליין א חולה מסוכן און די וועלט דרייט זיך פאר מיינע אויגען, ווי א שיכור'ע.

דאך האב איך זיך געשטארקט. פארט א מאנספארשוין (ווי איז מיר!) און איך האב גענומען ראטעווען מיין שכנה. קוים מיט צרות זי אוועקגעלייגט אויף א סאפקע און איר געבעטען כאפען א דרעמעל...

דערווייל איז צוגעגאנגען א נוירס און אונז געהייסען גיין זען א צווייטען דאקטאר, און ער האט אנגעהויבען מאכען „מאנקי ביז־נעס" גאנצע צען מינוט און זי אפגעשיקט צו אן אנדערען. ער זאל פארשרייבען וויפיל קינדער זי האט און וויפיל געלט...

מיר גייען, און צולעצט הייסט מען זיך אונז זעצען און ווארטען ביז דער „אדון הגדול", דער אמת'ער דאקטאר, וועט אונז רופען... זיצען מיר און ווארטען...

געקומען זיינען מיר איינס א זייגער און דעם דאקטארס זייגער האט אויסגעהאוקעט זעקס! פיין, ניט אזוי?...

אויף מיין שכנה'ס ראט האב איך זיך צוגעלייגט אויף א סאפקע און גענומען ליינען א ביכעל...

און די צייט רוקט זיך, ווי אויף רעסארען, אנטלויפט, און מ׳רופט אונז נאך אלץ ניט!

מיין קאפ טוט מיר וויי און איך ווער אומגעדולדיג.

רוף איך זיך אפ צו מיין שכנה: „איר הערט, מיסעס לעפאווסקי, אפשר זאל איך זיך אויך לאזען אונטערזוכען פון דאקטאר? איך האב שרעקלאכע קאפ־שמערצען, אזוי ווי איר!...“

— דאס איז פון דער היץ און פארשטיקטקייט! — ענטפערט מיר מיין שכנה און האט עגמת נפש למאי איך, א געזונטער, ביז געווארען קראנק צוליב איר...

צולעצט האט מען אויסגערופען מיין שכנה׳ס נאמען און מיר לויפען שוין צום דאקטאר.

— העלאו, מיסעס לעפאווסקי, ווי פילט איר? — פרעגט ער איר אויף ענגליש און שמייכעלט.

— דער קאפ, א? — פרעגט ער ווייטער.

ער זעצט זי אוועק אויף א שטול, קוקט איר אריין אין געזיכט און באשליסט, אז זי קען גיין אהיים און קומען מאנטאג...

מיר גייען ארויס און ס׳ווארט שוין א נוירס מיט „א גרייט געבאקענעם שמייכעל“ צו נעמען דאס פינפערל...

זי גיט, מיין שכנה, — א ברירה האט זי?...

— גוד באי! גוד באי! — שמייכעלט די נוירס און קוועלט פון די פינף דאלאר. זי קריגט דאך אויך עפעס...

— אוי, ס׳א מחיה אין גאס! — שרייט אויס מיין שכנה, — איך פיל, אז מיין קאפ־ווייטאג פארשווינדט!...

— מיר ווערט אויך גרינגער! — ענטפער איך, און האלט זיך ביי די שלייפען...

קוים זיך פארשלעפט אהיים מיט מיין קראנקער שכנה, און שוין דער דריטער טאג, אז איך ליג אין בעט: איך האב קאפ־שמערצען, הארץ־ווייטאג, ציין־ווייטאג, און בין אין כעס אויף אזוינע פייקערס, וואס נעמען געזונטע מענטשען און מאכען זיי קראנק און ארים.

א רחמנות, נעבאך, אויף מיין שכנה. מאנטאג מוז זי ווידער גיין. אבער איך וועל זיך שוין אפבעטען ביי איר, ווייל אויב איך גיי, חלילה וחס, מאנטאג, וועל איך ווערען אויס מענטש!...

און מענטשען זיינען דא זייער ווייניג, און דאס ביסעל, וואס זיינען נאך יא דא, ווילען ווערען דאקטוירים און נעמען פינפער־לאך פאר גארנישט!...

אוי, בין איך קראנק!... ארימע־שכנה!...

——<>——

די שפּראכען קעניגין.

מיסעס קאפּוסטע זאגט, אז זי קען פינף שפּראכען און דאס מאכט זי דערפון ניט קיין צימעס, ווי אנדערע, וועלכע קענען נאר איינע אדער צוויי...

זי מאכט אויך ניט קיין לעבען פון אירע קענטעניס, ווי אנ־דערע: זי האט א דריי־גודם סטארקע און איז העכסט צופרידען מיט די קונים. וואס גיבען וויפיל זי וויל, און „ווילען" וויל זי גראד ניט קיין ביסעל, זי האט ליב פארדינען גראב...

— איך זאג אייך דעם אמת, מיסעס דראבקין, מ'דארף קענען אלע שבעים לשונות פון דער וועלט צו באהאנדלען די קונים. וואס קומען אריין צו מיר!... — קאקעטירט מיסעס קאפּוסטע.

זי דיינקט, אז זי איז ניט קיין מיאוס'ע, און בשעת זי רעדט. מאכט זי אזוינע גרימאסען, ווי איינער וואס האט איינגענומען ביי־טער־זאלץ... און רעדט זי צו א מאנספּארשוין, זאל שוין גאט גאר מציל זיין פון אזא צער: זי שטייט ניט אויף איין פּלאץ, נאר דרייט זיך, וויאזשעט זיך, נעמט אים אן פאר א „לאץ" און שפּיליעט אים צו די קנעפּלאך פון רעקעל, שפּיליעט זיי אפּ, נעמט אים אן פאר דער מארדע, קוקט אים אריין אין די אויגען און רעדט אויף אירע פינף שפּראכען...

די שפּראכען האט זי גראד ניט געלערנט אין קיין אוניווער־זיטעט, נאר אט אזוי זיך, ווי זיי וואלטען איר אין קעשענע אריינ־געפאלען. אידיש — האט זי דאך א אידישען טאטען, זאל ער איר מאריך ימים זיין, קען זי א זייער גוטען אידיש. ווען מיכאלקא קען אזוי ריידען אידיש, וואלט מען געזאגט, אז ער האט א אידישען קאפּ אויף זיך...

רוסיש, איז זי דאך געבארען געווארען אין „רוסלאנד“, און אז אין רוסלאנד רעדט מען רוסיש, איז דאך קיין פראגע ניט... זי האט גראד אין רוסלאנד קיינמאל קיין ווארט רוסיש ניט גע־רעדט, ווייל זי האט ניט געקענט, אבער אין אמעריקא האט זי זיך אין קעסעלגארדען, אויף איין פוס, אויסגעלערנט רוסיש.

גוייש — כאכליש, נו, ווֶעלכער איך קען עס ניט קיין גוייש רעדען אין אמעריקע? אין רוסלאנד האט ער געקענט צען ווער־טער, אבער דא זיינען זיי געשוואלען געווארען און וועלען שוין ליידען פון אייביגען „געשווילאכץ?“ ביז שפראכען וועלען אונטער־גיין...

לשון קודש, איז איר טאטע געווען א דרדקי מלמד, און זי קען מאכען א ברכה איבער א דונער, א בליץ און אויף פרוכט. מער קיין לשון קודש האט איר טאטע אליין ניט געקענט. אבער אין אמעריקע איז איר טאטע געווארען א רעווערענד, א מוהל, א מסדר קדושין און פסק'ענט שאלות...

זאגט זי, אז זי קען גוט העברייאיש, — און ווער קען דאס איר אפלייקענען? ענגליש, איז זי דאך אין אמעריקע פופצען יאר און פאר אזא צייט מוז מען דאך, על פי יושר, קענען די שפראך!... אי זי האט קיין טראפען יושר ניט און קען זי ניט, איז זי ניט שולדיג, ווייל יושר איז א געשמאק־זאך, און זי האט א זייער ביליגען געשמאק.

הכלל, איך האב אויסגערעכענט געטריי אלע פינף שפראכען, וואס זי קען, און מיר וועלען זיך אומקערען צום ענין.

— איר ווייסט, מיסעס דראבקין, אז מיינע קונים קוועלען: גארנאן פון מיר; זיי זאגען, אז ס'א וואונדער א פרוי זאל באזיצען אזוי פיל שפראכען און דערצו נאך זיין א סטאר־ליידי. זיי זאגען, איך וואלט געקענט פארנעמען א פאזישאן אין א קאלעדזש אלס א פראפעסארין: — באקלאגט זי זיך אלץ פאר איר באקאנטע.

די באקאנטע, ניט קיין נאריש ווייבעל, שאקעלט צו מיט'ן קאפ און גלויבט איר: ס'קאסט איר עפעס געלט?

זי, גראד, קען יא עטלאכע שפראכען, און ניט שלעכט; אבער ווער וועט עס גיין זיך בארימען, אז ס'וואלט איר געפאסט זיין ווער ווייסט וואס?...

— אט אזוי איז עס, מיסעס דראבקין; אמעריקע איז א לאנד, וואו מ׳ווייסט ניט ווער איז ווער, און איך דארף זיין א סטאר־ליידי!

— האט זי זיך אלץ באקלאגט...

דערווייל איז אריינגעקומען א ווייבעל און געבעטען איבער־לייענען א רוסישען בריף, וואס זי האט געקראגען פון אירע על־טערען, און געבעטען מיסעס קאפוסטע איבערלייענען.

א רויט פייערעל האט זיך אנגעצונדען אין אירע אויגען און אירע פים האבען זיך אנגעהויבען טוקען...

— א, עקסקיוז מי, מיסעס קריפער, איך מוז צוגרייטען א פלאץ פאר סחורה, ווייל מ׳וועט באלד אנקומען פון ניו־יארק און ס׳וועט ניט זיין וואו?... — האט זי אנגעגעבען א געלונגענעם תירוץ. — מיסעס דראבקין, לייענט איר איבער דעם בריף, פליז, אויב איר קענט נאר לייענען רוסיש?...

מיסעס דראבקין האט, אן צערעמאניעס, איבערגעלייענט דעם בריף און מיסעס קאפוסטע האט זיך געטראכט:

אי, ווי גוט ס׳איז, אז מ׳קען טאקע!...

— ווען־זשע וועט איר מיר אנשרייבען א אידישען בריף צו מיינע עלטערען, מיסעס קאפוסטע? — האט מיסעס קריפער איר אנגעבאטען אויפסניי.

— איך וועל זיין צו ביזי א גאנצע וואך, מיסעס קריפער, און איר וועט מוזען בעטען מיסעס דראבקין, זי זאל אייך טאן די טובה.

— מיט פארגעניגען וועל איך עס טאן! — האט מיסעס דראבקין רואיג געענטפערט.

אין א פאר טעג ארום האט מיסעס קאפוסטע ווידער גערעדט פון אירע פינף שפראכען און זיך אלץ בארימט, אז זי איז עפעס גרויסעס...

דערווייל קומט אריין דער בריף־טרעגער און גיט איר איבער א רעגיסטרירטען בריף און הייסט זיך אונטערשרייבען.

מיסעס קאפוסטע איז געווארען ווייס, ווי קאלך, און א חלשות־געמיט האט זי ארומגעכאפט...

צום גליק איז מיסעס דראבקין ווידער געווען.

— א, טייערע מיסעס דראבקין, שרייבט זיך אונטער פאר

מיר, ווייל איך האב א קראנקען פינגער און ער איז געשוואלען: איך האב זיך פארשטאכען מיט עפעס!...

מיסעס דראבקין האט זיך אונטערגעשריבען און פארטיג..

פון דעמאלט אז האט מיסעס קאפוסטע אויפגעהערט זיך גרויסען מיט אירע פינף שפראכען, ווייל זי האט פארשטאנען, אז מיסעס דראבקין קען ניט קיין פינף פינקטלאך, אבער חתמ'ענען קען זי זיך נעווים און רוסיש לייענט.זי גוט, און אפשר קען זי אויך לשון קודש, ענגליש, דייטש, פראנצויזיש: זי שווייגט צופיל. שווייגט זי!...

און זי מיט אירע פינף שפראכען רעדט שוין צופיל אבי־סעלע און ס'א סברא, אז אין אמעריקע איז מען אויך א מבין אויף א טשאד.

זי וועט פרואווען זיך לערנען קענען שרייבען אידיש און דערנאך וועט זי לערנען אנדערע שפראכען!...

———<>———

שפילען.

אייבעלע איז זיך אזוי א גאנץ פיין קינד, פאלגט טאטע־מאמע, לערנט גוט אין סקול, לערנט ביים רבי'ן און קען שוין דאווענען, זאגען ברכה, אבער דאך האבען זיינע עלטערען פון אים קיין נחת: ער וויל ניט שפילען אויף דער פיאנא!...

א זייטיגען מענטשען קען זיך עס אויסווייזען גאנץ גרינג, אבער אייבי'ס טאטע־מאמע ליידען אז א שיעור און אז א ברעג: א קליי־ניגקייט, זייער אייבעלע וויל ניט פראקטיצירען אויף דער פיאנא!...

— וואס זאגט איר ניט צו אונזערע צרות, מיסטער ר—ז. אייבעלע וויל ניט שפילען, כאטש טוט אים ווייס איך וואס; ער וויל ניט און פארטיג!...

— א דאגה האט איר, — ענטפער איך, — זאל ער נאר אזוי זיין א גוטער מענטש. ווען ער ניט קענען שפילען, איז אז אומ־גליק א גרויסער, וועלען אנדערע שפילען און ניט ער, און ער וועט הערען ווי יענע שפילען!...

— וואס רעדט איר, מיסטער ר—ז, מיר איז א וואונדער

איר זאלט עס זאגען! וואס הייסט, ער זאל ניט שפילען. וואס הייסט? ס'קאסט דאך אונז אפּ א פארמעגען די פּיאנא, מיט'ן לערער, מיט די נאטען, און ער וויל ארומלויפען, וויל ער, איבער דער גאס און גארניט! אים ווייזט זיך אויס, אז געלט קלייבט מען אין גאס; נאר וואס ווייסט ער טאקע אויף אז אמת פון צרות. איך האב געליטען הונגער ביי מיינע עלטערען, ניט געקענט גיין אין שקאלע, ווער רעדט שוין פון שפּילען. אזא זאך האט מען גאר ביי אונז ניט געהערט!... „דעם פּריצ'ס" קינדער האבען אזוי געלעבט ביי אונז, ווי מיינע לעבען דא אין אמעריקע! — האט זיך די מוטער קאקעטיש באקלאגט...

דער פאטער איז געשטאנען ביי דער זייט און געקוואלען פון זיין פרוים „מענה לשון" (ער איז א שטיקעל פאנטאפעל־מאן...)

— ניט געפערלאך, מיסעס טרעלבע, אייער אייבעלע וועט אייך נאך ברייננען נחת א סך, און אויב מ'איז ניט קיין שפּילער, איז מען קיין מענטש ניט? — האלט איך זיך ביי מיינעם...

— מיר ווילען אבער, ער זאל קענען שפּילען אויך, ווייל ווער ווייסט, וואס ס'קען פון אים ארויסקומען מיט דער צייט. ווי אזוי איז געווארען דער בארימטער, — זיין נאמען ליגט מיר אויפ'ן שפּיץ צונג, — אזא „גרויסער" שפּילער? זיין טאטע איז געווען אן ארימאן און דאך זעט איר ווי ער מאכט געלט ווי „בלאטע"!... — ענטפערט מיר דער פאטער טראציג און קוקט אויף זיין פרוי, צי ער האט ביי איר אויסגענומען מיט זיין שארפער חכמה...

זי קוקט זיך אויף אים אפילו ניט אום, ווייל א חוץ אן אייזעל איז ער ביי איר מער גארניט, און רעדט ווייטער צו מיר:

— פארשטייט איר מיך, מיסטער ר—ז, איך האב א האפע־נונג, אז מיין אייבעלע וועט אמאל זיין א „גרויסער" שפּילער און דערפאר וויל איך, ער זאל שפּילען א סך. היינטיגע יארען מאכט מען זייער א סך געלט פון שפּילען. אפילו זעליק דער קלעזמיר פון בערעזדיווקע לעבט אויך ווי א שררה אין אמעריקע: ער גיט „לעסאנס" און זיין פרוי גיט אויך „לעסאנס", און מ'איז געווארען רייך, ווי קורח... וויל איך, אז מיין אייבעלע זאל אויך ווערען א שפּילער, ווי מישא עלמאן, יאשא חפיי, אדער קרייזלער, און פאר־דינען געלט!...

— געווים, געווים! — ענטפּער איך. — מישא עלמאַן פאַר־דינט, קיין עין הרע, אַ סך געלט, אָבער איך גלויב ניט, אַז אייער אייבעלע זאָל קענען ווערען אַזאַ „גרויסער" שפּילער ווי מישא עלמאַן. ווייל מישא עלמאַן אין אייער אייבעלעס יאָרען, מאַריך ימים זאָל ער אייך זיין, איז שוין געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט און געגעבען קאָנצערטען ביי קעניגע און פירסטען!...

מיסעס טרעלבע האָט געוואָרפען אַ זייער בייזען בליק אויף איר מאַן (אין אַלץ איז ער שולדיג, נעבאַך) און געזאָגט:

— וואָרען, מ'וואָלט געווען געדאַרפט אים אָנהויבען לערנען שפּילען, ווען ער איז אַלט געווען צוויי אַ האַלב יאָר, וואָלט ער שוין איצטער געווען אַ „גרויסער" שפּילער!...

— דעמאָלט בין איך דאָך אָבער נאָך געווען אַ קבצן און געאַרבייט אין פאַבריק! — האָט זיך אַריינגעמישט דער מאַן.

מיסעס טרעלבע האָט ניט געענטפערט. (ווען איר מאַן זאָגט אפילו אַ גלייבע זאַך, געפעלט עס איר אויך ניט...)

דערווייל איז אַנגעקומען אייבעלע.

— שוין זאָלסטו מיר גיין אין שטוב שפּילען פּיאַנאָ, ווייל אַניט וועל איך דיך הרג'ענען. דו הערסט, צי ניין, האַ? — האָט זיך מיסעס טרעלבע צעלאָזט.

— איך וויל ניט שפּילען קיין פּיאַנאָ, מאַמע, איך וויל זיך שפּילען אַביסעל! אַ גאַנצען טאָג איז נאָר שפּיל און שפּיל אויף דער פּיאַנאָ! איך וויל אַביסעל זיין אין גאַס און זיך שפּילען מיט די קינדער, מאַמע! — האָט זיך אייבעלע אָנגעהויבען בעטען ביי איר.

— ניין, זאָג איך דיר, אין שטוב גיי און שפּיל פּיאַנאָ, די מינוט, הערסט, צי ניין?...

אייבעלע האָט זיך צעוויינט און, נעבאַך, נעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, ווי אַן אָקס צו דער שחיטה...

ער וויל זיך שפּילען מיט די קינדער אין גאַס, אַרומלויפען אַביסעל נאָך סקול, ווייל באַלד קומט דער רבי און מ'נעמט אַ שטונדע ביז ער לערנט אַפּ, צוגרייטען די לעסאַנס פון סקול נעמט אויך צייט און צו לעבען אַביסעל איז ניטאָ ווען!...

און די גזלנים טאַטע־מאַמע האָבען זיך אָנגעזעצט אויף זיין

קאפ און ווילען ער זאל ווערען א „גרויסער" שפילער און פארדינען א סך געלט, ווי מישא עלמאן, יאשא חפץ, אדער קרייזלער...

— אוי, קינדער, קינדער אין אמעריקע! — באקלאגט זיך מיסעס טרעלבע. — איך האב ניט געהאט וואס צו עסען ביי מיינע עלטערן און זיי האבען, קיין עין הרע, פון אלעם גוטען און ווילען ניט פאלגען טאטע־מאמע (איר מאן האט זיך מחיה געווען, ווען זי האט דערמאנט דאס ווארט „טאטע"...)

איך האב צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און געטראכט ביי זיך:

„אוי, נארישע טאטע־מאמע! איר הויבט גאר ניט אן צו פארשטיין די פסיכאלאגיע פון קינדער און באזונדערס פון לעבען! איר ווילט, אז אייער אייבעלע זאל ווערען א גאון אין סקול, ביים רבי'ן, און צו אלעם נאך א „גרויסער" שפילער!... גיט אים אביסעלע מער פרייהייט צו זיין אין גאס, כאפען לופט און האקט ניט אין קאפ מיט דער פיאנא, א האלבע וועלט זאל וויסען וויפיל זי קאסט, און ער וועט שוין זיין אל־ראיט"!...

ווילען זיי דאך אבער ער זאל ווערען א צווייטער מישא עלמאן!... א רחמנות אויף אייבעלען, נעבאך!...

——•—<>———

זי דיינקט...

זי דיינקט... ניט פון וועלט־זאכען, חלילה, א, ניין! זי דיינקט... ניט פון יענעמס ליידען, ווייען, צרות און יסורים... זי דיינקט... אז זי איז א זייער שיינע ווייבעל און דערצו נאך „א זייער", „זייער" געבילדעטע און קלוגע...

מהיכי תיתי, זאל זי דיינקען! אבער יענעם אריינקריכען אין הארצען מיט אירע אינטעליגענטע און געבילדעטע „דיבורים", וואס שלאגען זיך אן, ווי שווערע שטיינער אן א וואנט, דארף זי ניט...

זי דיינקט דאך אבער, אז זי איז „עפעס" (מסתמא האט איר מאן איר איינגערעדט אזוי, אדער זי אים...) נו, נו, דערקוטשעט

זי עס יעדען איינעם, ווען זי קען און ווער ס'האט א זכיה צו זיין איר א קרוב, שכן, פריינט און פארוואנדטעטער...

זי רעדט „דריבנענקע" ווערטערלאך, מיט צייט, און באלעקט אלע מאל אירע ליפען, וועלכע זעען אויס ווי צוגעפוילטע „טאמיי־טעס", קוקט אריין יענעם אין די אויגען מיט אירע קעצישע אויגען, וועלכע דריקען גארניט אויס און זשמורען זיך נאריש און מאכען אן איינדרוק פון כיטראסט און באנאליטעט...

זי דיינקט אבער, אז זי איז „איינע" אויף גאנץ בראדע און אפילו קיסרים מעגען זיך אין איר פארליבען (נאר א שאד וואס היינטיגע יארען איז א גרויסער מאנגעל אין קיסרים...)

איך קען זי זייער גוט, אט די „אויבענדערמאנטע" פרינצעסין און איך מייד זי אויס, ווי א שווארצע קאץ; אבער זי דיינקט דאך, אז מ'קען זיך מחיה זיין א קוק טאן אויף איר. זוכט זי מיין קאמ־פאניע און וויל מיר אנטאן פארגעניגען מיט איר זיסען שמייכעל, קלוגע רייד און טיפער חכמה...

אפטמאל געלינגט מיר זיך קונציג ארויסדרייען פון אירע לאפעס, אמאל אבער קען איך אזוי גראב ניט זיין און איך לייד... אוי, לייד איך... אוי, אוי!...

זיבען, אכט שטונדען מיינע גייען לאיבוד, ווייל זי דיינקט, אז „זי" איז עפעס!...

און יעדעס מאל דערציילט זי מיר דאס אייגענע, דאס זעלבע: ווי אזוי זי איז אין רוסלאנד געווען געבילדעט, גרויס, פיין, און יעדער איינער האט געוואוסט ווי זי צו שעצען. און דא, אין דער וויסטיגער מדינה, הויבט מען גארניט אן צו וויסען איר ווערט...

און זי פארט מיר אריין מיט א „פאני אקצענט" אויף קאצא־פעניש, ווייל זי דיינקט, אז איך וועל גאר אנדערש קוקען אויף איר, אויב זי רעדט רוסיש. און איר רוסיש?... נו, נו, פרעגט שוין גאר־ניט, ליבהארציגע לעזער. איך הויב זי גארניט אן צו פארשטיין: מיר ווייסט זיך אויס, אז ס'איז עפעס א שפראך פון הינטער דעם טייך סמבטיון...

זי דיינקט אבער, אז זי קען זייער גוט רוסיש און אנדערע (וועלכע קענען גראד ד י י נ ק ט זי, אז זיי קענען ניט...

און איר דיינקען מאכט מיך צום דיינקען, אז זי איז א פּראָסטע בריאה און וואָלט געמעגט אויפהערען האַקען א טשייניק מיט איר פערזענלאַכקייט...

לעצטע וואָך האָב איך זיך איבערצייגט און, מעגלאָך, אויך זי איבערצייגט, אז די דיינקט זייער שלעכט; אבער ווער ווייסט, צי אזא געבילדעטע, קלוגע פרוי קען זיך גאָר אין עפּעס איבערצייגען?...

אומגליקלאַכערווייזע האָט זי מיך דערטאַפּט און אנגעהויבען איבערצייגען פון איר אַרט דיינקען און ווייטע בליקען...

דער טאָג איז געווען א וואַרימער און איך האָב געפילט ניט אַם בעסטען...

זי קען אבער ניט דיינקען פון אזוינע גאַרישקייטען, ווייל ס'איז עפּעס דאָ שענערס און העכערס, ווי יענעם ניט דערקוטשען?...

— העלאָו, מיסטער ר—ן, העלאָו! — נעמט זי מיך אויף ברייטלאַך...

— העלאָו, מיסעס מאַניאַק, העלאָו! — ענטפער איך אויף איר באַגריסונג און זוך שוין א מיטעל ווי אזוי אַפּציציהען...

זי דיינקט אבער גאַנץ אַנדערש... און נעמט מיך אַן ביים לאַץ פון מיין „יום־טוב'דיגען ראָק".

שלעכט, טראַכט איך ביי זיך, איך בין אריינגעפאַלען און וועל שוין קריגען „אוועקגעקוילעט" א זעקס, זיבען שטונדען...

— וואָס־זשע מאַכט מען עפּעס, מיסטער ר—ן?

— אַט, מ'לעבט און מ'הערט ווי „קלוגע" מענטשען רעדען נאַרישע רייד, אז ס'שלאָגט אזש צו דער גאַל! — ענטפער איך איר און ווייל זי זאָל מיך פאַרשטיין...

זי דיינקט אבער... און פאַרשטיין איז ניט איר זאַך...

פּאַל איך אויף אַן המצאה. איך הויב איר אַן דערציילען אזא געשיכטע:

הערט!

— נעכטען בין איך מיר אזוי געזעסען אין פּאַרק און געקוקט ווי פויגעלאַך פליען. איך האָב זייער ליב צו קוקען אויף פויגעלאַך. ס'א מחיה, ס'א פאַרגעניגען! זיץ איך, הייסט עס, און קוק. קוק איך, הייסט עס, און זיץ!... (מיין מיסעס מאַניאַק האַלט אָפען דאָס מויל און הערט זיך איין...)

— דערווייל איז אין פארק אויך אנגעקומען מיסעס באהיימע און זיך אוועקגעזעצט לעבען מיר. און אז מ'זיצט איינער לעבען אנ־דערען און מ'קען זיך אזוי גוט, צערעדט מען זיך. האט מיסעס באהיימע מיר אנגעהויבען דערציילען פון איר לעבען, חכמה, בילדונג, אז זי איז אין רוסלאנד געווען א גימנאזיסטקע פונ'ם זיבעטען קלאס גימנאזיע, אז זי שטאמט פון א זייער יחוס'דיגער פאמיליע... און אלץ דערציילט און דערציילט, אז אנגסטען האבען מיך באשלאגען: א מענטש זאל אזוי טארעלייקען מיט'ן צונג, מיסעס מאניאק, האב איך נאך ניט געזען!...

— ווער דארף עס וויסען, אז זי איז א קענערין?... ווער דארף וויסען איר יחוס?... איך בין שוין,(גאט צו דאנקען, א באווייבטער און האב ניט קיין ברידער בחורים... נו, און זי אליין איז דאך א באמאנטע! אמת, זי האט א שוועסטער א מיידעל נאך, אבער זיין א „שדכן" איז ניט מיין ספעציאליטעט: מ'דארף זיך אויסטויגען!...

— מיט איין ווארט, מיסעס מאניאק, די מיסעס באהיימע האט מיך פארנודיעט מיט אירע געשיכטעס, אז גאט זאל שומר ומציל זיין פון אזוינע נארישע ווייבער!...

— איין קלייניגקייט, צי זיי קענען פארנודיען, די ווייבער, — ענטפערט מיר מיסעס מאניאק, — זיי ווילען דאך אוועקריידען גאנצענע טעג און ניט ווילען וויסען, צי יענער האט צייט, געדולד און אינטערעס?... איך קען זיי „גוט" יענע „יאכנע־טריינעס" און איך האס זיי מיט מיין גאנצער נשמה!...

איז, דאכט זיך, גוט, הא?... טויג עס ערשט ניט, ווייל מיסעס מאניאק קען אלע „יאכנע־טריינעס", אבער איין „יאכנע" קען זי ניט — זיך אליין!...

און מיין גאנצע געשיכטע מיט דער מיסעס באהיימע איז געווען אז ארויסגעווארפענע זאך: מיסעס מאניאק האט מיך באראבעוועט אין זעקס שטונדען מיט אירע פוסטע רייד און מעשיות.

איך האב געוואלט איבעררייסען דעם געשפרעך און אוועק, אבער זי האט מיך געהאלטען ביים לאץ פון מיין „יום־טוב'דיגען גארינטור" און איך האב מורא געהאט ריזיקירען: ניט אזוי גרינג קויפט מען זיך היינטיגע יארען א בגד!...

אט אזוי לעבט זי איר וועלט און „זי דיינקט", אז זי איז קלוג, פיין, געבילדעט, אינטעליגענט און האט נאך מעלות אויף מעלות...

זי דיינקט אזוי, און ווי אזוי דיינקט איר?...

——<>——

אַנאַטאָמיע.

ווען איך בין געווען א קליין אינגעלע און עמיצער האט מיך א פרעג געטאן: „זאג מיר נאר, אידעל, וואס וועסטו זיין?..." פלעגט איך ענטפערן: „איך וועל זיין א דאקטאר!..."

אין מיין קינדערשער פאנטאזיע האט זיך „קריסטאליזירט" דאסווארט „דאקטאר" אלס דאס גרעסטע און שענסטע.

האב איך שטיל געטרוימט דערפון אין מיין פריסטער יוגענט, דערנאך ווען איך בין שוין געווארען גרוים און זיך געגרייט צו עקזאמענס: ווערען א דאקטאר, וויסען די סודות פון מעדיצין און זיין באהאוועגט אין אנאטאמיע...

האט דאס לעבען מיר אבער אונטערגעשטעלט א „פוס", און איך בין אלץ געווארען, נאר ניט קיין דאקטאר...

אונזער משיקאווע וועלטעל האט שוין אזא טבע, אז וואס איינער וויל יא, קריגט ער עס דוקא ניט...

בין איך, הייסט עס, קיין דאקטאר ניט געווארען און נאר געקענט „דאקטוירים" פון ווייטען און אמאל אויך פון נאענט...

און איך בין זיך מודה ומתודה, אז קיין גרויסער ליבהאבער פון זיי בין איך היינט ניט און קיין חשק צו ווערען א דאקטאר האב איך שוין אויך ניט: אט, געוויינלאכע מענטשען, וועלכע ווילען מאכען א סך געלט און וועגען פאציענט מאכט מען זיך א ווינ־ציגען צימעס...

לעצטע וואך, אבער, איז מיר ווידער ארויפגעקומען דער גע־דאנק צו „וועלען" ווערען א דאקטאר.

הערט פארוואס: אין מיטען גאס האט זיך אוועקגעשטעלט א מענטש און ארום אים א היבשער עולם.

איך בין דורכגעגאנגען און, אלס שרייבער, האט עס מיך פאר־אינטערעסירט: א טעמע פאר א פעליטאן, פיליכט?...

און ווי געטראפען: איך וועל שוין האבען מאטעריאל עפעס אנצושרייבען.

און יענער מענטש מענטש האט געהאלטען א קאפ פון א מענטשען און געגעבן א לעקציע צו די צושויער.

אויף א ביינקעל זיינען געלעגען נאך קעפ. און מיט די „אויגען־לעכער" געקוקט אויף דעם ווערטען פובליקום...

— הערט זיך איין, ווערטעם פובליקום, — האט דער מענטש־פראפעסאר געהאלטען זיין פארטראג, — איך וויל רופען אייך און אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט, אז מענטשען קענען זיין גוט און וואויל, נאר געוויסע אומשטענדען פאראורזאכען אין זייער מארך, אינ'ם חוט השדרה, אז איבערקערעניש!... מ'מוז זיך גוט אריינטראכטען אין דעם און אלע אינאיינעם זען שאפען א בעסערע „מענטשהייט" פאר'ן וואוילזיין טאקע פון דער מענטשהייט!...

און ער האט אילוסטרירט מיט די „קעפ" און אנדערע טיילען פונ'ם קערפער די פאקטען, כדי די צושויער זאלען עס בעסער פאר־שטיין.

לכתחילה האב איך ניט אנגעהויבען צו וויסען און פארשטיין, וואס ער מיינט מיט זיין גאנצער לערע: צי די מענטשען זאלען ווערען בעסער, צי מ'דארף זיי געבען א מעגלאכקייט צו ווערען בעסער?...

איך האב עס אבער געכאפט: ער האט געמיינט צוציען דעם עולם מיט זיין „אנאטאמיע" און נאכדעם וועט ער אים ערשט דער־ציילען, וואס ער וויל פון אים: ער פארקויפט אזוינע „ברוד־בענדער"... „קארסעטען" און אנדערע מטלטלין, וואס וועלען פאר־היטען „די מענטשהייט" פון כל'ערליי אומגליקען...

דאס הייסט אז איינפאל!!!

און איך האב שוין אנגעהויבען ווערען „בייז" אויף אים און איך זיך אים דערלאנגט אין „טאטענס טאטען אריין", אבער איך האב זיך באלד בארואיגט, ווייל זיין „לעקציע" האט מיר דאך עפעס געגעבען: מ'טאר ניט ווערען בייז, אין כעס, ווייל עס ווערט גלייך

א קאבעניש אין בלוט און מ׳קען, חלילה וחס, ווערען א... „מע־דער״ !...

און איך האב מיך אויף אז אמת דערשראקען, ווייל מיין בלוט האט אנגעהויבען זידען, קאכען, און ווען איך בין ניט „א טאטענס א קינד״, באגיי איך א פארברעכען טאקע באלד...

רואיגערהייט האב איך אבער אנגעהויבען „אנאטאמיש״ — אנ׳„אטאמיש״ צעגלידערען דעם מענטשען, און איך האב געפונען, אז ער איז טאקע ניט שולדיג, למאי ער איז א גנב, באנדיט, מערדער, רויבער, שווינדלער, און ווער ווייסט נאר וואס נאך...

ער מוז מאכען א לעבען, מוז ער!... און דאס פארענטפערט זיינע אלע טאטען...

ניט אומזיסט האט א דאקטאר, מיינער א גוטער פריינד און א קרוב פון מיין טאטענס צד, מיר געהאט געליינט א „לעקציע״, ווען איך בין געקומען אים רופען צו מיין קינד:

„הער, קאזין, א דאקטאר מוז מען רופען, אפילו ווען מ׳איז פאלקאם געזונט, ווייל די „אנאטאמיע״ לערנט אונז, אז א מענטש קען פלוצים ווערען קראנק, משוגע, מטורף, קריגען אן אנפאל פון דער בלינדער קישקע... אן אנפאל ערגעץ אין א בלינדער גאס און א קאזארמע זאל, חלילה, אויף אים ארויפפאלען!...״

גערעכט, מיין קאזין, דער דאקטאר, ער האט אנ׳„אטאמיש״ צעגלידערט דעם מענטשען און געקומען צום שלום, אז אנדערש קען מען קיין לעבען ניט מאכען: מ׳מוז אנווארפען „אן אימה״ אויפ׳ן מענטשען און ער וועט שוין קומען זיך לאזען מעלקען, ווייל לעבען וויל דאך יעדער איינער, ניין?...

אט אזוי־א לערנען היינטיגע יארען אלע „אנאטאמיע״: דער דאקטאר, דער אפטייקער, דער בארבער, דער שניידער, דער שוס־טער, דער הענדלער, דער גנב, דער גזלן, דער רויבער, דער באנדיט, — אלע, אלע...

זיי זיינען אזוי גוט באקענט מיט׳ן מענטשענס קערפער, אז ס׳נעמט א גזלן ניט לאנג צו דערלאנגען יענעם אין הארצען אריין מיט׳ן מעסער: ער טרעפט צום פונקט. דער גנב ווייסט, וואו די „סעקרעט־קעשענע״ איז און ער טרעפט צום פונקט...

דער שוסטער איז אזוי באהאווענט אין הלכות אנאטאמיע, אז

ער ווייסט וואו דער שור קוועטשט און וואו איינער האט הינער־אויגען, ער זאל קענען ערשט אז אמת'ן דרוק טאן...

מיט איין ווארט, אלע קענען אנ'„אטאמיע" און לערנען, גיבען לעקציעס, דריקען, שטיקען, ווארגען און שניידען...

גיין אין אוניווערזיטעטען דארף מען ניט, ווייל שניידען, רייסען, צופען און געבען „לעקציעס" קען היינטיגע יארען יעדער איינער: ס'איז ביליגער ווי בארשטש...

מ'דארף נאר האבען גענוג שכל און קענען צעגלידערען דעם מענטשען...

און שטעלט אייך פאר, אז לעצטע וואך האב איז געזען מיינעם א באקאנטען באנאנע־פעדלער, ווי ער האט פונ'ם וואגען געגעבען א לעקציע צו זיינע קונים און קונות וועגען „אנאטאמיע": ער האט צעגלידערט דעם מענטשען אויף ברעקלאך און ס'איז דעם עולם גע־פעלען געווארען...

אויב אזוי, האב איך געטראכט, מעג איך אויך ווערען א דאק־טאר און געבען פארטראגען איבער אנאטאמיע, אסטראנאמיע, פי־לאלאגיע, פילאזאפיע, גזלה־לאפיע, און שווינדלאזאפיע...

יא, אזוי בלייבט עס, איך ווער א דאקטאר אן בויד־וויטאג, ס'הייסט מ י ט בויד־וויטאג, ווייל א דאקטאר היילט מיך שוין מכמה שנים און וואס ווייטער פיל איך ערגער: ער היילט מיך מיט „אנאטאמיע"...

זיין א וויזיט איז דריי דאלאר, און ער האט צעטיילט עטלאכע טויזענט דאלאר „מיינע" אנ'„אטאמיש" און זוינט מיך צו־ביסלאד...

הכלל, ליבע לעזער, איך ווער א „דאקטאר" און וועל אנהויבען געבען לעקציעס, פארטראגען, רעפעראטען, דעבאטען און אלץ לויט די כללים פון אנאטאמיע: צו־ביסעלאך, צו־פיצעלאך, צעגלידערען, צעשפליטערען, אנווארפען אן אימה, שרעקען, מאכען קונקעל־מונקעל ביזנעס, ווי אלע אנדערע דאקטורים, פראפעסארען און אזוי „טי־טולירטע", וועלכע קענען גוט די תורה פון אנאטאמיע...

———<>———

געטרייע עלטערן.

איזי האט זייער געטרייע עלטערן. זיי וואלטען זיך פאר אים מקריב געווען. אבער זיינע געטרייע עלטערן האבען קיין שכל ניט! געלט האבען זיי גראד יא...

קומט, נעבאך, איזי אפ ביי זיינע געטרייע עלטערן פא טאטע אי פא מאמע!...

ער איז א מאגערינקער, איזי, אבער ניט קיין שוואכער, און זיי ווילען דוקא, ער זאל זיין פעט, ווי דעם בארבערס באיטשיק...

פלאגען זיי אים מיט אינקוויזיציע־מיטלען!

אז איזי שטייט אויף גאנץ פרי און וואשט זיך ארום, האלט שוין זיין מאמע גרייט א גאגעל־מאגעל פון צוויי אייער מיט גענוג צוקער פאר אים...

ער וויינט, קלאגט, בעט זיך, אז ער קען עס ניט טרינקען, ווייל ס'נודיעט אים. זי וויל אבער ניט הערען און ניט וויסען: ער מוז ווערען פעט, ווי דעם בארבערס באיטשיק!...

טרינקט ער דאס אויס און אין א פאר מינוט ברעכט ער עס אויס נאך מיט א צוגאבס...

גיט זי אים צוויי גלאז מילך, ער זאל אויסטרינקען! בעט ער זיך און וויינט, אז ער קען ניט. אבער זי וויל גארניט הערען דער־פון: ער מוז ווערען פעט, ווי דעם בארבערס באיטשיק!...

קוים וואס ער אנטלויפט אין סקול אריין. דארט איז ער א פרייער מענטש!...

צוועלף א זייגער גיט אים זיין מוטער א פערטעל געפרעגעלטע טשיקען, א טעלער זופ, פלוימען, און ער בעט, וויינט, אז ער קען אזוי פיל ניט עסען; אבער זי וויל אים דערפאר ניט געבען עט־לאכע סענט אויף „קענדי", און ער מוז, נעבאך, פאלגען, ווייל זיין מאמע וויל ער זאל ווערען אזוי פעט ווי דעם בארבערס באיטשיק!...

דריי א זייגער גיט זי אים צוויי גרויסע ריפטלאך ברויט מיט פוטער, און ער וויינט ווידער, **בעט זיך, אז ער קען אזוי פיל ניט** עסען; אבער זי סטראשעט אים, אז מארגען וועט זי אים ניט געבען קיין געלט אויף „קענדי"!...

זעקס א זייגער קומט דער טאטע פון דער ארבייט און מ'גייט

ווידער עסען, און איזי מוז ווידער עסען א שטיקעל טשיקען, לעבער, ציבעלעס, ווייל דער טאטע וויל אויך...אז זיין איזי זאל ווערען אזוי פעט, ווי דעם בארבערס באיטשיקעל!...

פאר'ן שלאפען גיין מאכט אים די מוטער ווידער א גאגעל־מאגעל פון צוויי אייער מיט איבערגענוג צוקער און איזי לייגט אייגּ ווערטען, בעט זיך, וויינט, ווייל ער איז איבערגעשטאפט; אבער דער פאטער שרייט מיט באנומענע קולות און ער מוז פאלגען...

איינמאל האט מען אויף דער נאכט דערהערט שרעקלאכע קולות און א געוויין, א יאמער.

א שכן, ניט קיין נאר, איז אריינגעלאפען אהין און דערזען אזא מין סארט בילד: איזי איז געלעגען אויפ'ן פלאר און דער „טאטע" זיינער האט אים געפאסעוועט מיט'ן סטראפ, אבער אזוי ווי געהעריג איז.

איזי האט גערעוועט, ווי אן אקס, געווען פארשוויצט, פאר־מאטערט, און דער געטרייער טאטע האט געהאקט מיט'ן סטראפ...

די מאמע איז געשטאנען און אונטערגעגעבען דעם טאטען קוראזש:

„שלאג, שלאג וויפיל דו האסט כח, ווייל ער וויל מיר ניט פאלגען. ער עסט ניט גאנצענע טעג!..."

— דערפאר שלאגט איר אים אזוי? — האט דער שכן גע־פרעגט פארוואונדערט...

דער געטרייער טאטע ענטפערט ניט און שלאגט ווייטער...

איזי, נעבאך, איז שוין כמעט א האלב־טויטער...

— אבער הערט שוין אויף שלאגען. אמאל, נזלן! איר קענט ווערען ארעסטירט דערפאר, איר ווייסט? — האט דער שכן אויס־געשריגען...

דערהערט דאס ווארט „ארעסטירט", איז דער געטרייער טאטע געווארען געלאסענער, און ארומגעבונדען מיט'ן סטראפ די הויזען, סאפענדיג, ווי א לאקאמאטיוו...

און איזי ליגט אויף דער ערד א האלבער מת...

— ער וויל ניט עסען, וויל ער ניט! — האט דער פאטער, ווי פאר זיך, אויסגעשריגען!...

— וואס הייסט ער וויל ניט עסען? — פרעגט דער שכן. — ער איז, דוכט זיך, א גוט קינד.

— אזוי איז ער א זייער גוט קינד, נאר ער וויל ניט עסען — ענטפערט די מוטער אויך.

— איך פארשטיי ניט, זאלט איר מיר לעבען און געזונט זיין, וואס הייסט ער וויל ניט עסען? איך זע אים דאך עסען, ווי אלע קינדער?... ער עסט פיין און מיט אפעטיט! — פארענטפערט אים דער שכן...

האט די מוטער אנגעהויבען דערציילען וואס ער עסט דורכ'ן טאג און דורך דער נאכט, אז דעם שכן איז אזש געווארען קאלט אין יעדען אבר. צוויי סאלדאטען וואלטען שוין געקענט זיין צופרידען מיט אזוי פיל שפייז, ווער שמועסט „הונגעריגע" סאלדאטען, געוויס!...

איזי איז געלעגען אויפ'ן פלאר און זיך צוגעהערט צום געשפרעך...

— הערט וואס איך וועל אייך זאגען: איר גיט אים יעדען פרימארגען אן ארענדזש, א גלאז ריינע, בלאסע טיי מיט א קליין שטיקעל ברויט מיט פוטער, גיט אים עפעס מיט אין סקול אריין, צוועלף א זייגער גיט אים א קליין שטיקעלע טשיקען, א געבאקטען עפעל, אביסעל זופ און זאל ער גיין. פארנאכט גיט אים אן איי, אביסעלע זויער־קרים, א גלאז מילך און פארטיג!...

מ'האט דעם שכן געפאלגט און איזי האט אויפגעהערט ברעכען: זיין מאגען איז געווארען גוט און ער האט אנגעהויבען ווערען פעט, ווי דעם בארבערס באיטשיק!...

— אוי, איר זיינט דאך א רעגעלער דאקטאר, אויף מייןווארט.

— האט זיך די מוטער געווענדט צום שכן אין א צוויי־דריי וואכען ארום, — ער איז גאר אנ'אנדער קינד: ער שלאפט רואיג, עסט אלץ און ווערט פעט!...

און דער פאטער גיט דעם שכן אפ א ברייטען העלאו...

געטרייע עלטערען, אבער נארישע: זיי וואלטען איזי'ן געוועזען נעמאכט פאר א לייט מיט די דאבעל גאגעל־מאגעלס און האלבע טשיקענס!?...

———<>———

„ברודערשאפט“.

אז מ׳דערמאנט זיך אינ׳ם טויט, איז מען ניט זיכער מיט׳ן נארישען שטיקעל לעבען...

קריכט אבער, ווי אויף צו להכעיס, דער דאזיגער געדאנק אין קאפ אריין און לאזט ניט לעבען במנוחה...

טויט! טויט! טויט!

מ׳איז געבארען געווארען צו שטארבען...

דאס הייסט א חכמה! געבארען ווערען, זיך אפלאגען א לעבען און אוועקגיין ערגעץ אהין, וואו ס׳איז אבסאלוט ניט פויגעלדיג... אבער?... אי, אבער!?...

דער טשיקאווער חכם — דער מענטש, האט צוויי „גרויסע“ אויגען און זעט גארניט: א בלינדער אויף אייביג!...

ער זעט גראד זייער א סך זאכען: גאלדווארג איז א שוי־פענסטער, א טייערען פוטער, פאלאצען, טענעמענט־הייזער, אבער דאס קליינינקע שטיבעלע — דאס „קבורה־קעסטעל“, זעט ער ניט... ס׳סטאיעט ניט קיין קוראזש. ער האט מורא אוועקצוקוקען אז א זייט...

ווען דערמאנט ער זיך יא אן דעם, ווען מ׳לאזט אים וויסען פונ׳ם פאראיין אדער ברענטש, אז א ברודער איז געשטארבען, אז א ברודער האט זיך פארגלוסט כאפען א קוק ווי אזוי די מלאכים עסען קרעפלאך...

גיט אים א טיאכקע דאס „מענטשלאכע הארץ“: ניט פאר׳ן ברודער שרעקט ער זיך, חלילה! ער הויבט אן מורא האבען, טא־מער פארגלוסט זיך דעם „מלאך המות“ א קוק טאן, וואו ער וואוינט: צי אין א רייך הויז, אדער אין א טענעמענט־הויז?...

פארפוצט ער זיך און גייט ארויסבאגלייטען זיין פאראיין־ברו־דער אדער ברענטש ברודער צו זיין אייביגער רו...

דארט באגעגענט מען נאך „ברידער“, וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבען איינער צום צווייטען מיט „קלאטשע און פאסטילעס“ און מ׳שמועסט צווישען זיך אזא מין סארט שמועסניש:

„געווען א טייערער יונגערמאן, געווען!... קיינעם ניט געטשע־פעט, און געשטארבען, נעבאך, געשטארבען אין איין הרף עין!...“

„יא, געווען גאר א וואוילער, אבער א וואוילער!... מיר זיינען געווען ווי אמת'ע גוטע ברידער!... א שאד, כ'לעבען, אז עברה!..." (און ער האט אים קיינמאל ניט געוואלט לייען אפילו א טאלער, ווייל יענער איז געווען א זייער „וואוילער", אבער א זייער „אריי מער...")

„ניטא א סך אזוינע, ווי דוד איז געווען!... א קלוגער, ליבער מענטש, און ס'א חלול השם, וואס ער איז געשטארבען!... נאך גע־קענט געווען לעבען!... נו, מילא, אזוי איז עס! מ'מוז שטארבען!..."

„וואס? דוד איז געשטארבען? טאקע? ווען? וואס? ווי אזוי?... ער איז געשטארבען? טאקע? ס'קומט מיר עטלאכע דאלאר פון אים!... געווען א וואוילער מענטש, אבער א קבצן! א געבילדעטער מאן געווען!... געשטארבען! בע! מ'דארף גיין!..." (און די עטלאכע דאלאר ארען אים מער, ווי יענעמס טויט...)

אט אזוינע דבורים הערט מען עס פון די „ברידער". וועלכע מ'קריגט פאר א דאים (צען סענט) אין אמעריקע...

און מיינט איר, אז זיי לאזען עס פשוט אפ? חלילה! מ'טוט אן שווארצע בענדער אויף די ארבעל און מ'קלאגט, ווי די ביבערס!... מ'לייגט איין וועלטען, ווי „ברידער" קענען...

ווען דער ברודער האט אבער געלעבט און זיך גענויטיגט אין „הילף", זיינען אלע ברידער ווי דערטרונקען געווארען, און קיינער איז ניט געקומען: שא, שטיל!... מ'האט קיין צייט ניט! קיין געדולד ניט! קיין אינטערעס ניט! קיין געפיל ניט! קיין הארץ ניט! קיין לייב און לעבען ניט!

אז גאט האט אבער געהאלפען און דער ברודער איז גע־שטארבען, זיינען אלע ברידער ארויסגעקראכען פון די „נארעס", ווי די מייז, און געקומען צוגיין, ניט מחמת אהבה, נאר מ'וועט זיי שטראפירען מיט דריי דאלאר יעדערען..

אט אזוי איז מען עס פאר „ברידערט" אין אמעריקע, און ניט נאר דא, איבעראל אזוי: א ברודער איז א ברודער!...

אקעגען וואס־זשע איז עס צו רייד געקומען? אקעגען טויט!

כל זמן מ'לעבט, איז די וועלט א היבשע „קארעטע" און ארום איר הערט זיך א קוויטשעריי, א הוזשעריי; אבער, אז מ'גייט

אריבער יענער זייט פּאַרקען, ווערט מען אַ שטיקעל מענטש אויף דער וועלט און מ׳הערט אויף פאַראוואַן מיאוס׳ע שטיק.

איז אָבער איין חסרון דאָ דערביי: דער וואָס גייט אריבער דעם פּאַרקען, ווייל פאַר קיין פאַל ניט דערציילען, וואָס דאָרט קומט פאָר, און בלייבט אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשען דאָרט: ליגט רואיג, ווי סטאַטיקל און וויל ניט וויסען פון קיין פּוסטער זאַך... און אויף דער זייט פּאַרקען בלייבט דער ברודער אַ „ברודער" און וואַרט ביז מ׳וועט אים לאָזען וויסען פונ׳ם ברענטש, אַז אַ ברודער איז געשטאָרבען און, אויב ער וועט ניט קומען, וועט ער מוזען צאָלען שטראָף...

און דריי דאָלאַר שטראָף צאָלען פאַר אַ ליאָדע ברודער לוינט זיך ניט, ווייל וועלכער ברודער איז עס ווערט אַזאַ מטמון מיט געלט?...

קומט ער צו־גיין, טוט אָן אַ שוואַרצע „ליענטע" און קרימט זיך, למאי האָט דער ברודער געהאַט אַזאַ „העזה" און גאַר שטאַר־בען... קראַנק געווען זיך מוטשען אַלע יאָרען און ניט אוועקנעמען אים פון דער אַרבייט: צוליב אים פאַרלירען צוויי און אַ האַלב שטונדען!...

מיט איין וואָרט, ס׳איז גוט אויף דער וועלט און ס׳איז נאָך בעסער צו זיין אַ „ברודער" פון אַ פאַראיין...

אַ רחמנות אויף די פאַראיין־ברידער! אַ רחמנות!...

—<>—

גרונם דער דיכטער.

גרונם איז אַ איד, וואָס שרייט, אַז ער איז אַ טאַנאַטפּולער שרייבער, דיכטער און אַ גרויסער געלערענטער.

מילא, ווערמען אַרט עס!

אויפ׳ן אויסזען איז ער טאַקע ענלאַך צו אַ דיכטער: ער טראָגט לאַנגע האָר, מאַכט נערוועזע באַוועגונגען און שרייט, אַז ער רעדט. מיט איין וואָרט — אַ דיכטער מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אָבער — אַז ס׳קומט צום שרייבען, איז ער, ניט פאַר קיין שום אמת׳ן דיכטער געדאַכט, אַ גרויסער קאַליקע: ער קען ניט שרייבען!

ס׳איז אפילו ניט אזא גרויסער חסרון, אבער אינגאנצען א מעלה איז עס אויך ניט, ווייל א רעדאקטאר האט זייער ליב, אז זיין מיטארבייטער קען שרייבען... און ער קוועלט זייער שטארק אז, אט דער רעדאקטאר, אז די לעזער לעקען די פינגער פון זיין מיט־ארבייטערס זאכען.

איז טאקע א שטיקעל צרה מיט אונזער העלד — גרונם דעם דיכטער.

ס׳הייסט ביי דעם ווייבער־מין נעמט ער שוין איינמאל אוים: א בחור א כוואט, שווארצע לאנגע האר, און איז אין אלגעמיין צו־געלאזען צו יעדער פרוי.

האלטען זיי פון אים א וועלט... אבער דער רעדאקטאר, אוי, דער רעדאקטאר! ער איז אויסער זיך פאר כעס, ווען גרונם ברייננט אים עפעס אריין.

— פארוואס גייט איר ניט אין א חדר זיך אויסלערנען אוים־לייגען? — שרייט ער אויף אים.

גרונם מאכט אבער דערפון ניט קיין ווענען און ווייסט וואויל, אז דער רעדאקטאר איז ניט קיין שלעכטער מענטש און ער וועט שוין אזוי באארבייטען זיין ארטיקעלע, ליד אדער פאעמע, אז ער אליין, גרונם, וועט עס ניט אנהויבען דערקענען...

וואס־זשע ארט עס אים? אבי פון אויבען שטייט אנגע־שריבען: „פון גרונם פימסענהאלץ".

און באגעגענט ער איינעם פון די מיטארבייטער, טאקע פון דער זעלבער צייטונג, טוט ער אים גלייך א פאר אריין:

— וואס זאגסטו עפעס אויף מיין מייסטערווערקעלע, הא?

אזוי א לעבט זיך עס אונזער גרונם אפ זיין וועלטעלע אין דער וועלט פון טינט, גרייזען און פרויען...

אבער די גרעסטע מעלה זיינע איז, וואס ער קאכט זיך אין שיינע קאסטיומען.

— אי, א וואויל גארניטערעל האסטו עס איינגעהאנדעלט, בחור׳ל! — טוט ער א זאג, און זיינע אויגען ברענען ביי אים ווי ביי א ציגיינער ווען ער דערזעט א גוט פערדעל....

דאס איז גרונם דער דיכטער. זייט באקאנט, ליבע לעזער!

אַ נודניק.

אזוי איז ער זיך אַ גאַנץ פיין און וואויל מענטשעלע, אַבער ער האָט, ניט פאַר קיין מענטשען געדאַכט, אַ שוואַכקייט (עס קען הייסען אַ קראַנקהייט) פאַרצולעזען.

מילא, זיצט מען און מ'הערט אין געהאַקטע וואונדען. וואָלט ער באַטש געלאָזט וויסען פריער, אַז ער גייט פאַרלעזען, וואָלט מען מיטגענומען חלשות־טראָפּענס, אַ שטיקעלע קנאָבעל, אַ זויערע אוגערקע, אַ קיסליצע צי דערקוויקען דאָס האַרץ. טוט ער עס ניט!

ער קומט אריין ווי אַ פּראָסטער בשר ודם, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג און דער אידענע פאַר מילך, זעצט זיך אומשולדיג אוועק אויף אַ בענקעל און הויבט גלייך אָן קוקען אויף דער סטע־ליע...

דערווייל קומען נאָך געסט און עס ווערט פריילאך.

„אַ געניט אויג" קען גלייך באַמערקען ווי דער „פאַרלעזער" טוט זיך אַ טאַפּ ביי דער בוזים־קעשענע: ס'איז דאָ! און אַ שמייכעל זיסער ווי אַ בוריק בארטש צוגיסט זיך איבער זיין ליטעראַרישען פּנים....

דער עולם ווייסט נעבאָך פון גאָרנישט און לאָזט זיך וואויל גיין אויף אַן אומשולדיגען שטייגער:

אַ בחור קושט ערגעץ אין „מיטען שטוב" אַ מיידעל. דער צווייטער קוקט אריין אַ מיידעל אין די אויגען און איז גרייט צו ברעכען טעלער... אַ דריטער צייגט, אַז ער איז אַ שטאַרקער און הויבט אויף אַ צעבראָכען בענקעל מיט איין האַנט אַזש ביז דער סטעליע....

און אונזער פאַרלעזער (הלואי איז ער אייערער) זיצט פאַר־טראַכט: ער וועט עס באַלד באַווייזען דעם עולם זיין קונסט!

און ס'איז געשען: מער האָט ער שוין קיין געדולד ניט גע־האַט האַלטען דאָס ביכעל אין בוזים קעשענע, און האָט טעאַטראַליש אויסגעשאַסען: „ווערטע פאַרזאַמעלטע! איך וועל אייך עפּעס פאַרלעזען אַ זייער גוטע זאַך פון דעם באַרימטען שרייבער שמואל האַקאַצאַדיק"!

דער עולם איז פארזונקען געווארען אין א שטיל שוויינגעניש...

אונזער פארלעזער (אלץ נאך אונזערער) האט זיך א הויב געטאן פונ'ם בענקעל, גלייך ווי א שפילקע וואלט אים א שטאך געטאן און ער לייענט שוין...

ער אליין איז געוואלדיג באגייסטערט (ווייטער קיינער ניט) און מען האט שוין אפילו באמערקט א טרער ווי א באב די גרויס איז זיין לינקען אויג. און ער לייענט אלץ!

שוין באלד האלבע נאכט. דער עולם איז טויט מיד. איינער האט פלוצים געקראגען אזא שרעקלאכען שלוקעכץ, און איינער כראפעט היבשלאך, אבער „ער" לייענט און זעט קיין זאך ניט ארום זיך (אן אמת'ער טאלאנט!)

זעענדיג, אז ס'וועט גאר קיין סוף ניט נעמען, איז איינער נעפאלען אויף א שכל: ער האט זיך געמאכט, אז ער איז שטארק פארשלאפען און פאלט ארונטער אין שלאף פונ'ם בענקעל.

ס'איז געווארען א טומעל, א געלויפעריי נאך וואסער און קוים מיט צרות אפגעמינטערט דעם פארשלאפענעם. אז ער האט אויפגעעפענט דאס רעכטע אויג און נאכדעם דאס לינקע און דאס מויל, איז די ערשטע לעבעדיגע פראגע געווען:

— ער לייענט נאך אלץ? — און זעענדיג, אז דער פארלעזער האלט דאס ביכעל גרייט ווידער אנצוהויבען, איז ער ווידער אראפגעפאלען פונ'ם בענקעל.

דאס מאל האט שוין דער עולם געלאכט און דער פארלעזער האט שכל געהאט און זיך ארויסגערוקט פונ'ם הויז.

——<>——

מ'ריכט זיך...

אזוי ווי קיין סך ארבייט איז איצט אין אונזער מדינה ניטא, טוען מענטשען א קלייניגקייט: זיי גייען ארום בטול ומבוטל...

אבער וואס הייסט בטול, מיינט איר, גלאט אזוי? זאג איך אייך טאקע בטול בלשון ממש — מ'ארבייט ניט!...

און אויב, ליבע לעזער, איר וועט גארניט האבען דאגעגען, וועל איך אייך א זאג טאן שטילערהייט, אז איך בכבודי ועצמי גיי אויך ארום שלינג און שלאנג... און דערפאר האב איך עס אזוי פיל צייט צו זען ווי אנדערע, זייער קלוגע מענטשען, טוען קיין האנט אין קאלטען וואסער ניט אריין.

מיינט איר ווענעס שולד איז עס? מיינע, וועט איר זאגען! פארוואס בין איך עפעס שולדיג אין דעם, וואס ראקעפעלער פארמאגט תרי"ג מיליאן? מעגלאך, אז כ'האב ניט געטראפען אקוראט די סומע, איז ניט מיין שולד, ווייל אין וואס איך בין יא באהאוועגט, איז אין מצוות...

דער מלמד מיינער, מאטעל, עליו השלום, האט מיר געגעבען א היבש ביסעל סטוסאקעס, איך זאל וויסען, אז א איד דארף אפהיטען תרי"ג מצוות...

נו, נו! ווייס איך עס אזוי נאך ביז היינטיגען טאג, אבער וויפל געלט א איד דארף פארמאגען, הויב איך ניט אן צו וויסען.

אקעגען וואס־זשע איז עס צו רייד געקומען? אקעגען דעם, וואס מענטשען — איך בין מסופק צי זיי זיינען מענטשען — גייען ארום ליידיג, און צווישען אלע, ווייו איז מיר, בין איך אויך דא, און בין נאך א אידישער שרייבער דערצו...

מ'זאגט אפילו, אז אידישע שרייבער זיינען גרויסע ליידיגגייער פון תמיד אן, אבער מיר שטייט ניט אן דער גאנצער עסק...

ס'הייסט, מיר וואלט ניט אויסגעמאכט אזוי שטארק דאס ארומגיין ליידיג, אבער מיין אידענע וויל עס גאר ניט ליידען, און אויב זי שווייגט און זאגט גארניט, לייד איך דורך אנדערע וועגען: זי פארשליסט דאס ברויט, דעם אייז־באקס, און זאגט, אז זי האט פארלוירען די שליסעל... הויבט מען זיי אן זוכען, און דערווייל רוקען זיך אוועק עטלאכע שעה און איך לייד הונגער: א מצוה אויף א ליידיגגייער!....

אי, גזלנ'טע, וואס בין איך שולדיג, אז כ'קען קיין ארבייט ניט קריגען! וויל זי אבער ניט וויסען דערפון. דאוואי און אן עק!...

און פארגעסט ניט, אז מיין אידענע איז ניט אבי ווער! זי האט אין דער היים אין רוסלאנד געקאנטשעט... שרעקט זיך ניט. זי זאגט, אז זי האט דארט געקאנטשעט א זעקס קלאסען גימנאזיע...

אין בין אבער אסור מקנא די יעניגע מענער, וועמעס פרויען ס'האבען ניט געקאנטשעט אין דער היים אין רוסלאנד... זיי וועלען שוין מוזען קאנטשען דא, די מענער, זייער ביסעל יארען... און ווידער, אז מ'וויל, זיינען זיי, נעבאך, אויך ניט שולדיג! קארג ליידען זיי זיך עס אן ביי אונז?...

דער גראסערי־מאן וויל ניט געבען מער, דער קויל־מאן, כאטש גיב אים א „קויל" אין קאפ אריין!... דער לענדלארד איז דאך עפעס א „לארד" פון די געהויבענע און ער טוט עס א קלאפ אן אין טיר מיט אביסעל גאוה און שטעלט אויס זיין ברוסט מיט א מינע פון א היימישען זשאנדארם: „רענט!"... און די קינדערלאך דער־קוטשען עס זיי ווייניג, און מיר אליין? דריי מאל אין טאג עסען, און אז מ'גייט ארום ליידיג, איז ווי צום שווארצען יאר, עסט זיך קיין עין הרע, ווי נאך געלען פיבער, אדער אן אנדער חולאת...

און ועל כולם, נאך אלע צרות איצטיגע, שמועסט מען ערשט פון א פריילאכען ווינטער.

און וואו איך גיי, הער איך רק ווי מ'רעדט און מ'טרייסט איינער דעם אנדערען:

— ווארט, מיסטער קנאבעל, ווינטער וועלען מיר ערשט וויסען וואו ראקעס געפינען זיך! — הערשעל, מ'ריכט זיך!...

און גיי איך ארונטער אביסעל אין גאס און שטעל זיך אוועק ביים הויז אויף ספרוס קארנער מאנמאט סטריט, הער איך ווידער:

— מיסעס צימבעל! איר האט שוין קוילען?... מ'ריכט זיך, אז ס'וועט זיין טייער קוילען ווינטער!...

מיט איין ווארט, גאנץ נוארק ריכט זיך! און מ'זאגט מיר, אז ניט נאר נוארק, נאר נאך שטעט, וואו ס'געפינען זיך מיסטערס מיט מיסעסעס, מ'שטיינס געזאגט, ריכטען זיך אויף שלעכטע, ביי־טערע, פינסטערע צייטען.

מ'ריכט זיך! מ'ריכט זיך!...

און איך זאג אייך דעם אמת, אז דאס ווארט „מ'ריכט זיך" איז מיר אזוי עקעלהאפט, אפשטויסענד, אז איך קען עס גאר ניט באמאלען.

איך בין שוין קיין עין הרע, א איך פון באלד שלשים, און כ'הער אלע אסיען דאס ווארט: „מ'ריכט זיך"!...

מיין מאמע, זאל מיר לעבען און געזונט זיין, פלעגט זיך אלע מאל ריכטען און זיך ווענדען צו מיין טאטען מיט אזוינע ווערטער: „הערסט, שלמה, איך דיינק, אז מ'וואלט געדארפט אנווארפען עט־לאבע פורלאך האלץ, ווייל מ'ריכט זיך אויף א גרויסען יקרות... אויפנייען די קינדער באצייטענס שטיוועלאך, ווייל מ'ריכט זיך אויף גרויסע בלאטעס... קויפען ביי טויבע'ן צוויי קוליאקלאך מעל: א קארענס און א ווייצענס, ווייל מ'ריכט זיך, אז די מילען וועלען ניט מאלען... מיט איין ווארט: „מ'ריכט זיך"...

און איצט בין איך שוין, דאכט זיך, אין אמעריקע, און דא איז דאך א לאנד, וואו מ'שארט געלד מיט לאפעטעס, אזוי זאגט מען ערגעץ. איך האב טאקע געזען סטריט־קלינערס שארען מיט לא־פעטעס... אבער דאס פאסט ניט אויסצוזאגען...

יעדער איינער ריכט זיך און ס'ווערט אזוי קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען, ווען א מענטש מיט אויגען, אמת'ע אויגען, זעט, און מיט אפענע אויערען, אמת'ע אויערען, הערט, אז מענטשען האלטען זיך אין איין ריכטען און טוען ניט קיין האנט אין קאלט וואסער עפעס צו טאן...

זאגט מיר, ביז וואנעט וועט איר זיך עס ריכטען אויף שלעכ־טע, ביטערע ווינטערס, זומערס, הערבסטס און פרילינגס?... זאגט!

זייט איר שוין אזוי צוגעוואוינט געווארען צו שלעכטס, אז איר האט גאר ניט קיין אמונה אין גוטס?

און ווייסט איר ניט, אז איר, וועלכע „ריכטען" זיך שטענדיג, זייט די יעניגע, וואס קענען אלץ אויסבעסערען?

טראכט זיך נאר גוט אריין אין דעם און איר וועט אנהויבען פילען און באגרייפען, אז צייטען זיינען אלע גלייך, נאר דער אמת'ער פאקטאר אין לעבען איז דער מענטש! ער האט גענוג מאכט און שכל אויסצובעסערען אלץ און ניט בלינד זאגען איינער צום צווייטען:

— מ'ריכט זיך אויף א שווערען ווינטער! מ'ריכט זיך אויף א יקרות! מ'ריכט זיך, אז קיין קוילען וועלען ניט זיין!

אום גאטעס ווילען, הערט זיך אויף ריכטען און הויבט בעסער אן פארריכטען, אז קיין בייזער ווינטער זאל ניט זיין, קוילען זאלען זיין ביליגער, עסען זאל זיין לרוב. אלץ זאל זיין, ווייל ס'איז דא!

מענטשען־ארבייטער ארבייטען און שאפען, פראדוצירען, און, צום טייוועל, רייסען זיך אפ די העלזער. מיט איין ווארט: „מ׳ריכט זיך“ !...

און וויפיל מרה־שחורה ס׳מערקט זיך אויפ׳ן געזיכט וואס ריכט זיך, ווייל, אין דער אמת׳ן, וואס וועט זיין ?... אלע יארען זיך ריכטען און בלייבען ביי גארניט ? היתכן ?... וואו איז יושר און וואו איז שכל ?...

רבונו של עולם, ווען וועלען שוין די „בני אדם“ זיך אויס־ריכטען עפעס גוטס אויף דיין וועלטעל ? ווען ?...

מ׳ריכט זיך !...

שרעק...

מיסטער זילבערט איז א איד, וואס האט א פרוי מיט צוויי קינדערלאך.

קיין גרויסער פארדינער איז ער ניט, אבער אויף א לעבען אין ארימקייט און אין נויט מאכט ער יא...

איז מען זיך ווי עס איז צופרידען און מ׳קריגט זיך ניט מער ווי איינמאל אין וואך...

מ׳וואלט זיך געקריגט אפטער, איז קיין צייט ניטא, ווייל ער ארבייט שווער און ביטער אויף צו מאכען א לעבען און זי ארבייט ביטער און שווער צוצוגרייטען דאס שטיקעל לעבען...

זונטאג אבער איז א פרייער טאג, ווען זיי לופטערען דורך זייערע קללות, וואס ליגען נעבאך א גאנצע וואך און שימלען...

אנדערע גייען זונטאג אויס אין א טעאטער, צו גאסט, און זיי „גייען“ זונטאג אויס אין הויז: די כחות גייען ביי זיי אויס זיך קריגענדיג...

און מיינט איר, חלילה, אז זיי האבען זיך פיינט ? הויבט זיך עס גארניט אן: זיי האבען חתונה געהאט אויס ריינער פערצען־קערעטדיגער ליבע !...

מ׳איז דאך אבער, ניט פאר קיינעם געהאכט, קבצנים... און א קבצן האט זיך ליב קריגען...

דערוווייל האָט זיך געמאַכט, אַז זיין פרוי האָט עפּעס דערפילט ניט מיט אַלעמען און מ׳איז אוועק צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר, אַ גאַנץ וואויל מענטשעל, (ווען מ׳גיט אים אין דער יד אַריין...) האָט זיך פאַמעלאַכען אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳אַ סברא, אַז מיסעס זילבערט גייט האָבען נאָך אַ קינדעלע.

נו, נו! איז געוואָרען אַ בהלה ביי מיסטער זילבערט׳ן אויף דער נשמה, אַ זאַווערוכע, אַ שטורעם, אַ בליזאַרד: וואָס הייסט, זי גייט האָבען נאָך אַ קינדעלע? ווער דאַרף עס. ווער? האָט דען עמיצער געשיקט נאָך דעם? סטייטש? היתכן? יושר?

האָבען די זילבערטס פאַרגעסען זיך קריגען און זיינען אין איין „שרעק" — סטייטש? אַזאַ ניט געבעטענע, ניט אנגעלייגטע בשורה!!!

און מ׳לויפט פון איין דאָקטאָר צום צווייטען מיט „שרעק" און מ׳בעט זיך ביי אים:

— הארצעניו, דאָקטאַרעל, מיר ווילען ניט קיין דריטע קינד! מיר דאַרפען עס האָבען ווי אַ לאָך אין קאָפּ! מיר האָבען צוויי קליינע קינדערלאָך און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס זיי צו פּאַהאַדאַוועז!... טו עפּעס, דאָקטאַרעל, טו עפּעס, ווייל מיר שטאַרבען פאַר שרעק! מיר ווערען משוגע פאַר שרעק! מיר ווערען פאַר שרעק באַגייז אַ „שרעקלאַכען" טאָט!...

האָט דער דאָקטאָר אַ ישוב און ווייסט ניט וואָס צו טאָן, ווייל ער איז אויך אין איין שרעק, טאָמער האָבען די קבצנים ניט גענוג געלט צו פאַרטרייבען זייער שרעק... און אומזיסט — — — שרעקט ער זיך צו טאָן אַזאַ שרעקלאַכע זאַך...

מיסטער ליפּהאָלץ ווידער איז אַ איד אַן עושר און האָט נאָר אַ פרוי אָן קינדער.

שוין צען יאָר נאָך דער חתונה און גאָט האָט פאַרמאַכט אַלע טויערען פון׳ם הימעל און גיט ניט קיין קינדער...

— סטייטש, טאַטע־פאָטער, איך האָב געלט, אַ גרויס הויז. און מיין פרוי שטאַרבט נאָך אַ קינד, און מיר זיינען אין איינע „שרעק", ווייל מיר זיינען שוין באַלד קרוב צו ניט קענען האָבען קיין קינדער!? וויל גאָט ניט וויסען...

איז מען געלאָפען צו דאָקטוירים און געגעבען צענערלאַר מיט פינפערלאַר, ביז גאָט האָט געהאָלפען דעם דאָקטאָר און מיסעס ליפּהאַלץ איז פאַרגאַנגען אין טראַגען...

אין מען פרייליך און גליקלאַך און אין הוילע שרעק: דאָ טאָר זי ניט גיין, דאָרט טאָר זי ניט שטיין, ווייל מ'איז אין „שרעק" — ווי אַ זאַך מאַכט זיך: חלילה אַ פאַל און מ'איז מפּיל...

און דער רבונו של עולם זיצט אויבען און פירט זיין וועלטעלע ווי אַזוי אים גלוסט זיך און מיסעס ליפּהאַלץ דאַרף זיך אויסגליטשען און — — — מפּיל זיין!...

דאָקטוירים לויפען, מ'ראַשט, מ'יאָגט, און גאָרניט: ניט באַשערט גליקלאַך זיין, נאָר אפּלעבען דאָס גאַנצע לעבען אין רייכטום און אין „שרעק"...

און מיסטער זילבערט בעט גאָט, אַז זיין פרוי זאָל טרעפען אַזאַ גליק, זי זאָל פאַלען און מפּיל זיין, ווייל ער איז אין איינע שרעק, טאָמער האָט זי נאָך אַ קינד און וואו וועט ער נעמען אויף צו לעבען?...

די מיסעס זילבערט האָט שוין געפּרואווט אָראָפּשפּרינגען פונ'ם וואַש־טאָפּ, טאָמער וועט גאָט העלפען און דאָס קינד וועט ווערען אוים קינד. ס'האָט אבער שכל און ס'וויל ווערען אַ קינד גלייך מיט אַלע קינדער...

אי, דער טאַטע איז אַ קבצן! די מאַמע — אַן אויסגעמוטשעטע פרוי! ווייל קיין קינד דערפון ניט וויסען: אַזאַ טבע האָבען שוין קינדער!...

און מיסטער זילבערט איז בלייך, ווי די וואַנט, ווייל ער שלאָפט שוין סיי־ווי ניט די נעכט און די טעג אַרבייט ער, ווי אַן אייזעל, צו פאַרדינען אויף אַן אָרים געמוטשעטע לעבען...

און מיסעס זילבערט איז פינסטער, ווי די נאַכט, אויסגעלאָשען די אויגען און לעבט אין „שרעק": וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין שפּעטער, ווען דאָס דריטע קינד וועט קומען?...

און גאָט זיצט אויבען און שווייגט, גלייך מיסטער זילבערט וואָלט געווען אַן עושר... אַ מאַגנאַט... אַ פּרינץ!...

מיסטער ליפּהאַלץ ווידער איז בלייך, ווי די וואַנט, אַנטוישט און לעבט אין שרעק: שוין מוזען אויסלעבען די יאָרען אָן קינדער. און מיסעס ליפּהאַלץ איז פינסטער, ווי די נאַכט: שויז, דאַכט זיך, געווען אויף אַ דרך: דער פיפטער חודש, און דאָ נאַדיר אַזאַ „שרעק", אַזאַ אומגליק!

און גאָט זיצט און שווייגט, גלייך מיסטער ליפּהאַלץ וואָלט געווען אַ איד אַ קבצן, אַן אביון, און ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען...

און אַט אַזוי לעבען מענטשען אַף זייער ביסעל נאַרישע יאָרען אין הוילע שרעק.

וואָס וועט נעבאַך מיסטער זילבערט טאָן מיט'ן דריטען קינד?... וואָס וועט נעבאַך מיסטער ליפּהאַלץ טאָן אָן דעם קינד? נו, אַ שרעק, אָבער אַ שרעק!!!

גרויסע מענטשען.

האָט איר אַמאָל געזען גרויסע מענטשען? איך יאָ.

ביי אונז אין שטעטעלע ר״ו איז געווען אַ איד, וואָס איז געווען אַזוי „גרויס", אַז אַלע מענטשען אַרום האָבען געהאַט אַ פּנים ווי קאַרליקעס... און ס'איז אויך געווען אַ גוי, וואָס איז געווען אַ גיגאַנט. און מער האָב איך קיין גרויסע מענטשען ניט געזען. ניין!

ערגעץ האָב איך אין ביכער געלייענט פון גרויסע מענטשען. אָבער ווייס איך וואָס דאַרטען, וואָס עמיצער שרייבט...

אויף אונזער חנ'עוודיג וועלטעל טראַגען זיך אָבער אַרום קלאַנגען, אַז ס'זיינען פאַראַנען גרויסע מענטשען, וועלכע שאַפען וואונדער, און מ'דאַרף וואַשען די הענט ווען מ'רעדט פון זיי...

האָב איך זיי אַרומגעזוכט מיט ליכט אין די הענט, מיט לאַמ־טערנעס: געוואָלט געפונען דעם „מין" — גרויסען מענטש, אָבער נאָך פיל אַרומזוכענישען ביז איך געקומען צום שלום, אַז אַלע

מענטשען זיינען „ווערים“ און פויזענען ארום גאנץ סאליד אין בלאטע...

טאמערווארפט זיך דורך עפעס א שטיקעל באשעפעניש, וואס זעט אויס האלב־מענטש, האלב־ווארעם, ווערט ער בטול בששים און. ווערענדיג זיין א קליין ביסעלע „ווערעמדיג“, מוז ער א גאנצער ווארעם ווערען און קריכען, פויזען גלייך מיט אלעמען...

ביי א געלעגענהייט טוט ער זיך א כאפ אויף פון דער בלאטע און שטעלט זיך אויף אין דער גאנצער „מענטשלאכער“ גרויס, אבער לאנג קען ער ניט שטיין אזוי, ווייל דאס ליכט, די שטראלען פארבלענדען זיינע אויגען און ער פאלט צוריק אין קאליוזשע: ער קען ניט אויסהאלטען דעם „הויכען“ לופט־דרוק...

אט אזוי־א קומט פאר דער פראצעס פון אייביגען שטרייט: מענטש און ווארעם, ווארעם און מענטש. און די וועלט שטייט אויף איין ארט און רירט זיך ניט...

פונדעסטוועגען זיינען דא איינינגע „ברואים“ בצורת אדם, וועלכע דיינקען, אז זיי זיינען דאס אויבערשטע פונ׳ם שטויסעל און זיי שרייען ארונטער מיט יעדען בויג און ריר זייערען: „וואס, איר זעט ניט, אז מיר זיינען די יעניגע, וועלכע מ׳רופט גרויסע מענטשען“?...

— אזוי בלינד זייט איר שוין און קענט ניט באמערקען גרויסע גרויסקייט? ווערים נישטיגע, קריכיגע ברואים וואס איר זיינט! אט, אט און מיר גרייכען דעם הימעל!...

און די דאזיגע „גרויסע“ זיינען די אמת׳דיגע ווערים, וועלכע געניסען פון דער בלאטע מער ווי אלע ארום... זיי זיינען די פעטע, גלאנציגע ווערים, וועלכע ליבען זיך ארומדרייען ארום די מאגערע, שוואכע און זיך ווארימען אנטקעגען דער זון.

און גארניט. אז מ׳באגעגענט זיך ערגעץ מיט א גוטען ברודער, הויבט ער גלייך אן פארפירען א שמועס:

— בעריל, האסט שוין געהערט יענעם גרויסען רעדען? א. איז ער א גדול — פססס! ס׳א פחד צו קוקען אויף אים: ער קען מיט׳ן מינדסטען פינגער אנרירען גאטס פוס־ביינקעלע און נאך, נאך וואונדער: א גרויסער מענטש!

— חיים, ווייסט, אז ער איז דער גרעסטער אין זיין דור?...
א חכם, א מופלג! א תנא! א זשעני! א גיגאנט! — ער האט
ממש אליין געשאפען הימלען און איז א בעל־מופת!...

— זרח, נעכטען האב איך געהערט א גרויסען רעדען און ער
איז ממש געפלויגען הינטער'ן הימעל און אנגעוויזען ווי אזוי אלע
ווערים קענען ווערען „גרויסע“ און קריכען אויף די גלייכע ווענט
אן קרוקעס!

— מנשה, אי, האב איך געלייענט א בוך פון א „גרויסען“
און ער שילדערט, ווי אזוי מ'דארף לעבען, שאפען, בויען, טאן.
אוי, איז דאס א גדול שבגדולים: איך פיל מיך ווי א ווארעם אנט־
קעגען אים, ווייל ער איז ערגעץ א תושב אויף א „סקאלע“. העט,
העט אויפ'ן ים!...

אט אזוינע וואונדער הערט מען זיך נאך עד היום אן פון
„גרויסע“, וועלכע שלעפען געבראטענע קאטשקעס פונ'ם מויל...
זיידענע סטיינגעס, פערעל, דימענטען, און פארוואנדלען זיי אין
שטיינער און — באך אין קאפ אריין דעם קנויל ווערים, וואס
קוקט זיי אריין אין מויל אריין און ציילט זייער יעדען ווארט...
און — לויטער גרויסע! גרויסע, גרויסע!

אן אומגליק איז געשען מיט אונזער וועלטעל, וואס מיר האבען
אזוי פיל גרויסע און קיין איינער פון זיי באמערקט ניט, אז זיין
גאנצער „וואוקס“ איז א שפאן פון דער ערד...

מיר טרינקען זיך אין גדולים! מיר ווערען איינגעטונקען אין
גרויסע... אויבען גרויסע... אונטען גרויסע... ביי די זייטען גרויסע,
און זיי דערלאזען ניט דעם קליינינקען, וועלכער ווייסט נאך, אז
ער איז א קליינינקער, א קארליק, כאפען א קוק אויף דער זון און
א שטראל זאל אים טרעפען גלייך אין פנים אריין... א, ניין, זיי,
די גרויסע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום אים און ווילען אים
פארטויבען, צעטומלען, מאכען מבולבל מיט זייערע קרעמערשע
אויסגעשרייען: — נו, ווארעם, אהערצו. דא פארקויפט מען אזא
סארט „גרויסקייט“ בחצי חנם!...

— נו, קריכיגער, אהערצו. דא איז ביליג אזא סארט גדול'־
קייט און ס'איז דא לרוב, ווי מעקענע!...

— עי, עולם־גולם, זעט איר ניט די „פאלאווע" פון סאמע העכסטען סארט!?

אט אזוי רייסען זיך די גרויסע איבער די ווערימדיג־קליינע און ס'גייט אן א סכסוך שוין וויפיל יארען. און ווער ווייסט ווי לאנג ס'וועט אנהאלטען?...

און ווען די „גרויסע" קומען צו זיך אין די נארעס, מאכען זיי דאס גרעסטע געלעכטער און שפעטעריי פון די קריכיגע ברואים, וועלכע זיי נוצען אויס פאר זייערטווועגען צו שאפען „קלייזלאך". אין וועלכע ס'זיינען דא „גרויסע" און — קליינע, וועלכע זאלען גלויבען אין זייער גרויסקייט, וואס איז אזוי „גרוים", רחמנא לצלן, ווי צוויי קולאקעס פון דער ערד.

און דערווייל זיינען דא גרויסע! איר האט זיי געזען? איך יא! ביי אונז אין ר'־וו איז געווען א איד זייער א הויכער, גרויסער און א גוי — נאך א גרעסערער...

אבער גרויס און לאנג!

דאס אלעס!...

——<>——

א לעבען פון טויטע.

איך האב א לאנדסמאן א שטיקעל קרוב. אזוי זאגט ער און איך בין נוטה אים צו גלויבען. איז ער שוין אן עלטערער מענטש און האט ניט וואו צו ארבייטען.

ער האט געארבייט אין א פאר־שאפ עטלאכע יאר צייט, געווען געטריי דעם בעל־הבית און געדיינקט, אז דער בעל־הבית וועט אים אויך זיין געטריי. אבער דער בעל־הבית האט גאנץ אנדערש גע־דיינקט, און ווען ער האט דערזען, אז מיין לאנדסמאן איז אביסעל נעעלטערט געווארען, האט ער אים געראטען אויפהערען ארבייטען, ווייל פאר אן אלטען מענטשען איז ניט גוט צו ארבייטען...

דער בעל־הבית אליין איז אויך א איד א „זקן" און ארבייט אויך ניט...

מיין לאנדסמאן האט אים גראד געבעטען, ער זאל אים יא

לאזען ארבייטען, ווייל אז אן אלטער ארבייטער „ארבייט" ניט, טאר ער ניט עסען אויך, ווייל דער גראסערי־מאן לייגט זייער וויניג כבוד אויף אן אלטען, און אזוי אויך דער בוטשער, און אפילו אין בית־מדרש האט מען אויך ליב אן אלטען מיט געלט. אבער דער בעל־הבית האט זיך געהאלטען ביי זיינס, און מיין לאנדסמאן איז געווארען א „בן־חורין"...

מילא, וואס קען מען העלפען, אז א בעל־הבית איז אזוי גע־טריי, שטארבט מען טאקע דריי מאל אין טאג פאר א שטיקעל ברויט...

ער האט עפעס קינדער, מיין לאנדסמאן, אבער טאקע נאר „עפעס", ווייל זיי רעכענען זיך אזוי מיט זייער טאטען, ווי איך מיט'ן טערקישען סולטאן!...

מוטשעט ער זיך, נעבאך, אזוי כנהוג, ווי אין פסוק שטייט: „ויערב ללחם" — ער וויל כאטש א שטיקעלע טרוקען ברויט, אבער דאס איז אויך ניטא!...

גיי איך מיר אזוי אנומעלטען איבער א גאס און באגעגען מיין לאנדסמאן.

מיר ווערט ממש פינסטער אין די אויגען: אזוי שלעכט זעט ער אויס און אזא תחנונים־בליק קוקט ארויס פון זיינע אויגען...

— שלום עליכם, רב נחמן, וואס מאכט מען עפעס? — גיב איך אים די האנט.

א, עליכם שלום, אידעל, וואס זאל מען מאכען היינטיגע צייטען, מ'ליגט ניין איילען אין דער ערד און מ'באקט אפילו ניט קיין בייגעל, ווייל א בעקער ליגט ניין איילען אין דער ערד און באקט כאטשבי בייגעל...

— וואס־זשע טוט איר פארט, רב נחמן?

— איך טו שוין גוט, טו איך, אידעל, איך מוז מאכען א שטיקעל לעבען פון מתים!...

— א לעבען פון מתים? — פרעג איך פארוואונדערט.

— יא, איך זיץ אין „מתים־שטיבעל", ווען ס'מאכט זיך א מת!... די אינפלוענציע גייט ארום און מענטשען שטארבען אביסעל אפטער... כ'קריג א דרייערעל פון א מת!...

ביליג, טראכט איך ביי זיך, און פרעג אים ווייטער:

— נו, וואס־זשע וועט זיין דער תכלית?...

— אי, ביזט נאך גאר א קינד, אידעל. א תכלית ווילסטו אויף דער וועלט?... א תכלית דא צווישען די וועלף? גיי שוין, גיי!...

טראכט איך ווידער: ווי קומט עס צו מיין לאנדסמאן אזא „פילאזאפיע"?... ער רעדט דאך שוין ממש ווי א שאפענהויער, ווי א טאלסטאי.

קוקט ער מיר אריין אין די אויגען און זאגט:

— אוי, איז דאס א שרעקלאך שטיקעל ברויט, אידעל, דאס היטען דעם „מת". ער זאל ניט אנטלויפען! מ׳זיצט אליין לעבען מת, ארום איז שטיל און מ׳טראכט, מ׳באטראכט די וועלט מיט׳ן אייביגען סוד! גאטעניו, העלף מיר עפעס אן אנדער שטיקעל ברויט, ווייל מאכען א לעבען פון מתים איז שרעקלאך: טאג און נאכט פיל איך דעם גערוך פון דעם מת, די לופט ביי מיר אין הויז איז אנגעפילט מיט מת! מת, מת, מת!... איך פיל, אז איך ווער אליין א מת!...

איך האב גארניט געענטפערט מיין לאנדסמאן, נאר זיך טיפער אריינגעטראכט אינ׳ם לעבען פון טויטע און לעבעדיגע...

מיין לאנדסמאן קען, נעבאך, ניט זיין קיין מתים־היטער. ער איז א פשוט׳ער איד און זוכט ניט קיין גרינג לעבען; ער וויל ארבייטען שווער און ביטער, אבער צווישען לעבעדיגע, און דא מוז ער אוועקזיצען לעבען א מת, נאכדעם זאגען קדיש, און גאנצע טעג זיין איינגעטונקט אין א מתים־שטימונג...

ער איז נאך ניט אמעריקאניזירט, דער לאנדסמאן מיינער, ער איז נאך א איד פון יענער זייט און וועט שוין מסתמא אזא פארבלייבען. דער בעל־הבית זיינער איז שוין אבער אמעריקאניזירט: ער וועט שוין קיין קרעכץ ניט געבען, אויב עמיצער וועט קומען און ביי אים בעטען א „דזשאב"... קיין אלטע לייט נעמט ער אינגאנצען ניט אריין צו זיך אין שאפ, ווייל אלטע, זאגט ער, קענען ניט ארבייטען ווי יונגע און זיי דארפען זיצען אין שול און דאווגען, אדער לערנען משניות, אויב זיי קענען... טאמער קענען זיי נישט לערנען און אפילו ניט גוט דאווגען, הייסט ער זיי ווערען מלמדים, און מאכען א לעבען פון קנעלען.

און כאטש ער אליין איז שוין אן אלטער מאן און קען ניט ארבייטען, קען ניט דאווענען, ווייסט ניט וואס פאר א פנים א משניות האט, וויל ער קיין מלמד ניט ווערען, נאר ער פארט ארום מיט'ן גרויסען אויטאמאביל, און שפילט נאך גאנץ געשמאק א קערטעל, שוין אפגערעדט, נאטירלאך, וואס פאר א בריה ער איז אויף עסען...

— א גוטען טאג, אידעל. קום אמאל ארויף צו מיר. דו ווייסט דאך וואו איך וואוין?...

— א גוטען טאג, רב נחמן, גייט געזונטערהייט און גאט זאל אייך צושיקען א גרינגע פרנסה, און אייך אויסהיטען פון מתים.

מלחמה.

א רחמנות נעבאך אויפ'ן בידנעם מענטשען. ער איז איינגעשטעלט מיט'ן לעבען, וואו ער גייט און וואו ער שטייט...

מ'האט אויסגעטראכט א שפילכעל, וואס הייסט „מלחמה". און ווען ס'ווערט „סקוטשנע" (אומעטיג), גיט מען זיך א שפיל־צו אביסענקעלע און גארנים!...

גארניט! ? מ'הרג'עט אוועק א צען־פופצען מיליאן מענטשעלאך און מ'לעבט ווייטער ווי פריער, פאר דער מלחמה...

און מענטשען זיינען דאך ביליגער ווי „בארשטש" אויף גאט'ס וועלטעלע!... וואס איז א מענטש, מ'שטיינס געזאגט, עפעס א „טשוטשעלע" אויף צוויי פיס מיט א היטעל אויפ'ן קאפ!...

מארד, ווילט איר זאגען?! גענוים, א געשמאקער מארד־ביין אין דער זופ איז זייער גוט, אבער מארד ביים מענטשען, ווייס איך וואס דארטען, א לידיגע באק־דייזשע!...

הערט נאר אומיסטען, זאלט איר מיר לעבען און געזונט זיין, מ'גייט זיך שלאגען, הרג'ענען, ממית'ן, רוצח'ן, שינדען פאסעס. פארוואס?...

פאר א שטיק ערד???

גאטעניו אין הימעל! ווייניג ערד דא אויף דיין וועלטעל!

דאכט זיך מיר, אז מ'וואלט געקענט אנהאדעווען א גאנצע וועלט מיט „ערד" און יעדער איינער זאל האבן ד י ו י ו ת ר ! ?

נאר וואס ווייסען מענטשען ? זיי פארשטייען ווייניגער ווי די בהמות. וואס פאשען זיך אויפ'ן פעלד. א בהמה פארגינט דער צווייטער דאס ביסעל גראז און האט נאך הנאה, ווען די צווייטע בהמה עסט מיט אפעטיט...

ס'מאכט זיך אמאל א שטיקעל פלוגתא צווישען בהמות אויך, אבער ביז הריגת נפש קומט עס ניט ; א פאר שטופעלצעס מיט די הערנער און פארטיג !...

דער בן־אדם, אבער, איז אזא באשעפעניש, אז ער וויל די גאנצע ערד נאר פאר זיך !

אי, סטייטש, וואס דארפסטו אזוי פיל ערד פאר דיינעטוועגען ? איבער הונדערט יאר וועט דאך זיין נענוג א גריבעל פון א פאר איילען ? תיקו, בלייבט א קשיא !...

אבער די „קאשע" ווערט אזוי פארקאכט און פארמישט, אז גאט זאל שומר ומציל זיין ; ס'טשאדעט אזוי שמארק, אז מענטשען פאלען ווי די פליגען !...

נאר ווערמען גייט עס אן די גאנצע זאך ? וועלכער מענטש טוט עס א טראכט, אז ס'איז ניט שיין צו זיין א מענטש ! מ'וואלט עפעס געדארפט ווערען א שטיקעל לייטישע באשעפעניש אויף דער וועלט !

דערלאזט אבער דאס שטיקעל „שטיינערדיגע הארץ„ ניט און מ'איז ווייטער א מענטש מיט לייטען צוגלייך...

און לייטען זיינען דאך אזוינע „לייט". פאטער דערבארעמדיגער, אז מ'וואלט זיי געדארפט מאלען אונטער א מילשטיין, וואשען, כשר'ן, רייניגען, און ערשט דעמאלט, בין איך מסופק, צי ס'וואלט עפעס געבליבען „לייט"־אישעס פון זיי ? !...

איין זאך נאר ליגט זיי אין קאפ : מלחמה ! ! ! אין שטוב האלט מען מלחמה, אין גאס האלט מען מלחמה, אין שול האלט מען מלחמה, אין שאפ האלט מען מלחמה, אויפ'ן פעלד האלט מען מלחמה, אויף דער ערד האלט מען מלחמה, אונטער'ן הימעל האלט מען מלחמה, און אפשר האלט מען אין דר'ערד אויך מלחמה ?...

אפשר ? נו, און טרענטשעס איז א הונט ?...

אפילו קליינינקע קינדער — קאראפוזיקלאך — האלטען אויך מלחמה. לעבען שלום קען עס ניט, נאר מלחמה!...

און וואס וועט זיין דער סוף פון דער מלחמה? קיין גוטס ברייננט דאך עס קיינמאל ניט! קאליקעס! משוגעים קומען צו צו די יענע קאליקעס, וועלכע זיינען סיי־ווי דא ביי אונז לרוב...

און וועלכער מענטש איז עס בסך־הכל ניט קיין קאליקע? דער מארך ליגט אין די פארעשוועס און פוילט, שכל ווערט אויס־געריננען, ווען מ׳דערזעט נאר דאס ערשטע מאל דאס ווענטעל פון בעט...

און דאס הארץ ווערט א שטיק „שטיין" אויפ׳ן ארט! טאקע אויפ׳ן ארט — וואו ס׳וואלט געדארפט זיין א ווייך, מענטשלאך־הארץ!...

און דאס „קאראפוזיקעל", וואס איז נאר־וואס ארוים פון דער מוטערס בויך, האלט שוין מלחמה: עס רעוועט, שרייט, לייגט־איין וועלטען און וויל א ביקס!...

און דער קלוגער טאטע קוועלט: דאס קינד וויל מלחמה, זיך שלאגען, ממית׳ן!...

ניין? ניט אזוי, ליבע לעזער און לעזערינס, איר ווייסט דאך אלץ, ווייל, ווי איך פארשטיי, האט איר גארניט פיינט קיין מלחמה׳לע, הא?...

דאס „בלוט" פליסט גאר אנדערש אין די אדערען, ווען מ׳שלאגט זיך, ווען מ׳שינדט אפ די הויט מיט׳ן פלייש פון עמיצען!

אוי, מלחמה, מלחמה! אזא אומגעלומפערט שפיל האט עס דער נארישער מענטש אויסגעטראכט און גיט אוועק דאס גאנצע ביסעל „רכש" פאר אזא צוועק!...

ניכאי וואלטען זיך מענטשען צונויפגעקומען (טאקע אויף אן אמת...) און אפגעמאכט צווישען זיך, אז מ׳וועט קיינמאל מער ניט „מלחמה" האלטען, ווייל ס׳איז א פינסטערער בזיון פאר אזוינע ציוויליזירטע ברואים צו נעמען א שפיז און אריינשטעקען יענעם אין ברוסט אריין!...

פארוואס, גוואלט וויל איך שרייען און איך שריי אויף קולי־קולות!...

וואס?... איר הערט ניט? איז דאס מעגלאך? אפשר ליגט

„וואטע" אין אייערע אויערן? נעמט עס ארויס, גוואלט, גזלנים! דערהערט די געשרייען פון די קאליקעס, גוסס'ע, ארימע מאמעס, טאטעס, און דער גוטער יאר ווייסט זיי דארט ווען נאך!...

איר הערט נאך אלץ ניט??? איך מיין באמת און איך בין שוין באלד „טויב" פון די קולות!...

פרואווט נאך אמאל און נאך אמאל! לייגט צו אן אויער, אט אזוי!... א! דערהערט?... טאקע? „ברוך דין אמת"!!!

נו, ווען איר שוין אויפהערען מלחמה האלטען און זיך שלאגען איבער א שטיקעל „ערד", וואס איז ניט ווערט וואס די „ערד" טראגט עס אויף זיך?...

ישוב'ט זיך אויס, טייערע, ישוב'ט זיך אוים! ס'מאכט ניט אוים וואו: צי אין קעלער-שטיבעל! צי אין רייכע הייזער! צי אין פאלאצען! צי אין דר'ערד! צי אונטער דר'ערד! אבי אוים מלחמה! אוים מלחמה!

און איך בין אייך מבטיח „בהבטחה שלמה", זאל איך אזוי קוגעל עסען, אז יעדערער פון אייך וועט קריגען זיין חלק „ערד", ווען די צייט וועט קומען!...

משטיינס געזאגט: וויפיל דארף א מענטש?

———<>———

אוי, דער קלימאט!

אז סעם בלאוושטיין איז אנגעקומען קיין ניו-יארק, האט ער באלד דערפילט דעם היגען קלימאט.

נאטירלאך, פון א קליין אוקראינער שטעטעלע, וואו ס'איז אזוי רואיג, שטיל, ריין און שמעקעדיג, ביז מ'פאלט אריין אין ארטשארד סטריט אויפ'ן פינפטען פלאר, פילט מען ניט אזוי גע-הויבען. און דערצו נאך, אז מ'הויבט אן עסען פון דער „טארבע"...

האט, הייסט עס, סעם דערפילט דעם טעם פון אמעריקאנער קלימאט!

אז ער פלעגט קומען אהיים פון דער ארבייט א מידער, אן אנטוישטער, מיט'ן פעקעל „עסען", וואס ער האט איינגעקויפט

אין גראסערי־סטאר: צוויי באנאנעס, א שטיקעל ברויט און א קאפ פון א האלב־צוגעפוילטען הערינג מיט צוויי גלאז פארוואסערטע מילך אין א פלעשעל, איז באלד נאכ'ן הענאו, וואס ער האט גע־זאגט צו די שטוב־מענטשען, האט ער אויסגעשאסען:

— נו, א קלימאט דא!..

מ'האט אים אין דער שטיל אויסגעהערט און געשוויגען, ווייל אייניגע האבען ניט אקוראט פארשטאנען וואס ער מיינט מיט'ן ווארט „קלימאט": צי דעם קלימאט ממש, צי אזוי אמעריקע.

אזוי איז זיך סעם אפגעזעסען אין ארטשארד סטריט א פאר יאר און געהאלטען אין איין באקלאגען זיך אויפ'ן קלימאט.

און ווי ס'פארשטייט זיך, איז אין ארטשארד סטריט אויפ'ן פינפטען פלאר גארניט אזוי מחיה'דיג צו וואוינען; אבער אז מ'מוז, איז דאך ניט שייך צו ריידען.

לאזט מען אויס צום קלימאט!

און סעם האט אזוי לאנג געריעדט און באקלאגט זיך אויפ'ן קלימאט, ביז גאט האט געהאלפען: זיינע פיס האבען אים אנגע־הויבען שטארק ברעכען; עפעס אין דער לינקער זייט האט אנגע־הויבען שטעכען; אונטער'ן לעפעלע האט אנגעהויבען דריקען, און דער גאנצער „סעם" איז געווארען אויס מענטש; ער איז גע־ווארען אן אמעריקאנער...

האט מען גערופען א דאקטאר און ער האט גאנץ פיין בא־טראכט דעם חולה, אים געדרייט די פיס, גערוקט מיט די קולאקעס אין בויך אריין, געקלאפט אין דער לינקער זייט און א זאג געטאן, אז דער קלימאט דער היגער קען סעמ'ן ניט פארליידען. (ניט סעם קען דעם קלימאט ניט פארליידען.) אזעלכע דאקטוירים זיינען זיי, די אמעריקאנער...

זיי שרייען אלע, אז דער היגער קלימאט קען ניט פארליידען די פרעמד־געבוירענע. אפשר?

דער דאקטאר האט פונדעסטוועגען אנגעשריבען א רעצעפט און געהייסען עס נעמען דריי מאל אין טאג א לעפעלע, זיך אבער האט ער געהייסען באצאלען איין מאל, און א גאנצען דאלאר, און אויב ס'וועט סעמ'ן ניט ווערען בעסער, וועט ער זיך ניט פוילען קומען נעמען נאך א דאלאר: א דימענטענע הארץ האט ער געהאט.

דער דאקטאר, ער נעמט און זאגט אפילו ניט קיין קרום ווארט...

און סעם האט אנגעהויבען נעמען דעם מעדעציז, אקוראט ווי דער דאקטאר האט געהייסען און אקוראט ווי דער דאקטאר האט געזאגט איז עס מקוים געווארען: ער האט געמוזט, נעבאך, קומען נעמען ניט איין דאלאר נאך, נאר א סך דאלארס.

ס'האט אויסגעריסען דאס הארץ צוצוקוקען, ווי דער געזונטער דאקטאר שלעפט זיך אויפ'ן פינפטען שטאק נאך א דאלאר. אבער וואס האט ער געקענט העלפען, אז מ'רופט אים און ער קען יענעם ניט אפזאגען...

אזוי איז אוועק א שטיק צייט און סעם האט זיך ווי עס איז געבעסערט, אבער פונ'ם קלימאט האט ער אלץ ניט געהאלטען.

ער האט זיך שוין אריבערגעצויגען אין א שענערען געגענט — אין סאפאלק סטריט, אויפ'ן דריטען פלאר, אבער דער קלימאט איז דער זעלבער, און צופיל פרייד האט ער אין זיין נייער וואוינונג אויך ניט געהאט.

און אין סאפאלק סטריט איז אויך דא א דאקטאר און ער נעמט אויך דאלארס און פארקרימט זיך אפילו ניט. אזוי איז ער גראד א פיין מענטשעל. ער רעדט א סך און זעט אויס צו זיין ניט קיין גרויסער חכם, אבער פארט א דאקטאר, אין אוניווערזיטעט גע־גאנגען.

מ'זאגט אפילו, אז ער האט גענייט הויזען איידער ער איז געווארען דאקטאר, אבער ס'מאכט ניט!

ער האט אויך גארניט צום קלימאט: ער זעט, קיין עין־הרע, אויס ווי א רעגעלער „קאצאפ"...

ליגט סעם, ווי א סנאפ, און בייזערט זיך אויפ'ן קלימאט.

וואלט ער בעסער גוט געגעסען, געטרונקען, געשלאפען א סך — ניין!

ניט ער עסט, ניט ער טרינקט, ניט ער שלאפט, אבער אר־בייטען ארבייט ער שוין גאנץ ניש'קשה'דיג.

סעם האט זיך זיינס אין זינען: קלימאט!

איינמאל האט עס שוין זיין מיסעס אזוי פארדראסען, אז זי האט אים בייז געמאכט א באמערקונג:

— וואס מיר קלימאט! ווער מיר קלימאט! איר עסט בע־

סערם, טרינקט מילך, שלאפט א סך, שפילט ניט אין — קארטען גאנצענע נעכט און דעמאלט וועט איך פארשפארען שרייען און האבען תרעומות אויפ׳ן „קלימאט״!

סעם האט אבער פארשטאנען זיין זאך. ער האט געוואוסט, אז דער קלימאט איז שולדיג. אין דער היים איז ער געווען א גאנץ לייטישער בחור, געארבייט, געגעסען אין צייט און זיך אויפגעפירט פיין, דא אבער, ווי ער זאגט, איז אז אנדער קלימאט — ס׳פארט ניט אייראפע, ס׳אמעריקע!

ער מיינט זאגען עפעס אנדערש: ס׳אן אנדער געגענט, אנ־דערע וועגען, אנדערע באנעמונגען, אז אנדער אטמאספערע, אבער ער קען זיך ניט פאנאנדערקלייבען אקוראט אין ווערטער, פטור׳ט ער עס אפ מיט איין ווארט: קלימאט!

און ווען ער איז דא ניט לאנג געווארען קראנק און שוין מער פון בעט ניט ארונטער, האט ער פאר׳ן טויט כמעט גארניט גע־זאגט נאר א פאר מאל האט־ווער יא א זאג געטאן:

„אוי, דער קלימאט! דער קלימאט!״

און — — — — — — — — — — — — — — —

נאכ׳ן טויט זיינען געבליבען צוויי טויזענט דאלאר.

אזא בהמה! האט מורא גהאט פארלאזען סאפאלק סטריטער קלימאט און ערגעץ זוכען א בעסערען, רייגערען און געזונטערען...

און ווער ווייסט, אפשר האט ער געמיינט עפעס אנדערש מיט׳ן ווארט „קלימאט״?

א קשיה אויף א מעשה.

<>

לידע.

אין אַ שפּעטער שעה פון נאַכט.

אין אַ שפּעטער שעה פון נאַכט
האָב איך געבלאָנדזשעט איבער גאַסן.
ניו־יאָרק — אַ שטאָט פון לייד און פרייד,
פון טיפע ערנסט, הומאָר, שפּאַסן.

האָב איך געבלאָנדזשעט און געקוקט,
זיך איינגעהערט צום שטראָם פון לעבן.
געהערט דעם ריטם פון אַ גייסט, —
דעם קלאַנג פון אייזערנע געוועבן.

דעם בראַזג פון שטאָל פון מעטראָפּאָל,
די הויכע, ווייטע וועלטן־פענסטער,
וואו ס'האָבן זיך געשפּילט אויף שטום
שאָטענס, לופטיגע געשפּענסטער...

האָב איך געבלאָנדזשעט און געקוקט,
געזען אזוי פיל פאַרבן, בילדער:
אָט איז דער מענטש אַ ריינער, גרויס,
און אָט — אַ נידעריגער, ווילדער!

און אָט איז ער אַ גאָט — ווי גרויס!
און זע, ווי נידעריג געפאַלן.
ווי פּרעכטיג־שיין דאָרט איז און זע:
דאָס אומריינקייט פון יענע שטאַלן!

האָב איך געקוקט און אַלץ געזען:
די שיינע, עלעגאַנטע פרויען,
און זונות מידע און פאַרקרימט,
וואָס פוילן שוין פון לאַנג און גנויען...

אט שוועבט א דאמע גראציעז, —
דער קאוואליער זי פירט געארעמט.
זיי שטיפעז, לאכעז, ס'האט דאס הארץ
און די נשמה זיך דערוואַרעמט...

און אט באגעגעז איך א טרעמפ.
ער לאכט און ווארטשעט עפעס אונטער.
איך כאפּ די רייד: „זיי מיינען נאר,
איך בין פון גלייכען וועג ארונטער?

ניט איך, נאר זיי, א בראַנד אויף אייך,
איר ווערעמדיגע היפּאקריטען!
איר קוקט אויף אונז מיט לאך און שפּאט,
פארפוילטע, פאלשע יעזואיטען!

איך בין א טרעמפּ, א וואגאבונד
און האס די וועלט מיט אירע וועגען.
דאך ווי זיך פירען קומט צו מיר,
ביי מיר דעם אמת דארפט איר פרעגען!?

ביי מיר, דעם שלעפער, וואגאבונד,
וואס האט די קייטען לאנג צעריסען...
מיך, דעם האבא, טרעמפּ און הונט, —
אלע דארפט איר מיך באגריסען!

אלע, אלע, איך בין גרויס
און וויל דערפון דאך גארניט האבען...
איך וועל אייך לערנען ווי צו זיין, —
דעם שטאלץ און שימעל צו באגראבען!

איך לאכט, איר פאלשע, מיאוס'ע קעז, —
א טרעמפּ וואגט לערנען אייך מאניערען?

נו, זאג איך אייך — דער וואגאבונד,
דער פרייער גייסט וועט אלץ צעשטערען!..."

"וואס דרייסטו דארטען מיט'ן צונג,
און שטערסט די רו פון נאכט און גאסען?"
האט א היטער פון געזעץ
געענטפערט אים גאנץ קאלט, געלאסען...

איז ער אוועק, דער וואגאבונד,
געלאזט א הילכיגען געלעכטער.
און פאר פארדרוס די ציין געקריצט,
און ס'האט געשאלטען זיך דער וועכטער...

בין איך געגאנגען ווייטער וואו,
די נאכט איז רייך מיט קלאנג און פארבען.
און האב דערזען אן אלטע פרוי,
א זונה — א ניו־יארקער שארבען...

אן אלטע פרוי איז זייער שיין!
אן אלטע זונה — לעבענס־איבעל!
אן עקעל פיל איך צו דעם מין.
לעזער! האב ניט קיין פאראיבעל.

נאר קום ארוים מיט מיר אין גאס
און קוק זיך איין מיט דיינע אויגען:
מ'האט צוגענומען איר פארמעג,
און אלע זאפטען אויסגעזויגען...

און אלע שיינקייטען פון פרוי,
די זיבען חנ'ען פון א מאמע...

נו, זאג אליין, צי בין איך שלעכט,
ווען כ'זאג, אז זי איז זיי מטמא ?!...

באטראכט זי גוט! ס'איז פוילע פלייש:
א שוועסטער, קינד, א פריינט אין לעבען...
דאס ווארפט די לעבענס־ראד ארויס.
„די צייט", זי האט זיי אונז געגעבען!

די צייט — די מיאוס'טע זונה דא,
וואס לאזט זיי נעבאך אויף די וועגען...
גענוג. דו קענסט שוין גיין אהיים,
און מער דו האסט ניט וואס צו פרעגען!

און ווייטער בין געגאנגען איך,
געשניטען גאסען און קווארטאלען;
געטרונקען זיך אין לעבענס־שטראם,
געפילט איך ווער אין „טיף" פארפאלען...

גענוג! איך בין שוין מיד פון אלץ.
געלאזט זי גיין צום אייגען ווינקעל.
האט נאך א בילד „א גוטע נאכט" צו מיר
געטאן מיט האסט א פינקעל:

א שטארק־געבויטער טרעמפ, א העלד
מיט קינדער־אויגען פול מיט ליבע,
בעט מיך: „גיב אביסעל געלט, —
איך וויל פארטרינקען שעה'ן טריבע!..."

וואוהין?

פרעמדע וועגן, פרעמדע הימלען,
בייזע בליקען פול מיט האס.
מ׳איז ניט זיכער מיט׳ן לעבען
ניט אין שטוב און ניט אין גאס...

שטורעמס, ווירבעלס, זאווערוכעס
טראגען זיך מיט האסט און פענט,
און פארניכטען, מאכען חרוב,
וואס געשאפען ס׳האבען הענט...

זיינען שטעדט און דערפער חרוב,
באנדעס בושעווען ארום.
טויט און פייניגונג, יסורים
זעט מען, מערקט מען אומעטום!...

ס׳האט די „חיה“ אינ׳ם מענטשען
זיך דערוועקט, ווי לאנג אמאל, —
פאר חטאים ניט געשטויגען
פאלען אפפער אן א צאל...

פאר חטאים... מ׳דערמאנט זיך
אין דער גרויער אלטער צייט:
ברענען בלוטען, גליען אויגען,
דער רוצח שטעכט און שניידט...

און מ׳טרייבט קהילות גאנצע
איבער וועגען ווייט און פרעמד,
אן א הימעל... אן א באדען, —
אן א שטיקעל ברויט און העמד!...

און א ברודער שלאגט א ברודער:
ס'איז זיין הארץ אזוי ווי שטיין!
און ס'בלאנדזשען אויגען, זוכען
וועגען, וועגען, וואו צו גיין?...

———<>———

אוקראינע.

אויף דער פעטער ערד דארט ווייט,
לע'ם א וואלד א שטילען,
ווי א לויטער טייכעל פליסט,
פלעג איך דארט זיך שפילען.

דארטען וואו די פעלדער ווייט
האבען זיך געצויגען, —
זייער אומעט, זייער פראכט
האב איך איינגעזויגען...

און געוואקסען און געבליט,
ווי אין פעלד די בלומען.
ביז דער זומער איז אוועק, —
ווינטער איז געקומען!...

בין איך אויך פון דארט אוועק,
זוכען זונען־שטראלען...
אין דער ברייטער גרויסער וועלט
ווערט מען גאר פארפאלען...

בלאזען ווינטען בייז און קאלט,
שווער א שוץ געפינען: —
איז מיין אלטע היים ארויף
ווידער אויפ'ן זינען...

ווידער! אבער שוויג דארט, הארץ,
ס'איז מיין היים צערינען:
כ'וועל דעם וועג צו יענעם וואלד
קיינמאל ניט געפינען!...

מערדער האבען זי צעשטערט, —
חרוב ליגט דאס שטעטעל.
ניט געלאזט א סימן דארט:
א ציגעל כאטש!... א ברעטעל!...

אויף דער פעטער ערד דארט ווייט,
לע'ם א וואלד א שטילען,
קען מיאאוקען אין די נעכט,
הינט נאר וואיען, בילען!...

———<>———

ברכה מיילאכאָוויטש.

(אַ בלום אויף איר פרישען קבר.)

אין א צייטונג, וואס ברענגט נייסען
פון מיין היים דער אלטער,
האט א נאמען ווער פארצייכענט
מיט א פען א קאלטער...

האט א נאמען ווער פארצייכענט: —
אין פאגראם געפאלען...
ס'האט די זון געשיינט א העלע, —
זיד געשפילט מיט שטראלען...

זיינען אנגעקומען מערדער, —
מענטשען אז געווסען...

און גערויבט, געטויט, געשענדעט,
אלץ צעשטערט, צעריסען...

אלץ צעריסען און צעפּיצעלט,
ווי פון וואוט געטריבען...
און „דער טייוועל" האט געמיטלאך
זיך דאס בלאט געשריבען...

אוי, דאס בלאט!!... פון בלוט און טרערען,
קרעכצען און געוויינען...
ס'האט „דער טייוועל" זיך צעווילדעט, —
וועט ער קיינעם שוינען...

שניידט ער, קאסעט ער אז אויפהער
ווי אין פעלד די זאנגען...
כארכלען, קווישען, גוואלטען, יאמער:
זיינע זיסטע קלאנגען...

זיסע טענער, ווייכע קלאנגען,
ווען די קינדער קלאגען...
ווילדע „ארגיעס" ער פראוועט
ביז ס'הויבט אן צו טאגען: —

שענדעט מוטערס פאר די אויגען
פון די יונגע קינדער...
קוילעט קינדער — מאמעס זעען,
שעכט זיי ווי די רינדער...

צווינגט א זון די מוטער שענדען, —
„טייוועל" קען פארטראכטען...
וויפיל שרעקען, וויפיל גרוילען
יענע „טעג" און — „נאכטען"!...

יענע טעג און יענע „נאכטען“, —
„טייוועל“ איז פארהאַוועט...
זיין געליבטע — מיט דער „לילית“
חתונה ער פּראַוועט!...

שפּילען „כלי־זמר“, רוחות טאַנצען,
זאַווערוכעס דרייען...
„שטן“, „טייוועל“, פרעכע „לילית“
פרייען זיך און פרייען!...

און ס'גיסען זיך, ווי ווייַנען,
וואַרים־פרישע בלוטען...
מחותנים זיך צעקושען:
„לילית“, „טייוועל“, „שטן“...

און פון יעדען קוש — א „קרבן“ —
פאַלען זיי די ריינע...
און די זון זיך שפּילט מיט שטראַלען,
שמייכעלט אזא שיינע...

. . . .

אין א צייטונג, וואָס ברייַנגט נייַעס
פון מיין היים דער אַלטער,
האָט „איר נאָמען“ ווער פאַרצייכענט
מיט אַ פען א קאַלטער...

———<>———

מיין טאַטע.

(א בלום אויף זיין קבר.)

א שטילער, פאַרטראַכטער בית־עולם.
די בוימער פאַרטרוימטע אַרום...
און ס'פירען א שמועס די מצבות
פון שטילקייט... פון שווייגען... אויף שטום.

אַט קומט אַז פון ערגעץ אַ ווינטעל, —
פאַרפירט מיט אַ בלימעל אַ קריג.
און אונטען — אַ קינדערלע קלייניגקס, —
געבראַכט אַט נאָר וואָס פונ׳ם וויג...

און דאָרט ביי דער זייט איז אַ בערגעל:
מיין טאַטע ליגט אונטען גאַנץ טיף...
„דיין טאַטע ניט לאַנג איז געשטאָרבען!“
מיין מאַמע מיר שרייבט אין אַ בריף.

ס'איז פריש נאָך דער קבר, מ'זעט עס:
די זאַמד איז נאָך געלבלאַך און נאַס...
דאָס בערגעל דערציילט מיט נקמה:
ס'איז לעבען ניט מער ווי אַ שפּאַס!...

אַ שפּאַס... פונ׳ם וויג צום בית־עולם,
אַ טריט נאָר — דער חלום צו ענד.
פון לעבען ביז טויט פאַר'ן מענטשען:
געבוירען, געשטאָרבען — אַ בלענד!

און ווייט דאָרטען, ווייט אינ׳ם שטעטעל
אַ קבר קוקט ערדיג און קאַלט...
אַ בנין — אַ טאַטע, אַ מאַמע,
פון קינדער, פאַמעלאַך צעפאַלט...

און ס'לויפען די יאָרען און יאָגען
צום „קבר“ פון אייביגער ווייט...
שלאָף רואיג, מיין ליבינקער טאַטע,
מיט טאַטעס פון לעבען און צייט!...

——<>——

אין דער פאַרנאַכטיגער שעה.

אין דער פאַרנאַכטיגער שעה
הויבט אָן אַ פחד צו דריקען, —
אַלץ וואָס געשאַפען ס'האָט ליכט,
ווילען די שאָטענס דערשטיקען...

וואַרפען זיך גרויזאַם ארויף,
ווי רויבער וואָס ליגען באַהאַלטען,
יאָגען זיך אום אומעטום,
ווי ווילדע און בייזע געשטאַלטען...

ציטערט דאָס הארץ אין דער שטיל:
אָט וועט אַ שאָטען באַלד קומען, —
נעמען זיין קרבן אין האַנט,
וועלען די טרוימען פאַרשטומען...

אין דער פאַרנאַכטיגער שעה
קומען די שאָטענס צעלויפען,
פונקט ווי די קונים אין מאַרק:
יעדערער וויל עפּעס קויפען...

——<>——

פ אַ ר נ אַ כ ט.

פאַרנאַכט... אַוועק דער טאָג
און טונקעל ווערט אַרום.
ס'ווייזט זיך אויס, אַז מענטש און וועלט
ווערט פּלוצים טויב און שטום...

פאַרנאַכט... אַ פּוסטקייט דריקט, —
פאַרלוירען עפּעס, וואָס?...

און ס׳כאפּט ארום אזא מין באנג
און א פאַרדראס...

פאַרנאַכט... דער טאג ניטאָ.
דעם לעצטען קוש געטאָן...
און ווי געזאגט גלאט אין דער וועלט:
צום גוטען מיד דערמאָן!...

פאַרנאַכט... מיט טונקלער פארב
ס׳שמירט ווער אויף די לופט...
נו, שאַ! לייג צו דיין אויער, הער:
מ׳רופט!... מ׳רופט!...

גלויבען.

נעכטען ביינאַכט איז געפאַלען א שניי
און אַלץ האט מיט ווייס זיך באַדעקט...
א צאַפּל געטאן האט דאס האַרץ אין מיין ברוסט,
און ס׳האט זיך א גלויבען דערוועקט...

א זויבערע ריינקייט, א ווייסקייט ארום
האט אַלעם און אַלץ דא באַצירט...
ס׳האט זיך דאס בלוט מיינס צעהוליעט, צעשפּילט,
און שפּעט האב איך אומגעשפּאַצירט...

פרימאָרגען, אוי ווי, וואס איז דא געשען?
א רעגען, א בלאָטע, ס׳איז נאס...
ניטאָ שוין דאס קלייד — דאס ווייסינקע קלייד, —
די זעלבע, די אייגענע גאס...

און פלעקען אַן שיעור פון יעדער קאָליר,
ס'איז ברודיג און ־מיאוס יעדע זאַך...
קיין סימן פון ווייס, פון ריינקייט און ציכט,
ס'מערקט זיך אַ פלעק אויף אַ דאַך.

אַ וויסינקער פלעק... אַ ביסעלע שניי
ז'געבליבען דאָרט ליגען אַליין...
און ס'ציטערט דאָס האַרץ, ס'גליווערט דאָס בלוט:
ס'קען נאָר חלילה צעגיין!...

———<>———

נ אַ ר י ש.

נאַריש... אַלץ איז נאַריש,
און אַ ווערט און זין...
גלויב מיר, אַז איך ווייס ניט,
ווער און וואָס איך בין!...

נאַריש.. אַלץ איז נאַריש,
יעדער בליק און פרעג...
גלויב מיר, אַז מיך קרייִנקען
אַלע פוסטע טעג...

נאַריש.. אַלץ איז נאַריש,
חכם, נאַר באַגלייך...
גלויב מיר, אַז פון אַלעם
לאָזט זיך אויס אַ טייך...

נאַריש.. אַלץ איז נאַריש,
זון און ליכט, וואָס פאַלט...
גלויב מיר, אַז איז זומער
איז מיר שרעקלאַך קאַלט!...

נאריש.. אלץ איז נאריש,
ליבע, גליק אדא...
גלויב מיר, אז זיי ביידע
גיבען ניט קיין רו...

נאריש.. אלץ איז נאריש,
אבער זיין א נאר...
גלויב מיר, עס באצאלט זיך
צייטענווייז דערפאר!...

——<>——

נ א כ ט.

נאכט... א ווינטעלע בלאזט
מיט נאכטיג־געמיט...
נאכט... א פויגעלע מיד
צום נעסטעלע פליט.

נאכט... א וואלקענדעל הויך
איז הימעל זיך שפרייט.
נאכט.. ליב וואלקענדעל, קוק,
א שעפסעלע גייט...

נאכט... א רייטער זיך יאגט
גאלאפ ערגעץ־וואו...
נאכט... א בוימעלע קלאגט:
פארלוירען די רו...

נאכט... א שאטען זיך ציט
עקשנות'דיג דארט.
נאכט... ס'חלש'ט די לופט...
איך שווער! אויף מיין ווארט!...

דעמערונג.

געשטארבען איז דער טאג. א בייזע האנט
געריסען שטיקער האט פון שיין און ליכט.
און שאטענס וואקסען אוים און שפרינגען אום,
און ס'איז געווארען נאכט גאר אומגעריכט.

א בוים האט זיך צערעדט. די בלעטער ציטערען,
דערציילען עפעס אוים אויף בלעטער־שפראך...
און אויבען דארטען הויך צעשאטען האבען זיך
קליינע שטערענדלאך א סך, א סך...

א ווינטעל איז אויך דא און פלירטעוועט ארום:
א קוש א בלעטעלע, א צווייגעלע א בויג...
און א לבנה בלאס, וואס קוים מ'זעט זי אז
רוקט פון וואלקען זיך פארצויגען מיט אן אויג...

און שטיל עס איז ארום, די נאכט קומט אן,
פארנעמט איר ארט אין סאמע אויבענאן...
א טונקלער שמייכעל פאלט אויף אלץ ארום
און אלץ זעט אוים ווי מ'וואלט געשאטען מאן...

——<>——

עס ווייגט די נאכט.

עס ווייגט די נאכט א מידע און א שטילע.
עס קייקעלט זיך א קלאנג אוועק וואו ווייט.
א שטילע נאכט. סאליד ווי נאכטען זיינען,
די שטילקייט דאך לייגט וועלטען איין און שרייט.

זי שרייט פארקרעמפט אין אירע שטילקייט־ווייען.
ארום איז שטיל... א שטילע, שטילע נאכט.

די נאכט קוקט טיף אריין אין יעדענס אויגען.
זי קוקט און פארשט און דאך איז זי פארטראכט.

עס ווײנט די נאכט. מ׳זעט ניט אירע טרערען.
א שטיל געוויין... א שטילער, זייער שטיל...
א הימעל טונקעל־בלויער קוקט ארונטער
אין הערט זיך איין צום נאכטיגען געשפיל.

עס ווײנט די נאכט. א הונט האט זיך צעוואיעט
פון ווייטען פעלד, פון ערגעץ זייער ווייט.
די נאכט איז שטיל. אנטשוויגען איז דער הונט דארט.
דאך וואיעט אלץ די לופט און שרייט...

——<>——

א וואלקענדעל.

ווי לופטיג, ווי שווימיג
דאס וואלקענדעל ציט.
און פונקט ווי א בלימעל
ס׳וואקסט און ס׳בליט.

ס׳בויגט זיך, ס׳קנייטשט זיך
אין שטח פון בלא.
אט איז עס א דארטען
און אט איז עס א־דא!...

מיר דאכט ס׳איז א מאלפע,
א הינטעלע? ניין!
איך זע מיט די פיסעלאך
פרואווט עס גאר גיין...

ווי לופטיג, ווי שווימיג,
ס׳גליטשט זיך אוועק.
ניטא שוין! — צעגאנגען!
צום לעבען — אן עק!

——<>——

וואלקענדלאך.

וואלקענדלאך יאגען זיך אום אויפ׳ן הימעל,
גליטשען זיך, שווימען אהין און אהער:
אט איז א גענזעל, א הינדעל, א קאטשקע,
ס׳יאגט זיך א בער דארט ארום אזוי שווער.

זע ווי א לייב האט צעלאזען זיין גריווע,
הינט דארטען בילען, מיר דאכט זיך, אויף קלאר...
פערד גאלאפירען, א קו מעלה גרה׳ט,
א ציג מיט א בערדעל, ס׳זאל פעלען א האר...

און זע נאר: א רייטער זיך טראגט דארטען האסטיג,
זיין פערד האט פאררויסען דעם קאפ אין דער הויך.
א פייער האט עמיצער דארטען געצונדען, —
ס׳שפרינגען די צונגען, ס׳זעצט אזש א רויך...

און פלוצים איז אלעס פארשוואונדען געווארען,
דער הימעל באדעקט איז מיט וואלקענס ארום.
און ווייט ביי דעם ראנד שטייט אן אלטער געבויגען
און קוקט אזוי בייז אויף אונז אלע און קרום...

——<>——

רעגענדעל.

(א מתנה די ארבייטער־רינג שולען.)

רעגענדעל, רעגענדעל, טייערער גאסטעלע,
זילבערנע טראפעלאך, גיסט מיט אמאל.
וואקסען זאל ברויטעלע דארט לעבען פלויטעלע, —
גרעזעלאך, בלימעלאך טיף אינ'ם טאל!

וואקסען זאל ברויטעלע, זעטיגען קינדערלאך,
שטארקען די גלידערלאך, אויגען מיט גלאנץ...
רעגענדעל, רעגענדעל, טייערער גאסטעלע,
פלעכטען מיר וועלען פון בלומען א קראנץ.

דיר א מתנה'לע פאר דיינע טראפעלאך,
פאר דיין גוט הערצעלע, פאר דיין געשאנק,
וועלען מיר אלע: אי גרויסע, אי קינדערלאך
אויסדריקען היים פון נשמה א דאנק!...

רעגענדעל, רעגענדעל, טייערער גאסטעלע,
זילבערנע טראפעלאך, — פולע מיט חן...
קינדער געשמאק וועלען עסען דאס ברויטעלע,
נאכדעם מיט חשק אין שול אריין גיין.

———<>———

שנייעלאך.

שנייעלאך, שנייעלאך, ווייסינקע פעדערלאך
פאלט פונ'ם הימעל ארונטער אויף דר'ערד.
וועלען זיך יאסעלאך, משה'לאך, שלמה'לאך
שפאנען אין שליטעלאך, לויפען ווי פערד.

לויפען צעפרידענע, רויטע, דערפרוירענע,
אייגעלאך גלאנציגע, פולע מיט חן...
שנייעלאך, שנייעלאך, ווייסינקע פעדערלאך,
הערט ווי די קינדערלאך שרייען: ס'איז שיין!

שרייען און ליארעמען — זיסינקע שטימעלאך,
קלינגען ווי גלעקעלאך, קלינגען דיזדיזן:
ווייס אונזער געסעלע, פריי אונזער וועלטעלע,
ס'האט אונזער לעבען א ציל און א זין!...

פאלט זשע, איר שנייעלאך, ווייסינקע פרערלאך,
פילט אן די קינדערשע הערצלאך מיט פרייד!
לעבעדיג, קינדערלאך, לוסטיגער, פריילאכער,
ווייס אונזער וועלט איז — אן זארג און אן לייד.

———<>———

בלומען.

מאמע! ווייסט איך האב ליב בלומען
פון קאלירען אלערליי.
זיי דערקוויקען די נשמה,
פרייד און טרייסט פארמאגען זיי.

פרייד און טרייסט פארמאגען בלומען
אויף די לאנקעס, אויפ'ן פעלד.
כ'האב געלייענט, א קרענצעל בלומען
האט געקראגען וואו א העלד.

פאר זיין טרייהייט צו די מענטשען,
וועלכע ארבייטען פאר לוין.
ניט ווי אנדערע, וואס טוען
יענעם אן דערפאר א קרוין!

ניין, אַ, מאמע, כ'האָב די קרוינען, —
זיי פארשטייפען בלוט און מארך...
אויב ס'איז מיר באשערט אַ העלד זיין, —
וויל איך בלימעלאך אַ סך.

———<>———

ס'איז עמיצער שולדיג.

„מאמעניו, קוק, מיינע שיך שוין צעריסען.
די פינגערלאך קוקען ארויס...
די הויזעלאך אלטע, פארנייטע, פארלאטעט.
מיין היטעל אויף מיר איז צו גרויס!

האסט צוגעזאגט מיר אַ פּאר שיכעלאך קויפען.
אַ היטעל אַ נייע דערצו.
די קינדערלאך לאכען: אַ בעטלער! אַ שנארער!
די לערערין גיט מיר קיין רו...

וואס בין איך דען ערגער פון משה'ן, פון יאסלען?
איך לערן זיך בעסער פון זיי!
און זיי האבען אלעס: אי עסען, אי טרינקען,
גארניטורלאך, היטלען צו צוויי!..."

„ס'איז אמת, מיין ליבער, ניט דו ביזט דא שולדיג,
דיר געבען אַן ענטפער איז שווער!
ס'איז עמיצער שולדיג!..." און שטיל האט די מאמע
פארלוירען אַ הייסינקע טרער...

א וויג-ליד.

(סילי'ן און הערשעניג'ן א מתנה.)

נאכט ארום. די שטילקייט שוויגט.
גיט פון ארט זיך ניט א ריר.
שלאף, מיין מלאכ'ל, שוין איין.
ליו-ליו! מיר זאל זיין פאר דיר.

ליולינקע! דער טאטע שלאפט:
מיד פון ארבייטען דעם טאג.
שיך און זעקעלאך פאר דיר
וועל איך קויפען. נו, גענוג!

וויין ניט, שליס די אויגלאך צו, —
אוי, האט דיך דער טאטע ליב:
וועט דיר קויפען שפילעכלאך.
רו אביסעלע אים גיב!

שלאף זשע, הערשעניו, שלאף איין!
ערגעץ האט א האן געקרייט.
זע עס בלויט דער מארגען שוין,
ליולינקע! די נאכט וואו גייט...

די טויב.

(געווידמעט לעניג'ס גייסט.)

ווינטעלע, ווינטעלע, שטיפערעל קליינינקער,
זאג, ווארום קלאפסטו ביי אונז אין דער שויב?
האסט איבערגעשראקען די קליינינקע פויגעלאך,
ווייט וואו פארטריבען די ווייסינקע טויב!

כ׳האב זי געקויפט ביי א וואנדרערער מידען, —
די טויב איז געוועזען זיין איינציגער פריינט.
דער טאג איז געווען אזא מילדער און ליבער.
די זון האט מיט שטראלען געווארימט, געשיינט.

„קויף, אינגעלע ליבער, די טויב, איך וויל עסען.
באטראכט זי ווי וויים און ווי אומשולדיג־דיין...
מיין איינציגער פריינט אויף די וועגען, די פרעמדע.
נאר מילא, כ׳וועל וואנדערען איצט שוין אליין!...“

האב איך אים געגעבען אי עסען, אי טרינקען,
אביסעלע געלט, וואס איך האב נאר פארמאגט.
„נעם, וואנדרערער ליבער, דאס טייבעלע אויבעט,
דיין איינציגען־פריינט!“ האב צו אים איך געזאגט.

„ניין, אינגעלע טייערס, די טויב מוז דא בלייבען,
ווער ווייסט וואס עס קען מיט מיר טרעפען אין וועג?
א וואנדרערער. שטענדיג אויף וועגען אויף פרעמדע,
און אפט קומט אוים הונגערען גאנצענע טעג!...

נעם צו מיין מתנה, א, גוטינקער, קלוגער,
וועסט ברייננגען וועט נוצען דער מענטשהייט, דער וועלט.
א דאנק פאר׳ן עסען, דיין ווארימער פריינטשאפט.
א דאנק דיר, מיין ליבער, פאר ס׳ביסעלע געלט!

יא, יא, איך בין אויסגעוועזען שטעט שוין און לענדער,—
א שוואבקייט אזא שוין צו וואנדרערען, גיין...
געזען זיך מיט מענטשען אי גוטע, אי שלעכטע,
דער מענטש אבער פארט איז דא עלענד, אליין!...

נאר זארג ניט, מיין ליבער, ס׳וועט קומען, ס׳וועט קומען;
געהערט האב איך ערגעץ זיך טראגען א נייס:

די מענטשען, זיי ווילען נים זיין מער דא עלענר;
די וועלט זאל גאר זיין ווי דאס טייבעלע ווייס!...

די מענטשען... דער עלענד!... דאס טייבעלע ווייסע!...
ביזט אויבעט א טייבעלע, יא ביזט א טויב!..."
ווינטעלע, ווינטעלע, שטיפערעל קליינינקער,
זאג, ווארום קלאפסטו ביי אונז אין דער שויב?

זאג, האט געשיקט דיך דער וואנדערער, מידער,
צי פילט ער זיך עלענד, אליין אין דער טויב?
ער בלאנדזשעט דאך איינזאם ארום איבער וועגען!
ווינטעלע, זאג מיר, וואס קלאפסטו אין שויב?...

——<>——

איך האב ליב.

איך האב ליב זיך אפט פארקוקען
אויפ'ן בלויען הימעל,
ווי ער שפרייט זיך אזא מילדער,
ווי ער כאפט א דרימעל...

און די וואלקענדלאך, די גרינגע
טראגען זיך און שוועבען;
שטויסען זיך ווי שעפעלאך,
מעקען דארטען — כ'לעבען! ,

און א פאסטוכעל זיי טרייבט,
קוק — אט איז זיין שטעקען!
נים זיי שלאגען, נאר אזוי,
נלאט זיי איבערשרעקען...

און א הינטעלע — איר זעט!
אקוראט — מיט פלעקען...
יאגט זיך נאך די שעפעלאך
איבער אלע עקען...

———<>———

בלימעלאך.

בלימעלאך, בלימעלאך, וואקסט און בליט,
מיט קאלירען שפילט זיך, גליט.
ברענגט אונז פריידען אן א שיר
אינ'ם גערטענדעל ביים טיר!

ברענגט אונז ריחות מיט פארפיום,
שמעקען זאל דא אומטום...
און געדאנקען, קלארע, ריין
זאלען ווייט שפאצירען גיין!

זאלען טראגען זיך אין ווייט,
ברענגען גוטעם מיט דער צייט...
שאפען פונ'ם בלומען־דופט
נייע „בלומען" אין דער לופט!

שיינע בלומען פון געדאנק —
פאר דעם מענטשען א געשאנק...
גארטען—בלומען, בלום פון מארד
דארפען מיר אסך, אסך!...

———<>———

גרינט אַ בוימעלע.

גרינט א בוימעלע און בליט,
בלעטעלאך — אזוינע שטילע.
און א פויגעלע וואו פליט,
פיסטשעט אויס א פרילינגס־תפילה.

ס'איז דער הימעל אזוי בלוי, —
טרוימט פון שטילע אויפדערנאכטען.
ניין, דאס לעבען איז ניט גרוי
פרילינגס־צייט מיט זיינע פראכטען...

פריידען קוועלען, האפנונג פליסט,
בלומען בליען אין געדאנקען...
הארץ, נשמה יעדען גריסט,
און די בלומען שיקען דאנקען.

גרינט א בוימעלע און בליט,
בלימעלאך דעם פרילינג גריסען.
און א פויגעלע וואו פליט, —
אין דערלופטען קלאנגען פליסען...

—<>—

אויבען און אונטען.

אויבען הימעל, אונטען ערד,
וועגען ווייטע... ווייטע...
אויבען שטערען, אונטען זאמד, —
טרוימען צו פארשייטע...

אויבען שטראַלען, אונטען נאַכט,
שאַטענס נאָר וואָס טאַנצען...
אויבען וועלטען, אונטען לייד,—
פייערלאַך וואָס גלאַנצען...

אויבען געטער, אונטען שלייַנג,—
גיפטען וועלכע טויטען...
אויבען בלויקייט, אונטען גרוי,—
שטייען אין די נויטען...

אויבען ריינקייט, אונטען שמוץ,—
סמ'ט עס אַפּ די בלומען...
אויבען גלויבען, אונטען פוסט,—
יא, ס'פירט צום גוטען!...

———<>———

שטילקייט.

שטיל. עס הערשט אַרום אַ שטילקייט,
אַ גרינג געמיט וועקט אויף אַ פאַרגעפיל...
מ'זעט די גרענעץ צווישען ראַש און שטילקייט,
אַך, ווי שיין עס איז די שווייגען־שפּיל!...

שטיל. די שטילקייט מאַכט אַ חנ'דעל,
און פאַרטשעפּעט זיך מיט ראַשיגקייט אויף שטיל.
ס'יאָגען ווינטעלאַך זיך אום צעפרידען
און דערציילען מעשה'לאַך גאַנץ קיל.

שטיל. האט איר געזען ווען שטילקייט?
א מאדנע טומעל. זעט מען, ניט מ'הערט...
שטיל וויברירען מיליאנען קלאנגען,
לעבעדיג, מיר דאכט, די לופט גאר ווערט...

שטיל. ס'איז שטיל די שטילע שטילקייט,
גיסט זיך ווי א קוואל מיט אזא פראכט...
רעדט ניט — שא! ס'איז גארנישטא אין חלל.
ווער זשע אבער שטילען טומעל מאכט?...

——<>——

דאס הינטעל.

ס'האט מיך א הינטעל
באגעגענט אין גאס,
געווען איז עס בלאטיג
און ברודיג און נאס.

ס'האט זיך געטוליעט,
דערציילט׳עפעס וואס...
די אויגען ווי פייער,
און פול מיט פארדרוס.

נאר איך האב פארגעסען
די הינטישע שפראך..
און גלייך אינ'ם פנים
געטאן דעם א לאך...

איז דאס אנטלאפען,—
געווארפען א בליק....
אוי, ווען איך קען עס
איצט רופען צוריק!?...

קלאנגען.

ווען איך גיי ביינאכט שפאצירען
און ארום איז רואיג, שטיל.
הער איך קלאנגען, קאקעטירען
אין א שטילער מורמעל־שפיל.

קאקעטירען און וויברירען,
קיצלען, טוען אויבעט וויי.
קלאנגען הער איך גיין שפאצירען
וואו איך שטיי און וואו איך גיי.

קלאנגען רואיגע און דיינע,
קלאנגען פרעכע און אן טאקט.
נים געפוצטע, אבער שיינע...
און געקינצעלטע — ס'א פאקט!

וועו איך גיי ביינאכט שפאצירען,
קומט אנטקעגען אפט א קלאנג, —
מיך געארעמט נעמט ער פירען,
און מיר שמועסען שעה'ן לאנג...

די לידעלאך דיינע.

די לידעלאך דיינע, מיין טייערע מאמע,
אריין זיינען טיף אין די בלוטען...
די שטילע ניגונים, די טרערען די הייסע, —
נים זארג זיך, זיי פירען צום גוטען!

דאס סקריפענדע ווינעל... דאס אלקערעל קליינע,
דאס שטעטעל און דיינע געזאנגען;
דאס פייפען פון גריל דארט צווישען דעם אויווען
געוועקט האבען שיינע פארלאנגען...

די לידעלאך דיינע, די שטילע ניגונים
געליינט האבען דעמאלט דעם זיגעל...
און טיף אינ'ם הארצען עס זיינען פארקראכען,
די ווערטער... דאס כליפען פון ווינעל...

די ווערטער... דער אומעט... די ליידען די שווערע
אריין זיינען טיף אין די בלוטען...
און וועקען, און רופען, און אפט זיי באפוילען
וואס זאגען אין שווערע מינוטען...

———<>———

שפילט די זון זיך.

שפילט די זון זיך מיט א וואלקען, —
אט איז פינסטער, אט איז ליכטיג.
זע איך דארט דאס גאנצע לעבען,
ניט פאר יעדען איז דאס וויכטיג...

ווער דארף גריבלען זיך און טראכטען, —
זון מיט לעבען גאר פארגלייכען?
ביטער ס'איז דעם ארים־קראנקען,
וואויל און גוט עס איז דעם רייכען!...

קוק איך אבער אויף דעם וואלקען,
אויף דער זון וואס ליגט באהאלטען,

זע איך לעבען, נויט און צווייפעל
אין פארשידענע געשטאלטען...

זע איך לעבען, וועלטען, שטראמען:
זון און וואלקען — ווירבעל־שפילען...
און איך קום מיט אייך זיך טיילען,
אז איר זאלט עס אויך דערפילען!!...

——<>——

אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

אין דער שטילקייט פון דער נאכט
הויב איך אן פארשטיין דאס לעבען.
אין דער שטילקייט ווער איך בלינד —
זעענדיג צו נעמען, געבען...

אין דער שטילקייט פון דער נאכט
פליסטערען געדאנקען קלארע.
אין דער שטילקייט זע איך אלץ —
בלינדערהייט די לעבענס־נארע...

אין דער שטילקייט פון דער נאכט
ווײנט דאס לעבען מיט געלעכטער...
אין דער שטילקייט ברומט די לופט:
ביזט א גוטער! ביזט א שלעכטער!

אין דער שטילקייט פון דער נאכט
שפילט דער „שטן" זיינע לידער...
אין דער שטילקייט בעט זיך גאט:
כ'בין אנטוישט — א מענטשלאך־מידער!...

קום צו מיר.

קום צו מיר, פארשייטע, שיינע מיידעל,
ברייננ מיט זיך א פייערדיגען קראנץ.
שעלמיש ברען מיין הארץ מיט דיינע אויגען,
רוף ארוים מיין בלוט צום „טאנגא“ טאנץ!

ב׳וויל ניט זיין א שטילער צווישען שטילע, —
פייער, פייער! ברענען זאל מיין הויט.
נעם ארום מיך שטארקער, ווילדע שעלמא,
גים דעם וויין דעם פייערדיגען־רויט!

שים ארוים א קוש פון דיינע ליפען, —
אט אזוי, ווי פייערדיג און זים...
נעם מיין הארץ און מיין נשמה, נעם זיי
און צעפליק, גיב נאך אמאל א רים!...

ריים, דו פרויען טאכטער, מיינע טרוימען,
טרעט אויף זיי מיט דיינע שטארקע פים...
נאך א קוש א פייערדיגען, ווילדען,
נאך א טרוים, איך בעט דיך, גיב ארים!

פליק און ריים די שטילקייט פון די יארען,
צינד א פייער אן ביי מיר אין ברוסט!
ווי האב איך געקענט ביז איצטער שווייגען,
אויסגעלאשען יעדער ביסעל גלוסט...

א יעוונוד איך בין מיר דאכט געווארען,
טויט פאר זיך, געשטארבען פאר דער וועלט...
יעדער אדערעל איז איצטער אנגעצויגען,
יעדער טראפען בלוט, מיר דאכט זיך שעלט...

ער, צינד אן דעם פייער פון די בלוטען,
כ'בין נאך יונג — כמעט נאך ניט געלעבט...
לעבען איז ניט מער ווי „צוויי" מינוטען, —
ווי זשע האב איך טרוימען נאר געוועבט?...

צינד זשע אן, אצינד א העליש פייער
און ברי מיין הארץ מיט קושען, אט אזוי!
די נאכט איז קורץ, און מארגען, אוי דער מארגען
וועט ווידער זיין מסתם דא פוסט און גרוי!?...

———<>———

צום פראלעטאריער.

בוי א הויז! ציגעל לייג נאך ציגעל,
קנעט די ליים, קנעט אריין דיין גייסט
שטעל א טעמפעל אויף — ברייטע, פרייע רוימען:
ס'קומט א ריז! מיט ריזען־טריט ער שפרייזט.

ס'קומט א ריז! חבר, ס'איז א ברודער,
און א מאכט פארמאגט ער און א קראפט.
בוי א הויז! מויער איין די ווערטער:
„בויען נאר פאר זיך האסטו געדארפט!"

הויב דעם האמער הויך! שלאג די פאלים טיף!
זינג א „פרייהייטס־ליד" מיט א פולער ברוסט:
חבר, — אונזער וועלט! ברודער, — אונזער בלוט!
אונזער הימעל, ערד — כ'האב עס ניט געוואוסט!?

שלאג די פאלים טיף, טיפער נאך דאסווארט,
זאל עס טיף אריין אין דיין בלוט און מארך!
בוי א הויז פאר זיך, בוי א הויז פאר אים, —
שוין גענוג געווען אז א צורעק — דאך!

שוין גענוג, גענוג! חבר, שוין גענוג!
גלייך דיין רוקען אוים, קוק ארום זיך פריי.
שרעקען זאל דיין בליק, ווירקען זאל דיין ווארט,
זינג דאס שענסטע ליד: „אלעס ווערט דא ניי! !...

זינג עס חבר, זינג — טייער איז די פרייז,
אלע מיט אמאל, אלע מיט א גאנג.
און אנטשיידען קומט צו דעם לעצטען קאמף, —
שאפען נאך א טאג, שאפען נאך א קלאנג!...

שאפען נאך א קלאנג... נאך א פייער־ווארט...
זאל עס ברענען טיף, זאל עס גליען היים:
ווער האט עס געוואגט זויגען אונזער בלוט,
שקלאפען אזוי שווער, ארבייטען מיט שוויים?...

ווער האט עס געוואגט?... ארבייטער גענוג!
ס'עקעלט דער געדאנק! ס'גריזשעט ביי דעם הארץ!
א בזיון שטיקט, צופעט, נאגט און פליקט:
ס'איז דיין וועלט געווען אזוי מיאוס און שווארץ!

אזוי נישטיג־קליין! אזוי נאריש־ווילד!
אזא פוסטע וועלט, און פארלאנגען קליין...
הויב דעם האמער הויך! שלאג די פאלים טיף! !
זינג דאס שענסטע ליד: „אלעס ווערט דא שיין"!

אלעס ווערט דא ניי! שקלאפען ווערען פריי!
קוקען אזוי שטאלץ — ווייסען זייער מאכט...

און דער „ריזען־גייסט" גייט ארום און קוקט:
„קינדער, אט אזוי, דאס האב איך ערווארט"!..

הויב דעם האמער הויך! שלאג די פאלים טיף!
שלאג זיי מיט געדאנק, שלאג זיי מיט פארשטאנד.
חבר, קום אהער! ארבייטער — צו אונז
פון דער גאנצער וועלט און פון יעדען לאנד!!

לייג א צינעל דא און דיין שבועה גיב
פון אן ארבייטער, פון אן ערען־מאן...
שטעל א הויז דא אויף און פארשפרייט דיין גייסט
וואו דו טוסט א טריט, וואו דו טוסט א שפאן!!...

——<>——

איך האב א מיטעל.

זאג מיר, מאמע, ווארום רופט מען
„שלעפער" דעם וואס קומט אנטקעגען,
ווייל די קליידער זיינען אלטע
און ער האט ניט קיין פארמעגען?...

און וואס ניט אים דארטען יענער
גאר א פעני פאר זיין בעטען.
קוק ווי יענער איז צעפרידען,
און א קארק האט ער א פעטען!

און דער שלעפער ווי מען רופט אים,
מאגער איז נאר הויט און ביינער...
מאמע, זאג מיר אזוי האנדלען
שעמט זיך גאר פון אונז ניט קיינער?

פע, איך קען דאס ניט פארליידען:
שלעפער, שנארער, וואס פאר נעמען־...

יענעם נאָר אַ פּעני געבען
און באַליידיגען, פאַרשעמען! ?

מאַמעניו, איך האָב אַ מיטעל
אַלע מענטשען צו פאַרגלייכען.
ס'וועט דער אָרימער דאָס וועלען, —
דאַרפסט נאָר רעדען מיט'ן רייכען!!...

———<>———

אַ ווינטעלע רעדט.

אַ ווינטעלע רעדט, הער איין זיך, מיין קינד,
און שאָקעלט אַ בלעטעלע שטיל.
ווי שיין ס'איז די וועלט, ווי ליב און ווי פריי, —
דעם ווינטעלעס ווערטער איך פיל...

אַ ווינטעלע רעדט מיט לופטיגער שפּראַך, —
לערען זיך, קינד, זי פאַרשטיין:
דאָס רעדט די נאַטור, די שיינע נאַטור,
די שפּראַך איז נאָך שענער ווי שיין...

אַ ווינטעלע רעדט און שמועסט מיט אַ בוים,
דער הימעל זיי רואיג באַטראַכט,
און שמייכעלט צו זיי מיט ליבע און פרייד, —
די זון אַזאַ גליקלאַכע לאַכט...

אַ ווינטעלע רעדט, אַ ווינטעלע רעדט,
די בלעטלאַך הערען זיך איין,
און ענטפערען שטיל, און ענטפערען קלאָר:
אַזוי וועט עס, ווינטעלע, זיין!...

———<>———

קינדער.

אך, ווי ליב איך האב אייך, קינדער,
אונזער רייכטום — אייער חן!
ווען די אייגלאך בעטען עפּעס,
ווערט דאס לעבען אזוי שיין...

קינדער־אויגען — קלארע טייכלאך,
הערצעלאך ווי זויבער, ריין...
וויפיל פריידען, וויפיל האפנונג, —
ווען אין שול איר הויבט אן גיין?!

ווען איר ברייגגט פון דארט א שפּילכעל,
און א צייכענונג געמאכט,
און די אייגעלאך זיי פרעגען:
מאמע, איז דאס ניט א פּראכט?

און זיי קוקען, און זיי ווארטען, —
זייער בליק — די גאנצע וועלט...
זע נאר ווי דער טאטע פרייט זיך;
זע נאר ווי די מאמע קוועלט!...